STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01189

IN VARSHE UN IN LODZSH

A. Mukdoni

Permanent preservation of this book was made possible
by Mrs. Dorothy Gilbert
in honor of
her beloved children, Paul & Claire Gilbert

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר א. מוקדוני

אין ווארשע און אין לאָדזש

ביכער-סעריע

דאָס פּױלישע ייִדנטום

111

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ד״ר א. מוקדוני

אין וואַרשע און אין לאָדזש

(מײַנע באגעגענישן)

באַנד צוויי

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו

אינהאַלט פון צווייטן באַנד:

פּאָליאַקן — 7
דער פּוילישער באָיקאָט — 23
דער פּוילישער ייִד — 39
דער ייִדישער אַסימילאַטאָר אין פּוילן — 55

לאָדזש

לאָדזש — 67
לאָדזשער לאָרדן — 83
ז. סעגאַלאָוויטש — 91
דער ייִד הינטער מיין צייטונג — 99
אַרטור שיק — 108
אַ שטרייק פון זעצערס — 117
דער ביילִיס־פּראָצעס — 126

ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע און אין לאָדזש

ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע — 137
אברהם פישזאָן — 146
דאָס „מוראַנאָווער שטעלכל״ און „עליזעאום״ — 154
דער קולטור־ניוואָ פון די ייִדישע אַקטיאָרן — 163
אסתר רחל קאַמינסקי — 172
די קורצע שותפות פון ליטעראַטור און טעאַטער — 188
„דער פריינד״ און דער טעאַטער־שטורעם אין 1910 — 194
דער גרויסער טעאַטער־סימפּאָזיום — 202

פרץ הירשביין און זיין טעאַטער — — — — — — — — — — — 209
די אַנטוישונג און דער אַמעריקאַנער פעריאָד — — — — — — — — 222
די יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט — — — — — — — — — — — — 229
א. ווייטער איבער דער מדינה — — — — — — — — — — — — — 243
י. ל. פרץ אין פעטערבורג — — — — — — — — — — — — — — 250
קלאַראַ יאָנג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 256
פעני וואַדי עפשטיין — — — — — — — — — — — — — — — — 263
יידיש טעאַטער אין לאָדזש — — — — — — — — — — — — — — 272
ר. זאַסלאַווסקי, ב. טאָמאַשעווסקי, דוד קעסלער און מאָשקאָוויטש 280
נעמען־רעגיסטער פון ביידע בענדער — — — — — — — — — — — 296

21

פּאָליאַקן

איך האָב אָנגעהויבן זיך צוצוקוקן צו די פּאָליאַקן, צו די מענטשן, צו זייער פּרעסע, זייער ליטעראַטור, טעאַטער, מאָלעריי און צו זייער האַנדל און וואַנדל.

דער פּאָליאַק איז דער מערקווירדיקסטער סלאַוו, ער האָט אַלע חסרונות פון די סלאַוון, אָבער קיין איין איינציקע פון זייערע מעלות.

בכלל איז דער פּאָליאַק אַ בינטל סתירות, אַ בינטל ווידערשפּרוכן — ער איז סענטימענטאַל און אַ רשע, ער האָט ממש אַ פיזישע הנאה פון טון רשעות, דאָס הייסט, ער איז אַ שטיקל סאַדיסט, ער איז אַן אַריסטאָקראַט און אַ כאַם. זיין אַנטיסעמיטיזם, למשל, איז אַ כאַמישער, ער איז רעליגיעז און אויסגעלאַסן. ער איז מוראדיק נאַציאָנאַליסטיש און רויִנירט כסדר זיין פאָלק און זיין לאַנד, ער איז ראַפינירט און גראָב, דערהויפּט ווען ער פאַלט אַריין אין כעס, און כעסיק איז ער 24 שעה אין מעת־לעת. ער איז ריטערלעך, אַמאָל אויך רעוואָלוציאָנער, אָבער ער איז אַ גרויסער פחדן, ער איז אַ שטאָלצער, גיכער אַ בעל־גאווה, און אַ גרויסער חונף און קען זיין קנעכטיש ביז עקל, ער איז אינטעליגענט און אומוויסנדיק, ער איז עלעגאַנט, אָבער אַזוי איבערטריבן, אַז ער ווערט אַ שניידערישער מאָדעל פון אַ מאָדע־מאַגאַזין. זיי זענען גוואַלדיק גוטע, די פּאָליאַקן, אָבער זיי זענען מער פּראַנצויזן ווי פּאָליאַקן (דאָ האָב איך אין זינען די אינטעליגענץ).

די פּאָליאַקן האָבן אפשר די שענסטע מענער, איר באַגעגנט אָפט

אַ פּאַליאַק איז ער שלאַנק, בלאָנד, די אויגן בלוי און די הויט ווייס ווי מילך.

אָבער די שיינקייט זייערע איז עפּעס אַ ווייבערישע און איר פעלט כסדר דאָס וואָס מען רופט מאַנסבילשער חן.

די פרויען זענען עלעגאַנט, שלאַנק, שיין, אָבער ווידער — זיי פעלט די וואַרעמקייט, וואָס מען רופט חן.

די פּאַליאַקן האָבן אַ סך מענטשן אַנטיקן — איר באַגעגנט אַמאָל אין גאַס אַן אַלטן פּאַליאַק זעט איר אַ מענטשן און זיין קליידונג און מאַנירן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

און אויף צו־להכעיס דעם היינט און די היינטיקע טראָגט ער אויף זיך דעם גאַנצן נעכטן.

אַ פּאַליאַק, אַ מאַן און אַ פרוי, וועלן נישט אַרויס אין גאַס אָן הענטשקעס, אָבער אונטער די נעגל פון זייערע פינגער איז דאָ אַ טונקעלער זוים פון בלאָטע.

יעדער פּאַליאַק וויל זיין אָריגינעל און אינדיווידועל, אָבער אין דער אמתן האָט זיך יעדער בלויז זיין שגעון.

יעדער איז איידל, אָבער אין דער שטיל פרעגלט ער זיך אויף זיין אייגענעם פייער פון שנאה צו עמעצן, אָדער צו עפּעס.

אַ פּאַליאַק קען פיינט האָבן, למשל, אַ פלויט, אַ פּאַרקאַן פון זיין שכן מיט דער פּעכיקסטער שנאה.

דער פּאַליאַק איז אַ געניאַלער האַסער, אָבער זיין האַס איז אַן אומבאַהאָלפענער; דער האַס צעפרעסט אים אַליין.

דער פּאַליאַק איז אויסברענגעריש, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער מוראדיק קאַרג, אַזוי קאַרג און גייציק, אַז ער איז קאַפּאַבל צו דערמאָרדן אַ מענטשן צוליב עטלעכע גראָשנס.

די גרעסטע רעוואָלוציע, די גרעסטע פּאַסיע זייערע פאַרוואַנדלען זיי אין פּוסטע, ספּעקטאַקלען, ספּעקטאַקולאַרישקייט איז ממש די ליידנשאַפט פון פּאַליאַק.

ער וועט קושן די האַנט פון אַ דאַמע און וועט זי אין אַ מינוט אַרום שרעקלעך באַרעדן, און עס קומט כסדר אויס, אַז ער האָט געקושט די האַנט פון אַ פּראָסטיטוטקע, פון אַ הור, אַ שליוכע...

ער איז מוראַדיק האָנאָראָוו, אָבער ער קען זיין דער גרעסטער קנעכט; פּאָליאַקן זענען די בעסטע לאָקייען.

ער קען רעדן שעהן און מיט האַרץ אַפילו, אָבער ער איז גאָר זעלטן אויפריכטיק.

ער קען ווערן לייכט אַ מסור און קען ווערן דער גרויזאַמסטער פּי־דער פון לעבינס טשעקאַ.

ער קען וויינען ווי אַ קינד און מאַטערן מענטשן ווי דער מוראַדיקס־טער סאַדיסט.

דזשערזשינסקי, דער פאָטער פון דעם שרעקלעכן קאָמוניסטישן „טשעקאַ", האָט נישט געקענט פאַרבייגיין גלייכגילטיק אַ קינד, ער פלעגט זיך אָפּשטעלן און גלעטן און צערטלען דאָס קינד, און באַלד נאָכדעם האָט ער געהייסן דערשיסן מענטשן.

זיי זענען רעוואָלוציאָנערן, מוראַדיקע נאַציאָנאַליסטן, אָבער פּוילן איז כסדר אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע.

איצט איז זי אונטער דער הערשאַפט פון דער רויטער מאָסקווע.

זיי באַקומען אָפּט זעלבסטשטענדיקייט, אָבער זיין גראָבן זי אַליין אונטער.

„פּראָשען פּאַנאַ" גייט ביי זיי צוזאַמען מיט „פּשאַקרעוו", דאָס הייסט, — „ביטע, הער" און „הינטיש בלוט".

די פּוילישע שפּראַך שיפּעט ווי אַ שלאַנג.

מאַקסים גאָרקי, וועלכן מען קען בשום אופן נישט חושד זיין אין ראַסן־פאָראורטיילן, זאָגט ערגעץ, אַז דער אַלמעכטיקער האָט אַזוי באַ־שטראָפט די פּאָליאַקן, אַז ער האָט זיי געגעבן אַ שפּראַך, וואָס שיפּעט ווי אַ שלאַנג.

די פּאָליאַקן זענען פאַלש, זיי האָבן אַזוי פיל מאָל געברידערט זיך מיט די ייִדן, ייִדן האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאַר פּוילן און אויף מאָרגן האָבן זיי פאַרראַטן די ייִדן.

דאָס זענען נישט קיין סברות, דאָס זענען היסטאָרישע פאַקטן.

די רוסן האָבן אַמאָל, פאַרן באָלשעוויזם, געהאַט אַ וווּנדערלעכע אינטעליגענץ, אַן אינטעליגענץ ממש פון לויטער צדיקים.

די פּאָליאַקן האָבן אַ צעוועדעמטע אינטעליגענץ.

ד"ר א. מוקדוני

איך האָב געזען מיט מיינע אויגן ווי די פּוילישע אינטעליגענץ האָט אָרגאַניזירט דעם באַוווסטן באָיקאָט אויף ייִדן.

און דאָ איז דער אינטעליגענט געגאַנגען געאָרעמט מיטן פּעבל.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די צאַרישע אַרמייען האָבן פאַרפלייצט פּוילן, זענען זיי געגאַנגען מיט די צאַרישע אַנטיסעמיטן, זיי האָבן געמאַכט שותפות מיט זייער גרעסטן שונא, כדי צו פּייניקן דעם שוואַכן, שוצלאָזן שכן זייערן, דעם ייִדן.

אין דעם אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך עס געזען מיט מיינע אויגן.

איך האָב געזען ווי טאַטעס און מאַמעס פלעגן אַרויסשיקן זייערע קינדער אין גאַס אַריין צו מסרן ייִדן, אַז זיי זענען שפּיאָנען.

ייִדן האָבן זיך געפונען ממש אין אַ פּאַסטקע, פון איין זייט די רוסישע כוליגאַנעס און פון דער אַנדערער זייט די פּוילישע מוסרים.

אין צייט פון דער באַפרייטער, זעלבסטשטענדיקער פּוילישער רעפּובליק מיטן „רעוואָלוציאָנער" פּילסודסקי בראש, זענען ייִדן סיסטעמאַטיש פויפעריזירט געוואָרן, מען האָט סיסטעמאַטיש פאַראָרעמט ייִדן.

ווען נישט די גרויסע וויטאַליטעט פון דעם פּוילישן ייִדן, ווען נישט זיין גרויסע ענערגיע און זיין גוואַלדיקע רעזיסטענץ וואָלטן זיי אומגעקומען.

און אין דער צייט פון היטלערס אָקופּאַציע האָבן מיר צענדליקער און צענדליקער ביכער פון די לעבנגעבליבענע ייִדן וועגן דער נאָענטער שותפות פון פּאָליאַקן מיט די היטלער־מערדער.

עס איז ממש גרויליק צו לייענען וועגן דער רשעות פון די פּאָליאַקן.

זיי האָבן געהאָלפן דעם געמיינסטן אָקופּאַנט זייערן, און דער דייטש האָט זיי געפּייניקט כמעט ווי ייִדן, ער האָט שטיקער טעריטאָריע פון פּוילן אַנעקסירט אָפן.

אָבער די פּאָליאַקן האָבן געהאָלפן די היטלער־מערדער צו אויסראָטן ייִדן.

און אויב זיי האָבן דאָ און דאָרט אויסבאַהאַלטן אַ ייִדן איז עס גע־

ווען פאַר שווער געלט, דאָ איז דער פּאָליאַק געשטאַנען פאַר אַ דילעמא — מיט וועמען גיין? ווער וועט געבן מער, דער ייִד צי דער דייטש?

און אויב דער ייִד האָט געגעבן מער, האָט ער געמאַכט געשעפט מיטן לעבן פון דעם ייִדן.

פּוילישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געשאָסן ייִדן ריכטיק ווי די דייטשן ביי יעדער געלעגנהייט.

און האָט מען זיי איבערגעגעבן אַ ייִדיש קינד צו אויסבאַהאַלטן פאַר גרויס געלט, האָבן זיי צוריקגעגעבן דאָס ייִדיש קינד, נאָך דער מפּלה פון היטלערן, אַ פאַרסמטן פון אַנטיסעמיטיזם און פון קאַטאָליציזם...

מען קען ממש צוזאַמענגעמען צענדליקער און צענדליקער ביכער וועגן דער רשעות פון פּאָליאַקן אונטער דער אָקופּאַציע פון דעם בלוטיקן היטלער.

יאָ, דער פּאָליאַק וועט בלייבן נאָך היטלערן אונדזער היסטאָרישער עמלק, וואָס האָט געמאַכט שותפות מיט יעדן מערדער פון ייִדן.

***

די פּוילישע פּרעסע איז געווען פאַר מיין צייט, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַנטיסעמיטיש ראשית כל, בכלל איז זי געווען האַלב־פּראָווינציעל און האַלב — גרויס־וועלטיש, האַלב־ערנסט און האַלב געל.

די האַלב־געלקייט פון דעם פּאָליאַק האָט זיך שאַרף אָפּגעשפּיגלט אין זיין פּרעסע.

געווען אַ צייטונג „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" (וואַרשעווער צייטונג), איז זי געווען אַן אַלטע, קאָנסערוואַטיווע צייטונג.

זי איז געווען אַריסטאָקראַטיש, אָבער איר אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ פלעבעיִשער, אַ המונישער.

געווען אַ צייטונג „קוריער פּאָראַנני", אַ קאָכיקע צייטונג, זי איז געווען דאָ און דאָרט ליבעראַלער, אָבער דאָס האָט אַבסאָלוט נישט געשטערט איר צו זיין אַנטיסעמיטיש, נישט אַזוי סיסטעמאַטיש ווי אַנדערע, אָבער שאַרף און בייסיק אַנטיסעמיטיש.

די דאָזיקע צייטונג פלעגט זיך מער ווי אַלע מישן אין ייִדישע אָנגעלעגנהייטן, זי האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל ייִדישע לייענער.

זי פלעגט אַפילו האָבן יידישע נייעס מער ווי אַנדערע און פלעגט אָפּשפּיגלען דאָס יידישע לעבן מער ווי אַנדערע.

אָבער זי האָט שרעקלעך מורא געהאַט, אַז מען זאָל איר אויפוואַרפן איר יידן־פריינטלעכקייט, אין דער גוטער פּוילישער געזעלשאַפט איז איר יידן־פריינטלעכקייט געווען אַ מיאוסער טאָן און טאַקע אַ גרויסע זינד.

פלעגט די דאָזיקע צייטונג אַ טאָג זיין יידן־פריינטלעך, דערפאַר פלעגט זי זיין מאָרגן שאַרף אַנטיסעמיטיש.

די דאָזיקע צייטונג פלעגט זיך אַזוי וואַרפן אהין און אַהער, ווייל זי האָט געוואָלט אַנהאַלטן דעם יידישן לייענער און נישט פאַרלירן איר פּרעסטיזש אין דער גוטער פּוילישער געזעלשאַפט.

געווען אַ כוליגאַניש־אַנטיסעמיטיש צייטונגל אין מיין צייט, זי האָט געהייסן „דוואַ גראָשע״ (צוויי גראָשנס, די קלענסטע רוסישע מטבע), אַ צייטונגל ווי אַ קליין בייז הינטל, וואָס בילט שטאַרקער און פאַרביסענער פאַר די גרויסע הינט.

די דאָזיקע צייטונג איז געווען געל און כוליגאַניש־אַנטיסעמיטיש.

דאָס איז געווען די צייטונג פון פאָלק, די צייטונג פון דעם המון, זי האָט געקאָסט ביליק און האָט גערעדט דעם לשון פון דעם המון.

עס זענען געווען אין דער פּוילישער פּרעסע אַ היבש ביסל גוטע זשורנאַליסטן, פעיִקע און באַגאַבטע, אָבער עפּעס נישט קיין סאָלידע, נישט קיין ערנסטע און נישט שטאַרק פּרינציפּיעלע.

עס זענען געווען זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך געצאַצקעט מיטן לשון, אַרויסגעשטעלט די רייכקייט פון פּוילישן לשון „באַ פּאַקאָז״: דאָס איז ראשית געווען אַ נאַציאָנאַלער חוב פון אַ געיאָגטער און פאַריאָכ־טער נאַציע און עס איז אויך געלעגן אין דעם אַ פּראָטעסט קעגן דעם „מאָסקאַל״, קעגן דעם מאָסקווער צורר.

פאַרשטייט זיך, אַז די פּוילישע פּרעסע איז געווען רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַליסטיש, ווי עס איז געווען די רוסישע פּרעסע, די גאַנצע רוסי־שע פּרעסע, מיט דעם אויסנאַם פון „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״ און עטלעכע לאָ־קאַלע פּאַטריאָטיש־כוליגאַנישע צייטונגען, איז געווען רעוואָלוציאָנער און נאַציאָנאַליסטיש.

אָבער די רוסישע פּרעסע איז געווען ליבעראַל.

די רוסישע פּרעסע האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב זי וועט זיין, למשל, אַנטיסעמיטיש גייט זי מיטן צאַר און נישט קעגן, זי העלפט דעם צאַר און זי קעמפט נישט קעגן אים...

דאָס האָט די פּוילישע פּרעסע נישט פאַרשטאַנען.

זי האָט עס אַפילו נישט פאַרשטאַנען ווען פּוילן איז באַפרייט געוואָרן און געוואָרן זעלבסטשטענדיק.

און מיט דעם האָט זי אונטערגעגראָבן איר עקזיסטענץ.

פּוילן איז געווען צאַריסטיש אין תוך ווען אַפילו זי האָט געהאַסט דעם צאַריזם.

און דער סוף איז, אַז זי איז איצט אויך אונטער דעם קנאַפּל פון דעם רוס, פון דעם אַזוי גערופענעם רויטן רוס, וואָס איז נאָך האַרטער פאַרן שוואַרצן רוס.

פּוילן האָט געהאַט גוטע נאַציאָנאַליסטן, אָבער פּוילן האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אמתע רעוואָלוציאָנערן. ווען איר פלעגט אַ קראַץ טון גוט אַ פּוילישן רעוואָלוציאָנער, אָדער ראַדיקאַל פלעגט אַרויסשפּרינגען אַ שוואַרצער אַנטיסעמיט און רעאַקציאָנער.

און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, די גרויסע טראַגעדיע פון פּוילן און מיט דעם דערקלערט זיך איר אייביקע פאַריאָכונג פון פרעמדע מלוכות.

אַפילו די פּוילישע סאָציאַליסטן זענען געווען רעאַקציאָנער, זיי זענען געווען אַנטיסעמיטיש און שוואַרץ, די רויטקייט פון סאָציאַליזם איז אויף זיי נישט געווען קענטיק.

דער פּוילישער סאָציאַליזם האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו קעמפן צוזאַמען מיט די יידן קעגן די היטלעריסטישע בעסטיעס.

דאָס דערציילן אַלע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו זיי הונדערטער מאָל.

און איצט פאַראַדירן די דאָזיקע אַנטיסעמיטן ווי קאָמוניסטן.

יאָ, דער פּוילישער איז עפּעס אַ געבוירענער רעאַקציאָנער, און ער בלייבט אַ רעאַקציאָנער אונטער אַלע ראַדיקאַלע גילגולים.

און פּרובירן אַמאָל די פּוילישע ראַדיקאַלן שפּילן פריינטשאַפט מיט יידן אין אַ גרויסער עת־צרה פאַר זיי, ענדיקט זיך די פריינטשאַפט כסדר מיט אַ פאַרראַט מצד די פּאָליאַקן.

דאָס האָט, אַגב, ד"ר י. שאַצקי שאַרף און קלאָר אַרויסגעבראַכט אין זיין „געשיכטע פון וואַרשע".

*****

פוילן האָט געהאַט און האָט גאָר אַ סך טאַלאַנטפולע שרייבער; זיי זענען שאַרף, זיי זענען מאָדערניסטיש, זיי זענען מיסטיש און נאַציאָנאַליסטיש.

אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין וועלט-שריפטשטעלער ווי אַ דאָסטאָיעווסקי, ווי אַ טאָלסטאָי.

זייער נאַציאָנאַליזם האָט נישט קיין פאַרנעם און קיין שווונג, ער זאָגט גאָרנישט צו דער וועלט, און דעריבער פאַרכאַפּט ער נישט.

זיי זענען שאַרף מאָדערניסטיש, יעדע נייע ליטעראַרישע שטרעמונג געפינט אַ שאַרפן אָפּקלאַנג אין דער פוילישער ליטעראַטור, אַן אָפּקלאַנג, וואָס איז אַפילו שאַרפער פון דעם אָריגינאַל, פון וועלכן דער אָפּקלאַנג קומט.

זייער מיסטיק איז נישט קיין טיפע, זי איז קאַטויליש, זי איז אָבער נישט פאַרכאַפּנדיק און נישט טיף.

אין דער פוילישער ליטעראַטור זענען דאָ ווייניק יידן-פריינטלעכע ביכער.

געווען בלויז איין שריפטשטעלערין, עליזא אָזשעשקאָ, וואָס איז געווען דורכאויס יידן-פריינטלעך, איר וועט געפינען ביי מיצקעוויטשן הויך מענטשלעכע שטעלן אין זיינע ווערק, איר וועט געפינען ביי אַנדערע שריפטשטעלער און דאָ און דאָרט אַ יידן-פריינטלעכע שטעלע.

אָבער די יידן-פריינטלעכע שטעלן זענען צוגעוואָרפן יידן מיט פריצישער גאווה און פון אויבן-אַראָפּ.

פאַראַן אין דער פוילישער ליטעראַטור אויך יידן שריפטשטעלער, זענען די יידן אָדער געשמדטע, אָדער אַנטיסעמיטיש.

דער פוילישער דיכטער סלאָנימסקי, אַן אייניקל פון דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „הצפירה", איז אַ געשמדטער.

דער דיכטער יוליאַן טובים איז אַסימילירט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, און איז דאָ און דאָרט, אין זיינע לידער אַנטיסעמיטיש.

אין דער צייט פון דעם היטלעריסטישן פּלאָג האָט ער זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע, און דאָ זאָל ער האָבן כלומרשט אַביסל תשובה געטון, ער האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע געפּייניקטע ברידער.

עס איז געווען אַ סך מליצה אין זיין דערקענען זיך צו ייִדן, אָבער ווייניק אויפריכטיקייט.

און זיין תשובה האָט אָנגעהאַלטן פון אסתר תענית ביז פּורים; באַלד נאָך היטלערס מפּלה איז ער אַוועק קיין פּוילן און מען הערט נישט פון זיין תשובה און חרטה.

געווען איין אויסגעהאַלטענער ייִדן־פריינטלעכער פּאָליאַק, ער איז געווען אַ פּראָפעסאָר, אָבער דער דאָזיקער ייִדן־פריינט האָט דורכאויס אַ פּראַנצויזישן פאַמיליען־נאָמען...

**
*

דער פּוילישער טעאַטער איז דער טשעקאַוואסטער אין דער וועלט, ער קען זיין ביז גאָר ראַפינירט, אָבער געזונט־קינסטלעריש קען ער נישט זיין.

אין פּוילישן טעאַטער ווערן געשפּילט די ראַפינירטע, די האַלב־אַריסטאָקראַטיש־קראַנקע פּיעסן זייער סובטיל און זייער שאַרף.

אָבער אַ געזונטע, קערנדיקע פּיעסע, אַ פּיעסע מיט פּשוטע, געזונטע כאַראַקטערן און מיט אַ פּשוטן און געזונטן אינהאַלט שפּילן זיי בפירוש שלעכט.

זיי שפּילן גוט מיסטישן רעפּערטואַר, נאָך בעסער — ווען דער מיסטיציזם איז געמישט מיט פּוילישן נאַציאָנאַליזם.

דאָ זענען זיי אויף זייער פערדל.

דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם איז מיסטיש, דאָס הייסט, ער איז פּשוט קראַנק.

פאַרן פּוילישן נאַציאָנאַליסט איז אַן אַלט־פּוילן מיט די משוגענע פּריצים, מיטן משוגענעם סיים דער העכסטער אידעאַל.

פּילסודסקי איז געווען אין זיינע פריִערדיקע רעוואָלוציאָנערע יאָרן אַ סאָציאַליסט מיט אַ ניכטערן קאָפּ, ווי אָבער פּוילן איז באַפרייט געוואָרן און ער איז געוואָרן דער קאָפּ פון דער פּוילישער רעגירונג, איז ער

געוואָרן נאַציאָנאַליסטיש־מיסטיש און איז געוואָרן דער אַלטער משוגע־נער פּוילישער און רעאַקציאָנערער פּריץ.

דער פּוילישער טעאַטער האָט געהאַט גוטע, ביז גאָר עלעגאַנטע אָפּערעטע־אַקטריסעס אין מיין צייט.

די פּוילישע פרוי איז עלעגאַנט, דער פּוילישער מאַנסביל איז עלע־גאַנט ווי אַ פרוי, ער קען טאַנצן ווי אַ פרוי און קליידן קליידט ער זיך נאָך בעסער ווי אַ פרוי.

אין זכרון זענען מיר געבליבן צוויי פּוילישע אָפּערעטן־אַקטריסעס, איינע האָט געהייסן מעסאַל און די אַנדערע קאַוועצקאַ, די ערשטע יינגער, די צווייטע עלטער און שוין אַביסעלע באַלייבט.

ביידע זענען געווען ממש אידעאַלע אָפּערעטן־אַקטריסעס.

אויב דאָס זינגען איז געווען נישט אויף דער העכסטער מדרגה, איז דערפאַר געווען זייער שפּילן דאָס עלעגאַנטסטע, וואָס עס איז מיר אויס־געקומען צו זען אין לעבן.

מעסאַל איז געווען שלאַנק, עלעגאַנט און רייצנדיק.

ווי זי פלעגט זיך באַווייזן אויף דער בינע איז די בינע געוואָרן עפּעס פול מיט איר, אַלץ איז געוואָרן עלעגאַנט, ריטמיש און גראַציעז.

דער פּוילישער מאַן, אין אַן עלעגאַנטער ווינער אָפּערעטע, שטייט נישט אָפּ פון דער פרוי.

אָט דאָס לייכטע שפּילן, אָט די לײדיקע עלעגאַנץ און אָט די באַ־לערנדיקע, אָבער אויבערפלעכלעכע גראַציע איז טיפּיש פּויליש.

אָבער זי איז נישט שעפעריש אָט די עלעגאַנץ און די גראַציע די פּוילישע.

דווקא דער רוסישער בער, דער ווייניק גראַציעזער, דער ווייניק עלעגאַנטער רוס, האָט געשאַפן דעם בעסטן טעאַטער און דעם בעסטן באַלעט.

דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער בער פאַרמאָגט עפּעס אַן אינער־לעכע גראַציע, אַ שעפערישע גראַציע און אַן אינערלעכן ריטם.

איך האָב באַגעגנט גרויסע רוסישע שוישפּילער אויף דער גאַס אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, זענען זיי געווען בערן, אָפּגעלאָזענע, אומ־געלומפּערטע און שווער־טראָטיקע בערן. אין אָוונט האָב איך זיי געזען

אויף דער סצענע און מיר האָט זיך אָפּט נישט געוואָלט גלויבן, אַז אָט דער וווּנדערלעכער קינסטלער איז דער אָפּגעלאָזענער בער, וואָס איך האָב היינט געזען אין גאָס.

איך האָב באַמערקט, אַז דער פּוילישער טעאַטער שפּילט זייער גוט אויסלענדישן רעפּערטואַר, דער עיקרשט — דעם אויסלענדישן סאַלאָן־רעפּערטואַר.

דער פּוילישער שוישפּילער טרעט אַרויס אויף דער סצענע אין אַן אויסלענדישער סאַלאָן־קאָמעדיע און ער פילט זיך באַלד אין דערהיים.

ער פילט זיך אין איר בעסער ווי אין זיין אייגענער פּוילישער קאָ־מעדיע, אָדער דראַמע.

עס איז כמעט נישטאָ קיין טיפּישע פּוילישע דראַמע.

די בעסטע דראַמעס זייערע זענען דעגענערירטע, די עראָטיק אין זיי איז עפּעס אַ קראַנקע, אָדער זיי זענען מיסטיש און די מיסטיק איז אַ קראַנקע.

עס איז כמעט נישטאָ אין פּוילישן טעאַטער קיין פאָלקס־דראַמע, אויף וועלכער אַלע טעאַטערס זענען אייגנטלעך געבויט.

די פריצישע דראַמע איז דאָ אָנשטאָט דער פאָלקס־דראַמע.

די טעאַטער־קריטיק איז עלעגאַנט און פּיקאַנט, זי איז שיין גע־שריבן, זי קושט די האַנט פון די עלעגאַנטע אַקטריסעס און פאַרנייגט זיך טיף פאַר די מענער־שוישפּילער.

די טעאַטער־קריטיק איז אַמאָל וויציק, שאַרפזיניק, אָבער קיינמאָל נישט טיף.

קורץ — די טעאַטער־קריטיק איז ווי דער טעאַטער.

***

דער פּאָליאַק אין דער וואַרשעווער גאַס איז אַ סטודיע פאַר זיך אַליין.

איך וועל פּרובירן געבן בלויז עטלעכע שטריכן פון דעם פּאָליאַק אין דער וואַרשעווער גאַס אין מיין צייט, ד״ה, אין דער צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ד״ר א. מוקדוני

אין גאַס איז דער פּאָליאַק מער פּאָליאַק ווי אין הויז, ווי אין טעאַ־טער און ווי אין קאַפע.

ער גייט מיט אַ גוואַלדיקן שטאָלץ, ער גייט דעמאָנסטראַטיוו, יע־דער פּאָליאַק איז אַ דעמאָנסטראַציע פאַר פּוילן.

זיין גאַנג זאָגט בקול רם די רוסן, די פרעמדע אריינדרינגער און הערשער און די ייִדן, די נישט־געוווּנטשענע בירגער:

— איך בין דער באַלעבאָס, איך בין אַ פּאָליאַק און דאָס איז מיין ערד און איר אַלע פרעמדע טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען...

הכלל — ער גייט אין גאַס ווי אויף אַ דעמאָנסטראַציע.

ער גייט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און מיט פעסטע טריט.

און באַגעגנט ער אַ פריינט רעדט ער פויליש הויך און דעמאָנסט־ראַטיוו.

ער רעדט דעם בעסטן פויליש, דעם ליטעראַרישסטן פויליש.

און באַגעגנט ער אַ באַקאַנטע דאַמע אין גאַס, איז ער ממש ריטער־לעך, ער קושט די האַנט פון דער דאַמע אפעקטירט.

און באַשיט זי מיט די שענסטע, מיט געקליבנסטע קאָמפּלימענטן:

די דאַמע איז היינט שיין ווי די זון, און געקליידט איז זי די דאַמע היינט ווי אַ פרינצעסין, און אין די אויגן אירע באָדן זיך זונען אאַז״וו.

און ביים צעשיידן זיך איז ווידער געקושט די האַנט פון דער דאַמע, און ווידער געלאָזט איר וויסן, אַז עס איז געווען דאָס גרעסטע פאַרגע־ניגן צו באַגעגענען זי.

הכלל — אַ סצענע אָפּגעשפּילט אין סאַמע מיטן פון דער גאַס.

און פאַר אַן עולם, וואָס דאַרף צעפּוקעט ווערן, צעפּלאַצט ווערן...

פון וואָס?

דאָס ווייסט ער אַליין נישט מסתמא.

אין וואַרשע איז דער פּאָליאַק דער באַלעבאָס.

אָבער ווי עס קומט צו אַנטיסעמיטיזם איז ער אַ שותף מיטן מאָסקאַל

איז דעם ייִדן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע פאַרבאָטן דער אַריינגאַנג אין דעם זאַקסישן גאָרטן (אַ שטאָטישער פּאַרק). שטרענג פאַרבאָטן.

באַגעגנט מען אַ ייִדן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע אין גאָרטן, פּירט מען אים באַלד אַרויס.

אָבער ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיידן אויס ווי אַ פּעסט דעם דאָ־זיקן גאָרטן.

און דאָס קרענקט דעם פּאָליאַק. ער וואָלט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן זיך דווקא רייסן צו דעם דאָזיקן גאָרטן, און ער מיט דער הילף פון די רוסן זאָלן זיי אַרויסוואַרפן.

עס וואָלט געווען ספּעקטאַקולאַר...

און ער האָט אַזוי ליב ספּעקטאַקלס...

און זיין שנאה וועט באַקומען אַ סך נאַרונג און זי וועט אויך עפּעס טון, עפּעס ממשותדיקס...

אָבער ייִדן אין קאַפּאָטעס פאַרשאַפן אים זעלטן דעם פאַרגעניגן.

און דער פּאָליאַק האָט גרויס פאַרגעניגן ווען ער זעט איינמאָל אין אַ יאָר ווי מען פירט אַרויס אַ ייִדן פון זאַקסישן גאָרטן.

דער פּאָליאַק איז אַ ביטערער רשע.

ער האָט הנאה פון רשעות.

דער רוסישער קען היינט זיין אַ כוליגאַן און אַפילו אַ פּאָגראָמ־שטשיק און מאָרגן קען ער וויינען ווי אַ קינד און שלאָגן זיין קאָפּ אין וואַנט פאַר די זינד, וואָס ער איז נעכטן באַגאַנגען.

דער פּאָליאַק איז נישט קיין בעל־תשובה.

אַז ער איז שטענדיק גערעכט, אַז ער איז גוט און שיין, דערהויבן און גרויסמוטיק.

ער איז דער אמתער מענטש, דער מענטש מיט אַלע מעלות.

איז אויף וואָס זאָל ער תשובה טון?

אין דער שטאָט וואַרשע שווימלט און גריבלט מיט לעבעדיקע ייִדן.

און אין דער שטאָט וואַרשע לעבט דער פּאָליאַק און האָט ממש הנאה צו פיינט האָבן דעם מאָסקאָל און דעם ייִדן.

נעמט ביי אים צו די מעגלעכקייט צו פיינט האָבן עמעצן וועט ער אָנהויבן פיינט האָבן זיך אַליין.

ווייל פיינט האָבן מוז ער.

עס איז זיין צווייטע נאַטור.

ד"ר א. מוקדוני

אָבער זיין שנאה איז אַן אָנמעכטיקע, זי איז נישט קיין קאָנסטרוק־טיווע, ווייל זי איז נישט קיין רעוואָלוציאָנערע.

אַרום און אַרום איז דער פּאָליאַק אַ טראַגישע געשטאַלט.

ער איז אַזוי טראַגיש ווי קיינער אויף גאָטס ערד...

***

דער פּאָליאַק איז אַ שלעכטער פּאָליטיקער.

אַזאַ שלעכטער אַז ער טוט און פאַרלירט כסדר זיין לאַנד און זיין זעלבסטשטענדיקייט.

ווערט ער זעלבסטשטענדיק, ווערט ער ביי זיך אַזוי גדולדיק, אַזוי האפּערדיק, אַז ער פאַרגעסט אינגאַנצן אַז ער קען פאַרלירן צוריק זיין זעלבסטשטענדיקייט.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט פּוילן געגעבן איר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

פּוילן איז געוואָרן אַ מדינה.

צוליב פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה, דער ערשטער מאַרש פון היטלערס חילות איז געווען אויף פּוילן.

און מיט אַ פּאָר חדשים, אָדער אַ פּאָר וואָכן פריִער, האָט מען זיך געקושט אין די פּיסקעס מיט די נאַציס.

די נאַציס זענען געווען אָפטע געסט פון פּוילן.

דער שמאַלציקער הערמאַן גערינג איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין פּוילן; ער פלעגט גיין צוזאַמען מיט פּוילישע פּריצים אויף יאַגד אין די פּוילישע וועלדער.

און דער פּוילישער מיניסטער פון אויסערן יוזעף בעק איז געווען דער אָפטסטער גאַסט אין בערלין.

מען האָט זיך געחברט, מען האָט זיך געברידערט.

און די פּוילישע פּאָליטיקער האָבן נישט חושד געווען, אַז זיי וועלן זיין די ערשטע אויף היטלערס פייער.

און בשעת דער מלחמה האָבן זיי געפירט אַ טיפּיש פּוילישע פּאָלי־טיק, דאָס הייסט, אַ פאַלשע און אַ פּסולע.

זיי האָבן געהאַט גאַנצע צוויי רעגירונגען אין פרעמדע לענדער: איין פּוילישע גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

און אַ צווייטע פּוילישע רעגירונג אין סאָוועט־רוסלאַנד.

און, פאַרשטייט זיך, אַז דער נאָענטסטער שכן, סאָוועט־רוסלאַנד, האָט פאַרנומען פּוילן.

אָבער געהייסן האָט עס, אַז די פּוילישע קאָמוניסטן זענען געקומען צוריק קיין פּוילן מיט זייער רעגירונג.

פון וואַנען האָבן זיך גענומען פּוילישע קאָמוניסטן אין אַזאַ צאָל?

פּוילן איז צו נאַציאָנאַליסטיש, צו פּויליש, צו פּריציש צו זיין קאָמוניסטיש, בפרט אויף דעם מאָסקאַלישן (רוסישן) שטייגער.

פּוילן האָט געהאַט איינצלנע קאָמוניסטן.

פּוילן האָט די ערשטע געפירט אַ מלחמה מיט דער יונגער סאָוועטישער רעגירונג, זי האָט שוין שיער־שיער נישט פאַרנומען קיעוו.

אָבער באַלד האָט די זיגרייכע פּוילישע אַרמייען אָנגעהויבן לויפן צוריק און די רוסן, אָדער די קאָמוניסטן, האָבן שוין געהאַלטן ביי וואַרשע.

און עס האָט געמוזט קומען אַ פראַנצויזישער גענעראַל און ראַטעווען פּוילן פון דער ביטערער סיטואַציע.

סאָוועט־רוסלאַנד איז נאָך געווען יונג און שוואַך, און זי האָט זיך אָפּגעטראָגן פון פּוילן.

און פּוילן איז געוואָרן די סאַמע סאָוועטיש־פיינטלעכע מלוכה אויף דער וועלט.

האָט מען איינעם חושד געווען אין קאָמוניזם האָט מען אים פאַרשיקט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע.

און גראָד די קאָמוניסטישע רעגירונג אין פּוילן האָט פון אָנהויב ביז גאָר גוט באַהאַנדלט די רעשטלעך יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון היטלערס בעסטיעס און די, וועלכע זענען געקומען צוריק פון סאָוועט־רוסלאַנד.

יאָ, די פּוילישע רעגירונג האָט זיך געפילט שולדיק קעגן די יידן און האָט געזוכט צו פאַרגלעטן די פּוילישע זינד קעגן יידן.

אָבער באַלד איז געקומען סטאַלין מיט זיין אַנטי־יידישער פּאָליטיק און האָט אויסגעגלייכט די פּאָליטיק פון אַלע רויטע מלוכות בנוגע יידן.

און פוילן איז נישט באַשערט געווען, ווען זי האָט אַפילו געוואָלט, צו תשובה טון אַביסל אויף די גרויסע זינד, פון דעם פוילישן פאָלק קעגן ייִדן.

זינד שווערע, זינד פון באַיקאָט און פאָגראָמען, זינד פון געטאָס אין די אוניווערזיטעטן, זינד פון שלאָגן ייִדישע סטודענטן פון מענלעכן און ווייבלעכן געשלעכט.

זינד פון פוילישע רעגירונגען, זינד פון דער פוילישער יוגנט, זינד פון די פוילישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די ייִדישע העלדן אַביסל געווער ווען זיי האָבן זיך געראַנגלט אין געטאָ מיט דער שרעקלעכער דייטשער בעסטיע.

זינד פון די „שמאַלצאָווניקעס", וואָס פלעגן אויסזויגן דאָס בלוט ביי די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן „אויף דער אַרישער זייט" און צום סוף־סוף זיי איבערגעגעבן די דייטשע חיות צו פאַרצוקן.

קיין פאָלק, אויסער דאָס בעסטיאַלישע דייטשע פאָלק, האָט זיך נישט איזדיעקעוועט אַזוי איבער ייִדן, ווי דאָס פוילישע פאָלק.

אין ביאַליסטאָק פלעגן ייִדן, אין דער צייט פון דער פוילישער הערשאַפט, פאַרהאַקן די לאָדן 8־9 אַזייגער אינאָוונט, ווייל אויב די לאָדן פלעגן נישט זיין פאַרמאַכט פלעגן פליִען שטיינער אין ייִדישע הייזער...

און צו אונדזער גרויסן צער האָבן מיר אַזעלכע ייִדן, וואָס שטערן די רעשטלעך פון די פוילישע ייִדן צו פאַרלאָזן פוילן.

ייִדן מוזן בלייבן אין פוילן, אויף דעם גרעסטן ייִדישן בית־עלמן, אויף דעם בית־עלמן פון דריי מיליאָן ייִדן.

ייִדן, הייסט עס, מוזן אויסטרינקען דעם בעכער מיט סם ביז דעם לעצטן טראָפּן.

די רעשטלעך פון די לעבנגעבליבענע ייִדן, די צעבראָכענע, די פאַראומגליקטע געהערן אויף פוילן.

פוילן דאַרף מיט אירע הענט פאַרענדיקן דאָס וואָס די נאַציס האָבן אָנגעהויבן.

און אָט די פּאָליאַקן רעדן וועגן פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וועגן אמתער דעמאָקראַטיע און וועגן אמתן סאָציאַליזם...

22

דער פוילישער באָיקאָט

I

די באַציִונגען צווישן פּאָליאַקן און ייִדן איז געוואָרן אין מיין צייט ממש פון טאָג צו טאָג אָנגעצויגענער און אָנגעצויגענער.

קיין באַזונדערע, אָדער ספּעציעלע סיבות זענען פון אָנהויב נישט געווען, על כל פּנים איז מצד די ייִדן קיין שום פּראָוואָקאַציע נישט געווען. ייִדן זענען זיך אָנגעגאַנגען מיט זייער האַנדל, מיט זייערע מלאכות ווי פון דורות און דורות.

אמת, ייִדן האָבן געהאַט מער רעכט אין פּוילן ווי אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ פּאָליטיק אַזאַ פון דער צאַרישער רעגירונג, זי האָט די ייִדן אין פּוילן געוואָלט האָבן אויף איר זייט, אָדער לכל הפּחות נישט שטויסן זיי אין די אָרעמס פון די פּאָליאַקן.

עס איז די אַלטע פּאָליטיק פון „דיווידע עט אימפּעראַ", צעטייל די באַפעלקערונג און עס וועט זיין לייכטער צו הערשן.

אַ פּאַראייניקטער פראָנט צווישן ייִדן און פּאָליאַקן וואָלט פאַרשאַפט דער צאַרישער רעגירונג פיל קאָפּדרייעניש און עגמת־נפש.

אָבער די פּוילישע ייִדן האָבן זיך נישט געלאָזט פאַנגען אויף דער דאָזיקער צאַרישער פּאָליטישער ווענטקע, זיי זענען געווען פּאָליטיש פּאָליאַקן נישט ערגער פון די פּאָליאַקן גופא. פון אַ מלוכה־שטאַנדפּונקט זענען די ייִדן געווען אַ סך סאָלידער, אַ סך אַרבעטזאַמער און אַ סך שעפערישער פון די פּאָליאַקן.

ד״ר א. מוקדוני

אָבער דער טיפשדיקער פּוילישער פּאָליטיקער האָט בידים אַריינ־געשפּילט אין די הענט פון דער צאַרישער רעגירונג. אויב דער צאַרישער רעגירונג האָט זיך נישט איינגעגעבן צו צעטיילן די באַפעלקערונג פון פּוילן, בכדי צו מאַכן איר הערשאַפט איבער פּוילן ווייניקער קאָמפּליצירט, האָבן עס די פּאָליאַקן געטון פאַר דער צאַרישער רעגירונג.

די באַציִונגען צווישן די פּאָליאַקן און יידן זענען געווען אזוי אָנגע־צויגן, אין די יאָרן נאָענט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז יעדער קליינער אינצידענט האָט לייכט געקענט צעשפּאַלטן די באַפעלקערונג אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן.

און דער אינצידענט איז געקומען.

עס זענען געקומען אין יאָר 1912 אָדער 1913 די וואַלן צו דער רוסישער דומע און וואַרשע האָט באַדאַרפט שיקן אַ דעפּוטאַט אין דער דאָזיקער דומע.

יידן זענען נישט געווען קיין מערהייט אין וואַרשע, אָבער אַ גענוג גרויסע מינדערהייט, וואָס קען אַנטשיידן מיט אירע שטימען לטובת דעם אָדער יענעם קאַנדידאַט.

אַגב, האָט דער רוסישער וואַל־געזעץ געגעבן די יידן אַ געוויסע מאַכט אין די וואַלן; אַ ווילער, לויטן צאַרישן געזעץ האָט געקענט זיין בלויז איינער, וואָס איז אַן אייגנטימער פון אַ הויז, און די צאָל פון יידי־שע אייגנטימער פון הייזער איז געווען גענוג גרויס צו קענען שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין די וואַלן.

געוויינלעך פלעגן זיך די פּאָליאַקן צוזאַמענריידן מיט די יידן וועגן אַ קאַנדידאַט, און דער קאַנדידאַט איז געווען אַ בשותפותדיקער און איז דורכגעגאַנגען אָן קיין שום שוועריקייטן.

אָבער דאָס מאָל האָבן די פּאָליאַקן אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדי־דאַט נישט צוזאַמענריידנדיק זיך מיט די יידן.

און דער קאַנדידאַט איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער, אָפענער און גראָבער אַנטיסעמיט.

די פּאָליאַקן האָבן געלאָזט וויסן די יידן, אַז דאָס איז זייער קאַנ־דידאַט און יידן דאַרפן שטימען פאַר אים כשנים קדמוניות.

זענען יידן געלאָפן צום פּוילישן וואַל־קאָמיטעט, געטענהט, דער־

קלערט, אַז זיי קענען נישט שטימען פאַר אַן אַנטיסעמיט, דער פּוילישער וואַל־קאָמיטעט שטעלט דאָך יידן אין אַ זייער שלעכטער לאַגע...

האָבן די פּאָליאַקן געענטפערט קורץ און שאַרף:

— דאָס איז אונדזער קאַנדידאַט און איר מוזט שטימען פאַר אים.

— אָבער, ווי קענען מיר שטימען פאַר אַן אַנטיסעמיט?

— איר מוזט שטימען פאַר דעם קאַנדידאַט, וואָס מיר פּאָליאַקן שטעלן אַרויס, איר זענט דאָ פרעמדע, און וואָס מיר באַלעבאַטים פון פּוילן, הייסן אייך טון, מוזט איר טון.

דאָס האָבן די פּוילישע אומגליקלעכע אַנטיסעמיטן אויסן געווען צו שטעלן די וואַרשעווער יידן פאַר אַזאַ נסיון; זיי האָבן פּשוט און פּראָסט אויסן געווען צו פּראָוואָצירן די יידן, צו אַרויסשטעלן זיי ווי פיינט פון פּוילן.

די צאַרישע מאַכט האָט זיך דאָ נישט געמישט, אָבער זי איז געווען צופרידן וואָס די שוואַרצע אַרבעט פון צעטיילן די באַפעלקערונג טוען די פּאָליאַקן אַליין פאַר איר.

אַגב, איז איר דער רעאַקציאָנערער קאַנדידאַט געווען צום האַרצן, ער איז אַן אָפענער און טעמפּער אַנטיסעמיט, דאָס איז דאָך ממש איר קאַנדידאַט, קיין בעסערן קען זי זיך גאָרנישט ווינטשן.

די יידישע פירער האָבן זיך דאָ קיין עצה נישט געקענט געבן — שטימען פאַר אַן אַנטיסעמיט קענען זיי נישט, נישט שטימען פאַר אים הייסט אַרויסרופן בידים אַ שפּאַלטונג, וואָס איז קאַפּאַבעל צו פירן צו שווערע קאָמפּליקאַציעס מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג.

טעג און נעכט האָבן די יידישע פירער פון וואַרשע אָפּגעהאַלטן זיצונגען.

עס איז געווען ממש אַ צער צו קוקן אויף זיי — זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ קלעם און ווייסן נישט ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זיך פון אים.

האָט מען געפועלט ביי די פּאָליאַקן, אַז זייער קאַנדידאַט, קורטשאַזשעווסקי, האָט ער געהייסן, זאָל קומען צו די יידן און דערקלערן ווי וועט זיין זיין שטעלונג אין דומע צו דער יידישער פראַגע.

און דער קאַנדידאַט האָט מסכים געווען אַרויסצוטרעטן פאַר אַ יידישן עולם.

איך און נאָך אַנדערע יידישע זשורנאַליסטן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אויף דער דאָזיקער אומגליקלעכער פאַרזאַמלונג.

און אָט באַוויזט זיך דער קאַנדידאַט אויף דער פּלאַטפאָרם. אַ טי־פּישער פּאָליאַק, אַ פּאָליאַק מיט סם־המותדיקן שמייכעלע אין די ווינקלען פון מויל.

און אָט הויבט ער אָן רעדן, אָפן און קלאָר:

איך בין אַן אַנטיסעמיט, און פון מיינע איבערצייגונגען וועל איך אויף אַ האָר אַפילו נישט אָפּטרעטן. אין דומע וועל איך, פאַרשטייט זיך, מיינע אַנטיסעמיטישע איבערצייגונגען נישט ענדערן, איך וועל שטי־מען ווי אַן אַנטיסעמיט.

און איר יידן, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, מוזט שטימען פאַר מיר, איך בין דער קאַנדידאַט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, די פּוי־לישע באַפעלקערונג האָט די גאַנצע דעה, איר האָט קיין שום דעה נישט אין פּוילן, דאָס רעכט צו ווילן האָבן מיר אייך נישט געגעבן און וועלן אייך נישט געבן, דאָס דאָזיקע רעכט האָט אייך געגעבן די צאַרישע רע־גירונג אויף צו־להכעיס אונדז.

איך וואָרן אייך מיטן האַרבן וואָרט, אַז איר זאָלט נישט גיין קעגן אונדז מיט די אונטערדריקער אונדזערע. איך וואָרן אייך, אַז די קאָנ־סעקווענצן וועלן זיין ביז גאָר טראַגישע פאַר אייך.

איך האָב באַוווּנדערט די זעלבסטבאַהערשונג פון די יידן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

דאָ האָט מען צוזאַמענגערופן יידן צו אָנשפּייען זיי אין פּנים, אָבער יידן זענען נישט אַריינגעפאַלן אין היסטעריע.

יידן זענען אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג אבלים וחפוי ראש.

עס איז געווען קלאָר, אַז יידן קענען נישט שטימען פאַר אַזאַ ציניש און טעמפּן אַנטיסעמיט, אָבער פאַר וועמען שטימט מען? קיין אייגענעם קאַנדידאַט קענען יידן נישט אַרויסשטעלן, מיט זייערע אייגענע שטימען וועלן זיי זייער קאַנדידאַט נישט אויסוויילן, איז פאַר וועמען שטימט מען?

און דאָ קומען די פּוילישע סאָציאַליסטן און לייגן פאַר די יידן צו שטימען פאַר זייער סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט, פאַר איינעם אַן אַרבע־טער מיטן נאָמען יאַגעלאָ.

יידן זענען נאָך מער צעטומלט געוואָרן:

ווי קענען זיי, באַלעבאַטים, פאַרמעגלעכע מענטשן שטימען פאַר אַ סאָציאַליסט?

ניין, דאָס נישט!

און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויף דאָס ניי זיצונגען און זיצונגען.

איך האָב עטלעכע מאָל באַגעגנט יצחק גרינבוימען, איז דער יונגער ציוניסט און פּאָליטיקער ממש געווען שוואַרץ ווי די ערד, ער האָט שוין וואָכן נישט געשלאָפן און נישט געגעסן.

עס איז שווער צו באַשרייבן דעם צער פון די וואַרשעווער יידן אין יענער צייט.

אָבער עס איז קיין אויסוועג נישט געווען.

און יידן האָבן באַשטימט צו שטימען קעגן זייער ווילן און קעגן זייערע איבערצייגונגען פאַרן סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט, פאַר יאַגעלאָן, הגם זיי האָבן זיין נאָמען אַפילו קיינמאָל נישט געהערט.

די וואַרשעווער יידן האָבן קיין ברירה נישט געהאַט.

און באַלד איז עס באַקאַנט געוואָרן איבער דער שטאָט.

עס איז עפּעס געוואָרן אומהיימלעך שטיל אין שטאָט, שטיל ווי פאַר אַ שטורעם.

דער יידישער צד האָט געוואַרט אויף עפּעס, עפּעס וועט געשען ביז דעם טאָג פון די וואַלן, די פּאָליאַקן וועלן אויפגעבן זייער קאַנדידאַט, אָדער דער קאַנדידאַט וועט אויפגעבן זיין אַנטיסעמיטיזם.

ביידע זאַכן זענען נישט געשען.

די יידישע פּרעסע האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער פּאָליטישער דילעמא.

***

און אָט איז געקומען דער פינצטערער טאָג פון די וואַלן.

יידן זענען געגאַנגען צו די שטים־קעסטלעך ממש ווי אבלים.

עס איז געווען תשעה־באָב פאַר יידן אין וואַרשע.

אָבער יידן זענען געווען דיסציפּלינירט, שטאַרק דיסציפּלינירט, אַ

פרומער חסיד, אַ געגער צי אַן אַנדערער, האָט געשטימט פאַרן סאָציאַ־ליסטישן קאַנדידאַט.

דאָ האָט איר געזען ווי דאָס פּוילישע יידנטום קען זיין דיסציפּ־לינירט.

קיינער איז נישט אַרויסגעפאַלן פון דער רייע, פון דער דיסציפּ־לין, קיינער, דער פרומער און דער היינטוועלטיקער, דער חסיד און דער מתנגד, דער ראַדיקאַל און דער בורזשוי האָבן ווי איין מענטש אָפּגעגעבן זייערע שטימען יאַגעלאָן, דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט.

ביי אונדז אין „פריינד״ זענען געווען אַזעלכע, וואָס עס האָבן גאָר־נישט גענומען טראַגיש, דאָס זענען געווען די סאָציאַליסטן פון פאַרשי־דענע ריכטונגען.

די שטימען זענען אָפּגעגעבן געוואָרן.

מען איז געזעסן אין די הייזער און געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון די וואַלן און אויף די קאָנסעקווענצן, וואָס וועלן באַלד נאָך די וואַלן קומען...

און אויף מאָרגן זענען געוואָרן קלאָר ביידע זאַכן:

יאַגעלאָ איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט יידישע שטימען, קורכאַ־זשעווסקי איז דורכגעפאַלן, די פּוילישע שטימען האָבן זיך געשפּאָלטן. די פּוילישע סאָציאַליסטן און סתם אַרבעטער האָבן געשטימט מיט די יידן פאַר יאַגעלאָן.

***

און באַלד איז אַרויס די פּוילישע פּרעסע מיט שוים אויף די ליפּן און דערקלערט אַ באָיקאָט קעגן יידן.

דאָס הייסט — אַ מלחמה פון פּאָליאַקן קעגן יידן.

עס איז דערקלערט געוואָרן אונדז דער ביטערסטער קריג — אַ בירגער־קריג.

יאָ, דער באָיקאָט איז דערקלערט געוואָרן, דער קריג האָט זיך גע־צויגן ביז עס איז געקומען היטלער און די פּאָליאַקן האָבן צוזאַמען מיט אים אויסגעשאָכטן די יידן...

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער קריג צווישן יידן און פּאָליאַקן.

דער באָיקאָט האָט זיך אויף אַ רגע נישט אָפּגעשטעלט.

פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, אַ פרייע מלוכה און זי, די פרייע פּוילישע מלוכה, האָט ממשיך געווען דעם באָיקאָט נאָך מיט אַ שטאַרקערער האַנט.

ייִדן זענען עקאָנאָמיש ממש רויִנירט געוואָרן.

אָבער זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן די בראַווע פּוילישע ייִדן, זיי האָבן געקעמפט ביז דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

לעבעדיקע מענטשן קעמפן, גיבן זיך נישט אונטער.

און די פּוילישע ייִדן זענען געווען די לעבעדיקסטע ייִדן.

און זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן...

דער בירגער־קריג האָט געבושעוועט אין אַלע שטעט און שטעט־לעך פון פּוילן, פּוילן איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי פייַנטלעכע לאַגערן.

און אין זיין פּאַלאַץ איז געזעסן דער צאַרישער גענעראַל־גובערנאַ־טאָר סקאַלאָן און האָט געריבן די הענט פון נחת.

נישט אַ קלאַפּ טוענדיק אַ פינגער אָן אַ פינגער האָט ער דערגרייכט מער, אַ סך מער ווי ער האָט געחלומט זיצנדיק אין וואַרשע און אַ סך מער וויפל עס האָט געחלומט די צאַרישע קאַמאַריליע אין פּעטערבורג.

און די פּאָליאַקן?

ווער ווייסט, אפשר גראַבנדיק אַ גרוב פאַר ייִדן זענען זיי אַליין אַרייַנגעפאַלן אין גרוב צוזאַמען מיט די ייִדן.

פּוילן איז איצט ווידער אונטער רוסישן קנאַפּל.

פאַר אירע גרויסע זינד קעגן ייִדן וועט זי קיינמאָל נישט זיין פרייַ און זעלבסטשטענדיק.

דער לאָזונג פון באָיקאָט קעגן ייִדן איז אַריבער פון דער פּרעסע באַלד אין גאַס אַרייַן.

און דאָ האָט איר געזען די אַכזריות פון דעם פּאָליאַק און זיין פאַר־כלינען זיך מיט שנאה.

ער האָט אַרויסגעשיקט אין גאַס זיין פרוי און זיינע קינדער, שול־קינדער, צו אָרגאַניזירן דעם באָיקאָט.

די פּרעסע, די פּוילישע, האָט געקוויטשעט ווי אַ חסר־דעהדיקע און מיט איר די גאַס.

מען איז אַרומגעלאָפן אין גאַס ווי געררירטע פון זינען, מען האָט יעדן דורכגייער אַריינגעשיפּעט אין אויער אַריין:

— קויפט נישט ביי ייִדן, באָיקאָטירט די ייִדן...

און איז אַריין אַ פּאָליאַק אין אַ ייִדישן געשעפט און האָט דאָרט עפּעס געקויפט, האָט מען אים אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס, אים געשאָלטן און אַרויסגעריסן דאָס געקויפטע און צעטראָטן עס מיט די פיס.

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס די פּוילישע ייִדן זענען נישט אַריינגעפאַלן אין קיין פּאַניק, זיי זענען עפּעס נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, זיי האָבן נישט פאַרלאָרן זייער זיכערקייט און זייער מענטשלעכע ווערדע.

די פּוילישע ייִדן האָבן זיך געהאַלטן ווי גלייכע פּוילישע בירגער, זיי האָבן נישט אָנערקענט די העכערקייט פון די פּאָליאַקן.

דאָס פּשוטע ייִדישע פאָלק איז עפּעס געווען שטאָלצער פאַרן ייִדישן פּאָליטיקער: דאָס פאָלק האָט אויפגענומען דעם קאַמף בראַוו און מוטיק. טיילווייז האָט זיך עס דערקלערט מיט דעם וואָס דער פּאָליאַק האָט נישט באַוויזן באַלד צו פּאָלאָניזירן דעם האַנדל, דער פּוילישער קויפער האָט קיין ברירה נישט געהאַט, ער האָט געמוזט קויפן ביי ייִדן.

אַ חוץ דעם האָט עפּעס דער פּוילישער ייִד פאַרמאָגט אַ געוויסן שטאָלץ: ער האָט געהאַלטן, אַז פּוילן איז זיין לאַנד און קיינער, קיינער קען אים נישט באָיקאָטירן און קיינער קען נישט באַלעבאַטעווען איבער אים.

געגומען האָט זיך עס אַפּנים פון דעם וואָס די פּוילישע ייִדן האָבן געהאַט אַלע רעכט אין פּוילן, פּאָליאַקן זענען פּאַקטיש נישט געווען די באַלעבאַטים פון פּוילן, די באַלעבאַטים זענען געווען אין איין טייל פּוילן די רוסן, און אין דעם אַנדערן טייל די עסטרייכער, און ביידע, סיי די רוסן און סיי די עסטרייכער, האָבן ייִדן געגעבן פולע רעכט.

דער פּוילישער ייִד האָט אַזוי אַרום נישט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון רעכטלאָזיקייט; ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעגלייכט מיט די פּאָליאַקן רעכטלעך.

און דער פּוילישער ייִד האָט זיך געפילט ווי אַ גלייכער בירגער מיטן פּאָליאַק.

פלעגט אַ פּאָליאַק זיך אָפּשטעלן לעבן אַ ייִדישן געשעפט און נעמען פּרעדיקן דעם הייליקן באָיקאָט קעגן ייִדן, פלעגן אַרויס ייִדן און ענטפערן און דאָ און דאָרט פלעגט זיך דער פּאָליאַק דערשרעקן און פלעגט נישט ווערן.

אַגב, ווי געזאָגט, האָט פון אָנהייב דער באָיקאָט זיך נישט געלאָזט פילן, די פּאָליאַקן האָבן נישט געהאַט גענוג פּוילישע געשעפטסלייט צו פאַרבייטן די ייִדישע, און די קליינע גרופּע פּוילישע געשעפטסלייט זע־נען נישט געווען קיין גאַר גרויסע בריות, זיי פלעגן קויפן די סחורה פאַר העכערע פּרייזן און פלעגן זי מוזן פאַרקויפן טייערער ווי דער ייִד.

II

ערשט שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן קאָאָ־פּעראַטיוועס (ספּולקעס), און די ייִדן האָבן אָנגעהויבן פילן וואָס אַ טאָג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דעם באָיקאָט.

אָבער אויב דער עקאָנאָמישער באָיקאָט האָט זיך פון אָנהויב נישט געלאָזט פילן שטאַרק, האָט זיך דערפאַר געלאָזט פילן שטאַרק די פּוי־לישע שנאה.

איר האָט געפילט די שנאה אויף טריט און שריט; איר האָט זי גע־פילט דער עיקרשט, פאַרשטייט זיך, אין דער פּוילישער פּרעסע, אין גאַס, אין קאַפע, וווּ פּאָליאַקן קומען אַריין, און אין אַלע עפנטלעכע פלעצער.

געבושעוועט האָבן די פּוילישע קינדער.

איך פלעג אָפט זיך אָפּשטעלן און צוקוקן זיך צו די פּוילישע קינ־דער, און אַ שרעק פלעגט מיך באַפאַלן.

די קינדער זענען געווען ממש פאַרסמט פון שנאה.

איך האָב זיך איינמאָל אָנגעשטויסן אויף אַ בלאָנדן שייגעצל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ ייִדישן געשעפט און געשריגן ממש ווי אַ באַנו־מענער: „באָיקאָטירט די ייִדן! קויפט נישט ביי ייִדן!".

דאָס בלאָנדע חיהלע האָט זיך געוואָרפן ווי אַ נכפהדיק, שוים, ווײַ־סער שוים איז געווען אין די ווינקלען פון זיין מויל, און די בלויע איי־געלעך זיינע זענען געוואָרן עפּעס גרין.

באַלד האָבן אים אַרומגערינגלט ייִדישע ייִנגלעך און האָבן אים גוט אָנגעשלאָגן, אָבער וויינענדיק און שרייענדיק „באַיקאָטירט די ייִדן!" האָט ער אָפּגעצויגן און זיין פּנימל איז געווען צעקרימט פון שנאה.

און אָט דאָס דאָזיקע ייִנגעלע, און די טויזנטער און טויזנטער אַנדערע ייִנגעלעך, זענען אויסגעוואַקסן און זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן געמאַכט שותפות מיט היטלערן.

נאָך פאַר היטלערס שותפות האָבן זיי געפּאָדערט און איינגעפירט אַ געטאָ פאַר ייִדן אין די פּוילישע אוניווערזיטעטן; זיי האָבן אויסגעפּועלט באַזונדערע בענק פאַר ייִדישע סטודענטן.

און זיי פלעגן שלאָגן ייִדישע סטודענטן, און נישט געלעגט קיין אַכט אויף ייִדישע פּרויען־סטודענטקעס.

אָט די גאַלאַנטע קאַוואַלירן, וואָס קושן די האַנט פון אַ דאַמע מיט גוואַלדיקער עלעגאַנץ, האָבן געשלאָגן ייִדישע סטודענטקעס ווי כוליגאַנעס, ווי אויסוואָרפן פון דער פּוילישער אונטערוועלט.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן טומלען מיט דעם בייליס־פּראָצעס, וואָס די אידיאָטישע צאַרישע רעגירונג האָט, מיט דער הילף פון דער קיעווער אונטערוועלט, אָרגאַניזירט.

האָבן זיך די פּאָליאַקן גלייך סאָלידאַריזירט מיט דער פינצטערער צאַרישער רעגירונג.

און באַלד האָבן זיי אַרויסגעשיקט זייערע קינדער אין גאַס אַריין און די קינדער פלעגן נאָכשרייען יעדן ייִדן:

— בייליס! בייליס! בייליס!

איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דעם משוגענעם קריג, וואָס די פּאָליאַקן האָבן דערקלערט זייערע ייִדישע מיטבירגער, און איך קען זאָגן מיט דער פולסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז די ייִדן זענען געווען אין דעם דאָזיקן קריג מענטשלעכער, מוטיקער, ערלעכער און בראַווער.

דער קריג האָט זיי געלייטערט.

די פּאָליאַקן האָט דער דאָזיקער קריג צעוועמט, דעגענערירט און פאַרטעמפּט. אויס שנאה צו ייִדן האָבן זיי געמאַכט יד־אחת מיט זייער בלוטיקסטן שונא, מיטן צאַר און זיינע שפּיאָנען.

די פּאָליאַקן זענען מאָראַליש געזונקען ממש פאַר אייערע אויגן.

דאָס איז די טבע פון פּאָליאַקן — אין וועלכן עס איז קריג, מיט וועמען עס איז, פאַרשמוציקט ער ראשית כל זיך אַליין — ער ווערט גע־מיין, ער דערנידעריקט זיך אַליין, ער מאַכט שותפות מיט די גרעסטע אויסוואורפן און ווערט אַליין אַן אויסוואורף.

איך האָב עס געזען און געפילט אין די יאָרן פון מיין זיין אין פּוילן, און שפּעטער האָב איך עס געזען און געפילט פון דערווייטנס.

פאַר מיר פּערזענלעך איז עס געווען די שווערסטע און די פּיינ־לעכסטע צייט; איך בין אָקאָרשט געקומען פון דעם דעמאָקראַטישסטן לאַנד, פון דער שווייץ, ווו דער מענטש איז עפּעס חשוב ביי זיך, ווו דער מענטש איז עפּעס אַ ווערדיקע באַשעפעניש, ווו ער גייט אַרום שטאָלץ און ליכטיקע האָפענונגען גייען אים אַנטקעגן.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט ליכטיקע רוסישע אינטעליגענטן, וואָס פּלעגן אונדז מאַכן פאַרגעסן די רוסישע פינצטערע רעאַקציע און מאַכן אונדז גלויבן אין אַ ליכטיקערע, שענערע צוקונפט.

איך פלעג מיט עקל און שרעק נעמען אַ פּוילישע צייטונג אין האַנט.

עפּעס פלעג איך נישט זען די אותיות אויפן פּאַפּיר, איך פלעג זען שוואַרצע ווערעמלעך קריכן אויפן ווייסן פּאַפּיר.

אָפט פלעגט מיך באַפאַלן פּשוט אַ פּחד.

אַנשטאָט צו לייענען די פּוילישע צייטונג, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב, האָב איך אָנגעהויבן לייענען די רוסישע צייטונגען, די ליבעראַלע רוסישע צייטונגען, פון זיי פלעגט אַ בלאָז טון אויף מיר מיט פרישער לופט, מיט פרילינג. די רוסישע ליבעראַלע פּרעסע האָט באַ־קעמפט דעם ביילים־בלבול, זיי האָבן עס אָנגערופן מיטן ריכטיקן נאָמען — עלילת־דם.

רוסלאַנד האָט דאַן געהאַט די שענסטע אינטעליגענץ אויף דער וועלט, די ערלעכסטע, די אויפריכטיקסטע און אָפּפערווויליקסטע אינטע־ליגענץ.

איך האָב אָנגעהויבן זוכן צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ ער־לעכע מענטשן, וואָס באַקעמפן די פּוילישע רעאַקציע.

צו מיין אַנטוישונג, האָב איך אויפגעציילט נישט מער ווי אַ מנין

— ניין האָבן געהאַט פוילישע נעמען און איינער אַ פּאָליאַק מיט אַ פראַנ־צויזישן נאָמען, אַ פראָפעסאָר.

די פוילישע סאָציאַליסטישע פירער האָבן אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און האָבן געשוויגן.

דאָס איז געווען די גרעסטע פוילישע טראַגעדיע, און דאָס איז עד־היום די גרעסטע פוילישע טראַגעדיע.

דאָס פוילישע פאָלק האָט נישט קיין אמתע אינטעליגענץ.

דער בעסטער פוילישער אינטעליגענט איז אַ האַלבער אַנטיסעמיט און אַ ווייסטער פּאָטענציאַלער רעאַקציאָנער.

דער פוילישער אינטעליגענט איז אָדער סענטימענטאַל, ווי אַ זעכצן־יעריק מיידל, אָדער ער איז בייז ווי אַ מכשפה; אָדער ער גלאָצט פרום מיט די אויגן, אָדער ער שיפּעט ווי אַ שלאַנג; אָדער ער איז זיס ווי פּאַטעקע, אָדער ער איז ביטער ווי גאַל.

און ווו איר קערט זיך און ווענדט זיך שטייט פאַר אייך דער אַלץ און אַלעמען מוחלדיקער יעזוס, אָדער די האַרציקסטע פון אַלע מאַ־מעס, יעזוסעס מאַמע...

און די קירכן זענען פול מיט קניִענדיקע פרויען און מיט תפילה־טועניקע מענער.

דער פּאָליאַק איז אַ קנויל פון סתירות, פון לויטער שאַרפע סתירות.

ער איז נאַציאָנאַליסטישער פון אַלע נאַציאָנאַליסטן פון גאַר דער וועלט, און ער טוט און גראָבט אונטער בידים די עקזיסטענץ פון זיין לאַנד און פון זיין פּאָלק.

אָט לעבן קלענערע פעלקער, זיי לעבן, ווייל זיי זענען באמת בראָוו, באמת מענטשלעך, באמת ליבעראַל און באמת נאַציאָנאַליסטיש.

עס לעבט שוועדן, עס לעבט דאָס קליינע דענעמאַרק, עס לעבט די קליינע שווייץ, עס לעבט בעלגיע און עס לעבן אַנדערע קלענערע פעל־קער, נאָר פוילן קען נישט לעבן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

די קאָנטראַסטן זעט איר אַפילו אין דער עקאָנאָמיק — אָדער אַ משוגע רייכער פוילישער פּריץ, אָדער אַ הונגערנדיקער פּויער. דער פּריץ לעבט אין פּאַריז און פּאַרמאָגט די גאַנצע פוילישע ערד, דער פּויער לעבט אין פוילן אָן אַ שטיקל ערד פאַר זיין הונגערנדיקער עקזיסטענץ.

טראַגיש איז דאָס לאַנד און טראַגיש איז דאָס פאָלק.
אָבער בלינד איז דאָס פאָלק, עס זעט נישט זיין אייגענעם טראַגיזם.

***

איך האָב געזען ווי דער פּוילישער אַנטיסעמיט האָט זיך געבּרידערט מיט דעם רוסישן אַנטיסעמיט, און בשותּפות האָבן זיי גערודפט אומשול־דיקע ייִדן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

די צאַרישע רעגירונג האָט געוווּסט, אַז דער אָנגריף אויף רוסלאַנד וועט זיך אָנהויבן פון פּוילן, און זי האָט באַשטימט עפּעס צוצוזאָגן פּוילן, כּדי דאָס לאַנד אינעווייניק זאָל בלייבן רויִק.

דעם צאַרס פעטער, דער לאַנג־פיסיקער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען, איז אַרויס מיט אַ ווענ־דונג צו די פּאָליאַקן און האָט זיי עפּעס מיט אַ האַלב־מויל צוגעזאָגט.

וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט איז נישט געווען גאַנץ קלאָר.

מיט ייִדן איז די צאַרישע רעגירונג געווען צעקריגט אויף טויט:

עס איז נאָך געווען פריש דער ביילים־פּראָצעס, און ביידע צדדים, סיי ייִדן און סיי די דורכגעפאַלענע אויפן ביילים־פּראָצעס צאַרישע רעגי־רונג, זענען געווען שטאַרק פאַרביטערט.

האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם צאַרס אידיאָטישער פעטער, וואָס האָט אַ גלעט געטון די פּאָליאַקן, ייִדן דערקלערט פּראָסט און פּשוט פאַר שפּיאָנען.

די לאָגיק איז אָפּנים געווען אַ פּשוטע:

פאַרוואָס זאָלן ייִדן נישט זיין קיין שפּיאָנען קעגן דער צאַרישער רעגירונג? די צאַרישע רעגירונג האָט דאָך אָקאָרשט געמאַכט אויף זיי, בשותּפות מיט דער רוסישער אונטערוועלט, אַ בלוט־בלבול, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט אַ רוסישן ייִנגל, כּדי צו האָבן בלוט אויף פּסח.

האָט מען געגעבן אַ ווונק צו די פּאָליאַקן און זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון כאַפּן ייִדישע שפּיאָנען פאַר זייער נייעם בוזים־פריינט, דעם צאַר...

און באַלד האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר אָנגעהויבן דעם גרויסן גירוש פון ייִדן פון די גרענעץ־שטעט.

איז ווער ס׳האָט נישט געזען די פרייד פון די פּאָליאַקן, דערזעענדיק די אומגליקלעכע יידישע פּליטים, האָט נישט געזען קיין מענטשלעכע רשעות, עס איז ממש געווען יום־טוב אויף דער פּוילישער גאַס.

קינדער און דערוואקסענע פלעגן באַגעגענען די אַרויסגעטריבענע, אומגליקלעכע ייִדן מיט געשרייען: שפּיאָנען!

איך וועל די דאָזיקע טעג קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

עס איז געוואָרן ענג און טויט־שווער צו לעבן אין וואַרשע.

איך האָב געזען י. ל. פּרצעס טרויער און צער; איך האָב געהערט י. דינעזאָנס שטילע קרעכצן און מיר פלעגט ווערן נאָך ביטערער און שווערער.

און דער גירוש פון די גרענעץ־שטעט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, וואַרשע ווערט פול מיט די אַרויסגעטריבענע פון זייערע נעסטן ייִדן.

דער שונא, דער דייטש, איז נאָך ווייט, ווייט, מען ווייסט, אַז ער דערנענטערט זיך, אָבער ער איז ווייט.

אָבער ייִדן ווערן צעדריקט פון צוויי היימישע שונאים, פון די רוסן און פון די פּאָליאַקן.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַווייזט זיך איבער וואַרשע אַ גרויסער צעפּעלין, ער זעט אויס ווי אַ פאַנטאַסטישער, גרויסער פויגל, ער איז גרויליק־שיין, ער זילבערט זיך אין דער לויטערער פרימאָרגן־זון און באַוועגט זיך מאַיעסטעטיש.

אָבער עס ווערט אַ פּאַניק.

און באַלד דערהערן זיך עטלעכע עקספּלאָזיעס.

די גאַסן ווערן ליידיק, פּוסט. נישטאָ קיין פּאָליאַקן און נישטאָ קיין ייִדן אין די גאַסן, אַן אומהיימלעכע שטילקייט.

און איך געדענק: מיר איז געוואָרן עפּעס לייכטער, דער שונא, דער פּאָליאַק און דער רוס, האָבן זיך באַהאַלטן צוגלייך מיט אונדז...

***

מיין פאַמיליע האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט וואַרשע, איצט איז געקומען מיין צייט צו פאַרלאָזן וואַרשע.

מיט איינער פון די לעצטע באַנען בין איך אַוועק פון וואַרשע מיט אַ שטילער שבועה נישט צו זען מער די פּאָליאַקן...

אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ שטויסעניש, עפּעס איין קנויל פון מענטשן האָט זיך געשטופּט פון וואָקזאַל צו דער באַן.

איינער האָט געשטופּט דעם אַנדערן. איך בין אויך געשטופּט און געטראָטן געוואָרן פון דעם קנויל מענטשן.

און דאָ האָט זיך מיין וואַליזע אָנגעקלאַפּט אין אַ וואַליזע פון אַן אַנדערן, און איך דערהער:

— אין פּאַלעסטינע גיי, פאַרפלוכטער ייִד!

לעבן מיר איז געשטופּט געוואָרן אַ הויכער, אַ בלאָנדער פּאָליאַק, ער האָט זיך געטרייסלט און געקאָרטשעט פון צאָרן, זיינע אויגן האָבן ממש געשפּריצט מיט הייסער פּעכיקער שנאה...

איך האָב אים עפּעס געענטפערט, איך געדענק נישט וואָס, אָבער עפּעס ביטערס און באַליידיקנדיקס.

זיין געזיכט האָט ממש אָנגעהויבן ברענען פון שנאה.

אָבער דער קנויל שטופּט זיך, צווישן אונדז רייסן זיך אַריין מענטשן און צעטיילן אונדז.

ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, דער פּאָליאַק, וואָס האָט מיר געגעבן אַזאַ „צאתך לשלום".

איך בין אַוועק פון פּוילן אויף אייביק.

איך בין געקומען קיין רוסלאַנד, אָפט געווען אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג, מאָסקווע און אין אַ סך אַנדערע רוסישע שטעט.

יאָ, אין רוסלאַנד איז דער צאַרישער אַנטיסעמיטיזם געווען גיפטיק און צאָרנדיק, אָבער אויף טריט און שריט האָבן מיר באַגעגנט פריינט. די וווּנדערלעכע רוסישע אינטעליגענץ איז געווען מיט אונדז ייִדן.

און אונטער דער נאָז פון צאַר, אין פּעטערבורג גופא, האָבן דער מעיאָר פון שטאָט גראַף טאָלסטאָי, גאָרקי און אַ סך אַנדערע פון דער רוסישער אינטעליגענץ אָרגאַניזירט, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם צאַרס גירושים, אַ קאָמיטעט צו העלפן די ייִדישע פּליטים.

און ווען איך בין אין אַ קורצער צייט שפּעטער געוואָרן איינער פון די הילף־טוער אין צענטראַל־רוסלאַנד און אין אַ טייל פון סיביר, האָב איך אויף טריט און שריט באַגעגנט וווּנדערלעכע רוסישע מענטשן, וואָס

האָבן זיך באַמיט כסדר צו מאַכן לייכטער מיין אויפגאַבע, דאָס איז געווען דער בעסטער קעגן־גיפט קעגן דעם צאַרישן אַנטיסעמיטיזם.

און נאָך דער מלחמה האָב איך זיך געלאָזט קיין אַמעריקע.

פאַר דער צייט פון מיין לעבן אין אַמעריקע בין איך צוויי מאָל גע־ווען אין אייראָפּע.

אוןביידע מאָל האָב איך אויסגעמיטן פּוילן.

אין ביאַליסטאָק איז מיין פּרויס משפּחה געווען זיכער, אַז איך וועל זיי באַזוכן, אָבער ביאַליסטאָק איז געווען פּוילן, און אין פּוילן, האָב איך מיר געגעבן אַ שבועה, נישט שטעלן צוריק מיין פוס.

איך האָב געאַרבעט דאַן פּלייסיק אין ייִוואָ, אין ניו יאָרק.

איז מען געווען זיכער, אַז זייענדיק אין אייראָפּע וועל איך זיך אַראָפּכאַפּן קיין ווילנע אַ קוק טון אויף דער צענטראַלע פון ייִוואָ און אויף אונדזערע קאָלעגן.

איך בין נישט געפאָרן קיין ווילנע.

ווילנע איז געווען פּוילן.

און איך האָב אין יענעם טאָג, ווען אַ פּוילישער אינטעליגענט האָט אין שטויסעניש אויף דעם וואָקזאַל, מיך געשיקט מיט פּעכיקער שנאה קיין פּאַלעסטינע, אין דער צייט וואָס מיר ביידע, איך דער ייִד, און ער דער פּאָליאַק, זענען געלאָפן פון וואַרשע, אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען ביידע פּליטים, שטיל געגעבן אַ שבועה און זי געהאַלטן הייליק.

איך האָב אָפּגעלעבט דעם שענסטן טייל פון מיין שרייבערישן לעבן אין פּוילן, איך בין געוואָרן אַ שרייבער אין פּוילן, געהאַט די וווּנדער־לעכסטע פריינט אין פּוילן.

אָבער איך האָב אויסגעמיטן פּוילן.

איך האָב פּוילן נישט געזען עד־היום־הזה.

און עד־היום שטייען פאַר מיינע אויגן די פּוילישע קינדער, וואָס לויפן נאָך ייִדן און שרייען זיי נאָך: ביילים, ביילים, און פּוילישע טאַטעס און מאַמעס קוועלן...

און עד־היום שטייט מיר פאַר די אויגן דער בלאָנדער, אינטעליגענ־טער פּאָליאַק, וואָס האָט מיר אַריינגעשפּיעט אין פּנים אַריין:

— אין פּאַלעסטינע גיי, פאַרפלוכטער ייִד...

23

דער פּוילישער ייִד

ניי און חידושדיק איז פֿאַר מיר געווען דער פּוילישער ייִד. איך האָב ביז אַהער קיין פּוילישע ייִדן נישט געזען, איך האָב געזען ליטווישע, ווייס־רוסישע און רוסישע ייִדן, ייִדן דערשלאָגענע, ייִדן אָרעמע, ייִדן לומדים און עפּעס מרה־שחורהדיקע.

דאָ האָב איך דערזען פֿאַר זיך דעם טשיקאַווסטן געמיש פֿון אַ ייִדן.

דער פּוילישער ייִד איז פֿרום, אָבער עפּעס עולם־הזהדיק, טראַדיציאָנעל, אָבער עפּעס פֿריי. ער איז מאָדנע געקליידט, — אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ מין לאַנגער סורדוט, אין שטיוול און די הויזן אין די שטיוול. יעדער טראָגט אַ קליין טוך־היטעלע, אַלע זענען באַבערדלטע און באַפּיאותטע, אָבער אַלע געזונטע, גופֿישע, גוואַלדיק בײַוועגלעכע, לעבנסלוסטיקע. יאָ, דאָס לעבן איז ביי זיי נישט קיין אָפּקומעניש, זיי האָבן ליב דאָס לעבן, זיי האָבן ליב גוט עסן, טרינקען און סתם הנאה האָבן פֿון לעבן.

רעליגיעזע, שטאַרק פֿרומע עולם־הזהניקעס האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אין וואַרשע און סתם אין פּוילן.

איר דאַרפֿט בלויז אַריין אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן אין וואַרשע און איר זעט פֿאַר זיך ממש בערג פֿון כל המינים פֿליישן און וורשטן אויסגעשטעלט ווי אויף אַן אויסשטעלונג. און די רעסטאָראַנען זענען גרויסע און זענען כסדר פֿול מיט עסנדיקע מענטשן.

און יעדער ווייסט וואָס צו עסן, יעדער איז אַן עפּיקורייער.

אַ פּוילישער ייִד, ווען ער קלייבט זיך צו גיין עסן אין אַ רעסטאָ־ראַן, וועט ער פריִער דורכן טעלעפאָן דערוויסן זיך געגוי צי האָט דער רעסטאָראַן די פליישן וואָס ער עסט, די פיש וואָס ער האָט ליב, די זופּ וואָס ער וויל הײַנט האָבן, און די שאר־ירקות, ווי קאָמפּאָט, גרינסן אאַז״וו, וואָס מאַכן דעם מאָלצייט רייך און פול.

עסן איז אַן ענין ביי אַ פּוילישן ייִד. שוין גאָרנישט קיין אָפּקומעניש ווי ביים ליטווישן ייִד.

די וועלט איז ביים פּוילישן ייִד נישט קיין אונטערגעוואָרפענע ממזרטע, עס איז גאָטס וועלט, און זי איז שיין, גוט און עס איז בפירוש נישט אסור צו הנאה האָבן פון איר.

צום אָנהויב זעט די הלבשה פון דעם פּוילישן ייִד אויס אַביסל קאָ־מיש און אַפילו פּריקרע, אָבער ווען איר קוקט זיך צו צו איר איז זי דאָ און דאָרט אַפילו עלעגאַנט.

אַ יונגער רייכער חסידל באַוויזט צו זיין עלעגאַנט אין דער לאַנ־גער, געהאַקטער קאַפּאָטע, אין שטיוועלעך און אין דאָס קליינע היטעלע. זיין בלאָנד בערדל, זיינע געכאַליעטע פּיאותלעך און זיינע שטיווע־לעך האָבן אַ טשיקאַוון רייץ און אַ טשיקאַווע עלעגאַנץ.

יעדע הלבשה האָט אין זיך שיינקייט ווען מען ווייס ווי צו טראָגן זי. איך פלעג זיך נישט קענען ממש אָנקוקן זיך צו זאַט אויף די יונגע, עלעגאַנטע חסידימלעך. עס איז געווען אין זיי עפּעס סטיל, פאַרביקייט און דער עיקרשט — אַנדערשקייט, טשיקאַווע אַנדערשקייט.

דאָס ייִדישע לשון האָט ממש אַרויסגעזונגען פון דעם פּוילישן ייִד. פון אָנהויב איז עס אייך אויסגעקומען פּריקרע, צו דיאַלעקטיש, צו זינ־גענדיק, אָבער ווען איר האָט זיך צוגעוווינט האָט איר אָנגעהויבן שפּירן אין אים געשמאַקע מעלאָדישקייט און אַ גרויסע ווערטער־רייכקייט.

יונגע ייִדישע פּריצטעלעך פלעגן ממש אויסזינגען מיט זיבן חנען אַ זאַך; באַבעס פלעגן רעדן אַזאַ רייכן, אידיאָמאַטישן ייִדיש, אַז דו פלעגסט ממש שלינגען זייערע ווערטער.

דער ייִדיש איז געווען אַ ריינער, די פּוילישע ייִדן זענען געווען שפּראַך־פּוריסטן, און פלעגן זיי דאָ און דאָרט אַריינפלעכטן אַ פּויליש

וואָרט, און אַמאָל אַ פראַנצויזיש וואָרט איז עס געווען יידיש מיט אַן אויסלענדישן חן.

אַ יונגער שרייבער, פלעגט איך נאָכגיין די פוילישע יידישע מע־נער און פרויען און קלייבן ווערטער און אויסדרוקן.

דעם רייכסטן און פאַרביקסטן פוילישן יידיש האָט איר געהערט פון פרצן.

דער פוילישער ייד האָט גאָר אַן אַנדער זאָץ־געבוי. אַנדערע, אָרי־גינעלע אויסדרוקן.

און א. מ. ווייסענבערגס טענות, אַז די ליטוואַקעס האָבן פאַרליט־ווישט דעם מעלאָדישן פוילישן יידיש, זענען נישט געווען אינגאַנצן אויסן וועג.

דער פוילישער ייד איז געווען אַ שטיקל באַהעם, דאָס איז געווען די ווירקונג פון חסידות.

דער פוילישער ייד האָט זיך געקענט אויפהויבן און אָוועקפאָרן צום רבין אויף די גאַנצע אַכט טעג, אָדער אַפילו אויף אַ גאַנצן חודש יום טוב צום רבין, און דאָרט פלעגט ער לעבן באָהעמיש, ער פלעגט לעבן בציבור זאָרגלאָז, ער האָט געזונגען, געטאַנצט און געברידערט זיך מיט חסידים, אָרעמע צי רייכע, פון גאַנץ פוילן.

נישטאָ קיין זאָרגן, נישטאָ קיין התחייבותן, נישטאָ קיין וואָגן צו שלעפּן, אַ פרייער מענטש!

כאַפּט ער שיריים ווי אַ יינגל אַ שטיפער, שלינגט דעם רבינס תורה, זינגט ער, טאַנצט ער, טרינקט ער, און עסט עפּעס אין אַ פרומער, רעלי־גיעזער הפקרות.

און ער קומט אַהיים צוריק אַן אָפּגעפרישטער.

ער קומט אַהיים מיט פּעק מעשיות, ווערטלעך, תורה און סתם אי־בערגעלאָדן מיט איינדרוקן.

און דער סך הכל איז:

דער גרויסער אַלמעכטיקער גאָט האָט אונדז געגעבן אַ שיינע, טייערע וועלט צו לעבן און צו הנאה האָבן פון איר.

אי, איז עס אַ געשמאַק גאָטס וועלטעלע...

און עפּעס זיכער און פעסט איז דער פוילישער ייד.

ער שרעקט זיך נישט פאַרן פוילישן אַנטיסעמיטיזם. ראשית, האָט ער זיך איינגעלעבט מיט אים פאַר די הונדערטער און הונדערטער יאָרן פון לעבן צוזאַמען מיט די פאַליאַקן; צווייטנס, קען ער זיך אויסטענהן מיטן פוילישן אַנטיסעמיט, און דריטנס קען ער געבן קלעפּ ווען דער פוילישער אַנטיסעמיט ווערט עזותדיק.

יאָ, דער פוילישער ייִד איז שוין געווען אַ סך מאָל ממש ברידער מיטן פאַליאַק, מען איז פיל מאָל ממש געלעגן איינער דעם אַנדערן אויף די העלדזער.

מען האָט זיך געשלאָגן צוזאַמען קעגן דעם מאָסקאָל (קעגן רוס־לאַנד), מען איז געלעגן צוזאַמען אין פוילישע וועלדער און אַוועקגע־לייגט מאָסקאַלן אין די טויזנטער.

און מען האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אויך געקריגט און געזידלט און געזאָגט איינער דעם אַנדערן ביטערע ווערטער.

דער פוילישער ייִד קען גוט דעם פאַליאַק.

יאָ, דער פוילישער ייִד איז געווען זיכער, אַז דער פאַליאַק איז אַ פּריץ מיט זיינע משוגעתן, אָבער ווען די משוגעת לאָזט אים אָפּ, ווערט ער אַ שיינער און האַרציקער מענטש.

יאָ, די דאָזיקע מיינונג, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז נישט אינ־גאַנצן קיין ריכטיקע. דער פאַליאַק איז אַריין אין שותפות מיט היטלערן און האָט זיין אַלטן אַכט־הונדערט־יעריקן פריינט און שכן געהאָלפן אויס־מאָרדן...

דער פוילישער ייִד איז געווען דער בעסטער מאַטעריאַל פאַר אַ לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער איבערגאַנג פון דער חסידישער מעשהלע צו דער ליטעראַרי־שער מעשהלע איז געווען אַ לייכטער און אַ נאַטירלעכער.

און דער פוילישער ייִד האָט געקענט אַרויפקוקן אויף אַ שרייבער ווי אויף אַ רבין.

י. ל. פּרץ איז געווען אַ רבי ביי דער פוילישער ייִדישער יוגנט, און אַפילו ביי די עלטערע פוילישע ייִדן.

דער דאָ נישט לאַנג־פאַרשטאָרבענער שלמה מענדעלסאָן דערציילט אַזאַ מעשה:

פון דער פּראָווינץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און באַזעצט אַ ייִדישער פּריץ אין וואַרשע. אַ הויכער, אַ געזונטער און פעסטער איז ער געווען.

איז אַמאָל צו אים צוגעגאַנגען י. ל. פּרץ און האָט אים געזאָגט:

— איך דאַרף האָבן פאַר אַ נויטיקער זאַך אַ געוויסע סומע...

האָט דער ייִדישער גיגאַנט אַרויסגעכאַפּט דעם טייסטער און גע־זאָגט אַ פאַרלוירענער און אַן אויפגערעגטער:

— נעמט, רבי, וויפל איר דאַרפט און ווילט...

פּרץ האָט אַרויסגענומען די נויטיקע סומע, האָט אים באַדאַנקט און איז אַוועק.

און דער ייִד האָט דערציילט שלמה מענדעלסאָנען, אַז ער האָט חדשים און חדשים נישט געעפנט דעם טייסטער, כדי ער זאָל, חלילה, נישט האָבן קיין חשד אַז פּרץ האָט גענומען צופיל...

אַ ייִדישער שרייבער אין פּוילן האָט געהאַט ייִדישע לייענער, היי־סע, געטרייע לייענער.

און איז ער אַרויסגעפאָרן אין דער פּראָווינץ האַלטן לעקציעס, האָט ער געהאַט די ווונדערלעכסטע אוידיטאָריע, מען האָט ממש געשלונגען זיינע ווערטער.

מען האָט אים באַגעגנט מיט ליבע און אַכטונג און מען האָט אים אַרויסבאַגלייט מיט ליבע און אַכטונג.

און די עטלעכע טעג וואָס ער איז געווען אין אַ שטאָט זענען גע־ווען ממש יום טוב־טעג פאַר דער יוגנט.

נאָך היינט שטעלט מיך אָפּט אָפּ אַ פּוילישער ייִד אין ניו יאָרק אין פּוילן, און וועלכן רעפעראַט איך האָב דאָרט געלייענט און ווי גוט און דערציילט מיר, ווען איך בין געווען אין זיין שטאָט, אָדער שטעטל און שיין מען האָט פאַרבראַכט מיט מיר.

די פּרעסע, די ליטעראַטור איז פאַרן יונגן פּוילישן ייִדן געווען אַ נייעס ווען איך בין געקומען קיין פּוילן.

אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן צייטונגס־שרייבער אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אין קליינע היטעלעך.

שטיל, שעמעוודיק האָבן זיי זיך באַוויזן, און לאַנג האָבן זיי זיך נישט געקענט שיידן מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע.

אַט האָט זיך באַוויזן אין אונדזער שרייבערישער וועלט ב. יאושזאָן, אַ חסידישער יונגערמאַן וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן פעליעטאָנען, אין וועלכע ער האָט באַשריבן די יידישע פּאָליטיק ווי מען רעדט אין די שטיבלעך און אין די בתי־מדרשים.

און ער איז געוואקסן ממש אויף אונדזערע אויגן, ביז ער איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע זשורנאַליסטן אין פּוילן.

ב. יאושזאָן איז נישט אַוועק פון זיין וועלט, ער איז געבליבן אין מאָגט עכטן פאָלקס־הומאָר. זיין שפּראַך איז געווען רייך און אויסערסט פּאַרביק.

ער איז געלאָפן פון די דייטשע בעסטיעס, דערלאָפן קיין ישראל און דאָרט איז ער געשטאָרבן פריצייטיק.

ב. יאושזאָן איז נישט אַוועק פון זיין וועלט, ער איז געבליבן אין איר ביז זיין טויט. ער האָט בלויז געביטן די הלבשה, אַזוי איז ער געבליבן דער פּוילישער ייִד ווי געווען.

**
*

דאָס איז אַלץ געזאָגט וועגן דעם מאַן, וועגן דעם יידישן מאַנספּאַרשוין אין פּוילן. ער האָט געלעבט און זיך אינגאַנצן אויסגעלעבט אין דעם אָפּגעשלאָסענעם קרייז פון רעליגיע און טראַדיציע.

ער איז געווען אַ ייִד אין דער היים, ער איז געווען אַ ייִד אין גאַס, איז געווען אַ ייִד אין האַנדל. ער איז געווען אַ ייִד אין דער געזעלשאַפטלעכקייט, אין דער פּאָליטיק, ער איז געווען אַ ייִד יעדע רגע פון זיין לעבן.

די יידישע פרוי אין פּוילן האָט אָבער צו דעם דאָזיקן פולן רעליגיעזן לעבן קיין צוטריט נישט געהאַט.

מיט דעם וואָס זי איז געווען אַ פרוי איז זי אָפּגעטיילט געוואָרן פון דעם מאַנס וועלט. זי איז נישט געפאָרן מיט איר מאַן צוזאַמען צום רבין, חס מלהזכיר! אין חסידים־שטיבל איז זי געווען אָפּגעצאַמט פון מאַן, און איר קליידונג האָט אינגאַנצן געפעלט די טראַדיציע, אַ חוץ וואָס זי האָט נישט געטאָרט טראָגן אירע אייגענע האָר.

האָט די פרוי, אַזוי אַרום, געמוזט לעבן אַן אַנדער לעבן.

און זי האָט טאַקע געלעבט אַן אַנדער לעבן.

אַ רייכע טאָכטער באַזוכט אַ פּוילישע פּריוואַטע פּעשאָנבעל און שטאַרק נאַציאָנאַליסטישע פּוילישע שול.

זי האָט זיך דאָרט געלערנט טאַנצן צוגלייך מיט די פּוילישע פּריצישע מיידלעך. זי האָט זיך געלערנט שפּילן פּיאַנאָ, דעקלאַמירן פּוילישע דיכטער און דער עיקרשט האָט מען זיך געלערנט פיינע אַריסטאָקראַטישע מאַנירן.

האָט זי געלעבט ווי אַ פּויליש־פּריצישע מיידל אין דער פּריוואַטער שול און איז געבליבן אַ דורכאויס פּויליש מיידל און דערנאָך ווי אַ פּוילישע פרוי, ביי זיך אין דערהיים.

האָבן צוויי אינגאַנצן פאַרשידענע וועלטן געלעבט אונטער איין דאַך.

איר האָט געזען די פאַרשידנקייט אַפילו אין גאַס, איר האָט געזען אַן עלעגאַנטע פּוילישע דאַמע, היינט־וועלטיק, לויט דער סאַמע לעצטער פּאַריזער מאָדע געקליידט, גייט ביי דער זייט פון אַ חסידל אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע אין אַ קליין היטעלע.

דער קאָנטראַסט איז געווען שרייענדיק בלויז פון אויבנאויף.

אָבער ווען איר האָט זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן ביז גאָר־טשיקאַוון פּאָרל האָט איר צו אייער איבערראַשונג געזען, אַז דאָס פּאָרל רעדט זיך צוזאַמען, אַז עס פילט זיך נישט שטאַרק דער קאָנטראַסט. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַרמאָניע צווישן די צוויי פאַרשידענע וועלטן.

דאָ און דאָרט זענען, פאַרשטייט זיך, פאָרגעקומען טראַגעדיעס. די פאַרשידנקייט אין דער דערציִונג איז געווען די הויפּט־סיבה.

דאָס פּוילישע און דאָס וועלטלעכע האָט רעוואָלטירט דאָ און דאָרט קעגן דאָס יִדיש־רעליגיעזע און דאָס יִדישע טראַדיציאָנעלע.

אָבער די צאָל פון די פאַמיליען־טראַגעדיעס זענען בפירוש נישט געווען אַזוי גרויס ווי מען האָט געקענט און באַדאַרפט דערוואַרטן.

איך האָב זיך צוגעקוקט אין וואַרשע און אין לאָדזש צו דעם לעבן פון די יונגע יִדישע פּאָרלעך פון דער נאָענט, און צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָט די פאַרשידנקייט אין זייער דערציִונג, באַנעמונג און קליידונג נישט געשטערט די האַרמאָניע פון דעם פאַמיליען־לעבן.

די פוילישע פריצטעלע מיט די פיינע מאַנירן, מיט איר ראַפי־נירטן פויליש, אַפילו מיט איר פראַנצויזיש, מיט איר מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי האָט זיך גוט איינגעלעבט מיט איר מאַן, דעם יונגן חסידל אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, אין שטיוועלעך און אין אַ קליין היטעלע.

דער פּוילישער ייִד אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און אין דאָס קליינע היטעלע, דער פּוילישער רעליגיעזער ייִד, איז לחלוטין נישט געווען ענ־לעך אויף דעם ליטווישן רעליגיעזן ייִדן; דער ליטווישער רעליגיעזער ייִד איז געווען אַ שלים־מזל, ער האָט זיך פּשוט נישט אויסגעטויגט צום פּראַקטישן לעבן, און די פרוי האָט געמוזט נעמען אויף זיך טיילווייז און אָפט אינגאַנצן דעם עול פון דער פּרנסה.

דער פּוילישער ייִד אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, דער פאַרברענטער חסיד און אַ צוגעבונדענער צו ייִדישער טראַדיציע, איז געווען אַ בריה, אַ סוחר אַ ברען, אַ לעבעדיקער, אַ רירעוודיקער ,אַ טיכטיקער און ברייטער.

ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן אפשר מיט מער דערפאָלג ווי די סאַמע היינטוועלטיקע.

זיין הויז איז געווען רייך מעבלירט, דאָס עסן רייך און ברייט און בכלל דאָס גאַנצע לעבן איז געווען אויף אַ רייכן און אָפט אויף אַ לוק־סוסדיקן שטייגער.

די פרוי האָט געקענט קויפן די בעסטע קליידער, זי האָט זיי גע־קענט באַשטעלן ביים בעסטן שניידער.

די פרוי האָט געקענט פאָרן אין אויסלאַנד אין די בעסטע קור־ערטער.

און אָט דאָס חסידל האָט געקענט זיין גאַלאַנט צו זיין פרוי און זי געקענט ליבן ווי דער וועלטלעכסטער מענטש.

און שאַרף איז ער געווען, און קלוג איז ער געווען און ער האָט אימפּאַנירט זיין פרוי.

דאָס הייסט, דער פּוילישער ייִד איז געווען פון אויבן אַ חסידל, אָבער אונטער דאָס הייטל פון חסידל האָט זיך באַהאַלטן אַ לעבעדיקער, אַ געזונטער און אַ פולבלוטיקער מענטש.

די צייט, די קלוגע אויסגלייכערין, די קלוגע פשרהניצע פלעגט

שוין טון דאָס איריקע; די יונגע ייִדישע פאַרפּויליִשטע פּריצטעלע איז געוואָרן אַ מוטער, געוואָרן סאָלידער, פּראַקטישער און איז אַריינגע־וואַקסן אין דעם מאַנס לעבן.

מיט דער צייט האָבן זיך אָפּגעריבן ביי דאָס פּוילישע מיידל די פּוילישע פּריצישע מאַנירן, די פּויליש־פּריצישע איבערפּלעכלעכע ביל־דונג, דער פּויליש־פּריצישער איפּגעבלאָזענער מיסטישער נאַציאָנאַליזם, און די ייִדיש־פּוילישע פּריצטע איז געוואָרן אַ דורכאויס ייִדישע פרוי, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אינגאַנצן אין דער ייִדישער טראַדיציע.

צו שטאַרק איז אפּנים געווען די ייִדישע טראַדיציע אַז אַ שוואַכע פרוי מיט אַביסל איבערפּלעכלעכער פּוילישער בילדונג זאָל זי קענען באַקעמפן, אָדער זיך פאַרמעסטן צו קעמפן מיט איר.

זי האָט זיך אפשר פון אָנהויב געבונטעוועט, אָבער דאָס חסידל איז געווען שטאַרקער, איבערצייגטער און מיט מער כאַראַקטער.

איז דאָס ביסל פראַנצויזיש פאַרשוונדן געוואָרן, דאָס טאַנצן איז פאַרגעסן געוואָרן, בלויז זומער ערגעץ אין אַ פעשאָנעבלען קור־אָרט אין אויסלאַנד פלעגט זי אַ טאַנץ טון מיט אַ מיטל־יעריקן דייטש, אָדער האַלב־דייטשן ייִדישן דזשענטעלמאַן.

דאָס פּולבלוטיקע ייִדישע לעבן האָט גובר געווען די בלוט־אָרעמע פּוילישע בילדונג און אַ פולע האַרמאָניע האָט זיך איינגעשטעלט אין דעם הויז פון דעם חסידישן מאַן און דער וועלטלעכער פרוי.

פלעגט איר באַגעגענען אין אַ רייך חסידיש הויז אַן עלעגאַנטע דאַמע ביי דער זייט פון אַ מאַן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע. די דאַמע גיט דעם טאָן אין הויז, אָבער דער מאַן איז דער געביטער.

און מיט זיבן חנען רעדט די עלעגאַנטע פרוי דעם פּוילישן זינ־געגדיקן ייִדיש, און מיט זיבן חנען דערציילט זי אייך מעשהלעך, וויצי־קע, עלעגאַנטע, פון קור־ערטער, אָדער פון בעלער ביי פּריצים, מיט וועלכע דער מאַן פירט געשעפטן.

אַמאָליקע פראַנצויזישע ווערטער פאַרבלאָנדזשען אין איר דער־ציילונג, און פּוילישע ווערטער ווערן אַזוי גוט פאַרייִדישט...

נייִן, די פאַרשידנאַרטיקייט אין דערציִונג האָט נישט פאַראורזאַכט

קיין אָפּטע פאַמיליען־טראַגעדיעס, על כל פנים נישט אין דער צאָל ווי מען האָט באַדאַרפט דערוואַרטן.

אָבער, איז די פרוי פון דער סאַמע יוגנט אָן דערצויגן געוואָרן אין דער יידישער טראַדיציע. זי האָט געזען אַרום זיך כסדר מענער אין לאַנ־גע קאַפּאָטעס און אין קליינע היטעלעך, און דער „טאַטוש״ (טאַטע) איז געווען אַלע מאָל גוט. דאָס טעלערל פון הימל האָט ער אַראָפּגענומען פאַר איר.

דער פוילישער ייד איז אונטער דער קאַפּאָטע געווען אַ וועלטלע־כער מענטש.

איז צו דער קאַפּאָטע האָט זיך די פרוי צוגעוווינט. דער מאַן אירער פאַרמאָגט די ברייטקייט פון אַ פריץ און די פשוטע האַרציקייט פון אַ יידישן מאַן.

ניין, דער קאָנטראַסט איז געווען בכלל בלויז אויסערלעך. אינערלעך איז כמעט קיין קאָנטראַסט נישט געווען.

יאָ, דער פוילישער ייד איז אונטער דער קאַפּאָטע געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער, און פאַר כאַראַקטער בויגן זיך פרויען.

אָבער, ווי געזאָגט, איז אין דער קאַפּאָטע, אין די שטיוועלעך און אין דאָס קליינע היטעלע געווען אַ היפּש ביסל עלעגאַנץ.

די אַנדערשקייט, די ביזאַרקייט, ווערט פאַרשוווּנדן פון מענטשן און זאַכן וועלן מען געוווינט זיך צו זיי צו.

ווי געזאָגט שוין, אָבער, דאָס רעליגיעזע לעבן פון דעם פוילישן יידן איז געווען עפּעס אַן עולם־הזהדיקע.

חסידות האָט נישט געאסרט דאָס לעבן, פאַרקערט — חסידות האָט געהייסן געניסן און ליב האָבן דאָס לעבן.

איז אונטער דער לאַנגער קאַפּאָטע געווען באַהאַלטן אַ לעב־מענטש, אַ שטיפער, אַ זינגער, אַ טענצער, אַ טרינקער און אַ גוטער עסער, אַ „גור־מאַן״, ווי די פראַנצויזן רופן אַזאַ.

***

דער פוילישער ייד, ווי אַ פולבלוטיקער מענטש און געניסער, האָט ליב געהאַט פרויען. און פרויען האָבן ליב אַז מען זאָל זיי ליב האָבן.

האָב איך געזען אָפט פויליש־ייִדישע פּאָרלעך, דער מאַן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, די פרוי אין אַ קליד און אין אַ הוט, געקויפט אין פּאַריז, שפּאַצירן ווי פּאַרליבטע.

אָבער עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען פאַלש צו באַהויפּטן, אַז די פאַרשידנקייט אין דערציִונג האָבן קיין שום טראַגעדיעס נישט פאַר־אורזאַכט.

אָבער דאָ איז געווען ווייניקער שולדיק דאָס פוילישע, גיכער איז דאָ געווען שולדיק די קראַנקייט פון דער פוילישער קולטור.

אַמאָל האָט דאָס ייִדישע מיידל, — וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ פויליש־פריצישע שול, אַרויס פון שול מיט דער גאַנצער קראַנקער פוילישער ראָמאַנטיק, מיטן קראַנקן מיסטישן נאַציאָנאַליזם און מיט דער מיסטי־שער פאַרליבטקייט אין דער פוילישער פּאָעזיע און ליטעראַטור, — נישט געקענט איר גאַנץ לעבן זיך אײַנגאַנצן באַפרייען פון דעם אַלץ.

זי איז געווען פויליש, דורך און דורך פויליש.

און דער פוילישער מאַנספּאַרשוין איז געווען אין אירע אויגן אַ פּרינץ, אַן עלעגאַנטער, העלדישער פּרינץ.

און זי האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן אימאַזשיגירטן פּרינץ.

דער פּרינץ פלעגט אָפט זיין שיכור, אָפט ברוטאַל און אָפט לייכט־זיניק, אָבער זי האָט עס נישט געזען.

איז אין די אַסימילירטע ייִדישע הייזער פלעגט איטלעכס מיידל חלומען וועגן אַ פוילישן יונגן גראַף.

און די אַסימילירטע עלטערן פלעגן לייכט געפינען פאַר זייערע טעכטערלעך אַזאַ גראַף. זיי זענען געווען לרוב, און זיי זענען געווען אָרעם, זייער פאַרמעגן האָבן זיי פאַרטאַכלעוועט אין פּאַריז, און זיי האָבן געזוכט, ווי מיט ליכט, אַ רייכן ייִדן, וואָס זאָל זיי געבן אַ רייכן נדן און, אַגב, אויך זיין שוואַרץ־אויגיקע טאָכטער.

און דאָ גראָד זענען פאָרגעקומען די שווערסטע פאַמיליען־טראַ־געדיעס.

דער פוילישער פּרינץ פלעגט זיך אין די מיינסטע פאַלן אַרויס־שטעלן ווי אַ שיכור, אַ פאַרשווענדער, און דערצו פלעגט זיך אים נאָכ־שלעפּן אַ טוץ אַלטע ליבעס פון אַ טוץ פאַרשידענע לענדער.

און דער רייכער טאַטע האָט געמוזט כסדר געבן נדן, צען מאָל, צוואַנציק מאָל נדן.

און אַלץ איז געווען ווייניק.

פלעגט מען זיך שטיקן מיט אַזעלכע טראַגעדיעס.

אָבער פּלוצלונג פלעגן זיי אַרויסשפּרינגען. די פּרינצעסין פלעגט קומען צוריק צו אירע עלטערן אבלה וחפויה ראש.

דער טאַטע און מאַמע פלעגן זי אַוועקנעמען אין אויסלאַנד, טרייסטן זי און מאַכן איר פאַרגעסן דעם גרויסן צער, און דער עיקרשט איר גרויסע אַנטוישונג אין דעם פּוילישן פּרינץ, וואָס איז אין דער אמתן אַ „שווייַן״.

אָבער עס זענען געווען אַ סך, וועלכע פלעגן אַלץ איבערטראָגן פאַרן טיטל, גרעפין, וואָס דער פּוילישער מאַן האָט זיי געגעבן.

דעם מאַן האָבן זיי געהאַסט: שיכורערהייט פלעגט ער זיי דערמאָנען אַז זיי זענען געווען און געבליבן „זשידוווקעס״. אָבער דעם טיטל גרעפין האָבן זיי ליב געהאַט און מיט דעם טיטל האָבן זיי זיך נישט געקענט שיידן.

אויס נקמה פלעגט די באַליידיקטע יידישע פרוי אָפּט פאַרראַטן איר פּרינץ.

אָט אַזוי האָט די יידישע וועלט אין פּוילן, אויך אין דעם פּרט, היפּש־לעך געליטן פון דער שכנהשעפט מיט פּאַליאַקן.

ביז עס איז געקומען דער גרויסער טראַגישער מאָמענט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך פאַר היטלערן, אָבער מיט היטלערן ווי אַ שטאַרקן שותף, איז די קאַטאַסטראָפע געווען אַ טאָטאַלע.

פאַטאַל איז געווען די היסטאָרישע באַגעגעניש פון יידן מיט די פּאָ־ליאַקן.

עס איז געוואָרן אַלץ פאַטאַלער און פאַטאַלער, ווייל דער פּוילישער ייִד האָט שטאַרק ליב געהאַט פּוילן.

ער איז געווען אַ פּוילישער פּאַטריאָט, ער האָט ליב געהאַט די פּוי־לישע ערד, דעם פּוילישן מענטשן און פלעגט זיך אָפּט מקריב זיין פאַר פּוילן.

און פאַרוואָס מען איז זיך מקריב האָט מען ליב, עס ווערט ליב און טייער.

ווי געזונטע, לעבנס־לוסטיקע מענטשן זענען זיי געווען געזונט מיסטיש, רעליגיעז און אויך מיסטיש בנוגע פוילן.

די היסטאָרישע מינוטן פון פויליש־יידישע פריינטשאַפט, און אַזעל־כע זענען געווען גאָר אַ סך, האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דעם זכרון פון ייִדן.

פאַרקערט — די רשעות, די פיל רשעות, פלעגן עפּעס פאַרגעסן ווערן, אָפּט צו לייכט פאַרגעסן ווערן.

יאָ, עס איז געווען אַן איינזייטיקע ליבע. ייִדן האָבן ליב געהאַט פוילן, און אַן איינזייטיקע ליבע אין שטאַרק, אָמאָל שטאַרקער ווי די קעגנזייטיקע ליבע.

האָבן ייִדן געליבט פוילן און גענומען פאַר גוט די פוילישע רשעות.

ביז — באו מים עד נפש.

ביז דער פּאָליאַק האָט אַרויסגעריסן דאָס שטיקל ברויט ביים ייִדן פון מויל און דער ייִד האָט געמוזט עוקר זיין פון פוילן.

אָבער דאָ האָט ער געפונען אַ פאַרריגלטע וועלט.

די פוילישע עליות אין ארץ ישראל זענען געווען די גרעסטע.

די פּאָליאַקן האָבן נישט בלויז געזאָגט דעם ייִדן — גיי אין פּאַ־לעסטינע! זיי האָבן אים געטריבן קיין ארץ ישראל.

און אין ארץ ישראל האָט דער פוילישער ייִד זיך שווערער צוגע־פּאַסט ווי ייִדן פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

דער פוילישער ייִד האָט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין ארץ ישראל שטיקער פוילישקייט, מיט וועלכע ער האָט זיך נישט געוואָלט און נישט געקענט שיידן.

און אַזוי איז מיט די פוילישע ייִדן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

די פוילישע ייִדן, וואָס זענען געלאָפן פון פוילן, בשעת דעם בעס־טיאַלישן אָנגריף פון היטלערן אויף פוילן, האָבן מיטגעבראַכט דעם פּוי־לישן לשון און די פוילישע זיטן.

מיטן באַיקאָט וואָס האָט אָפּגעשניטן אַלע חיונה־מיטלען פאַר די ייִדן אין פוילן, און נאָך דער גרעסטער שחיטה אין אונדזער געשיכטע,

האָבן ייִדן מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער ליבע צו פּוילן.

יאָ, פאַלן פון שמד זענען צווישן ייִדן אין פּוילן געווען מער ווי אין די אַנדערע לענדער, דערהויפּט צווישן די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע ייִדן.

פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי פיל ווי אין דייטשלאַנד און עסטרייך. אָבער אַ סך מער ווי אין רוסלאַנד און אין אוקראַינע, למשל.

אין רוסלאַנד איז די גרעסטע צאָל פון שמדן פאָרגעקומען צוליב ייִדישער רעכטלאָזיקייט, צוליב קאַריערע, אָבער גאָר ווייניק צוליב ליבע און צוליב אַסימילאַציע.

די שמדן אין פּוילן זענען געווען לשמהדיקע.

עס זענען געווען אַ סך פאַלן פון שמד צווישן אַסימילאַטאָרן אין די לעצטע מינוטן פאַרן טויט.

דאָס איז געווען אַ מין דעמאָנסטראַציע פון ריינעם, אָן פּניותדיקן שמד, פון שמד אויס ריינער ליבע צום פּוילישן פאָלק.

אַזוי האָט זיך געשמדט פאַר זיין טויט דער אַסימילירטער ד״ר נוסבוים, וועגן וועלכן עס וועט זיין די רייד שפּעטער.

אנרי בערגסאָן דער גרויסער פילאָזאָף און פאַרפראַנצויזישטער פּוילישער אַסימילירטער ייִד האָט זיך געשמדט אין די לעצטע מינוטן פאַר זיין גסיסה.

אָבער גרעסער איז געווען די צאָל פון שמדן צווישן די ייִדישע פרויען אין פּוילן.

און דאָ איז געווען אַביסל שולדיק די פּוילישע דערציִונג פון דער ייִדישער פרוי און דער שאַרפער קאָנטראַסט פון איר דערציִונג און דער שטרענג ייִדישער היים.

פאַלן פון שמד אין פרומע משפחות זענען געווען גאָר זעלטן. און ווען זיי זענען פאָרגעקומען איז די טראַגעדיע געווען שווער.

די טראַגעדיע פון שמד איז אין פּוילן געווען שווערער און ווייטאָגדיקער ווי אין אַנדערע לענדער. דאָ האָט דער שמד צוגענומען זיינע קרבנות ביי טיף רעליגיעזע ייִדישע טאַטע־און־מאַמע.

די ווונד פון שמד אין אַ ייִדישער פאַמיליע האָט זיך קיינמאָל נישט

פאַרהיילט און עס האָט אָפט געפירט צום חורבן פון דער פאַמיליע, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ שמד־פאַל.

אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך איז דער שמד געווען עפּעס אַ קליינע און נישטיקע פאָרמאַליטעט.

אין ווין איז געווען אַ דייטש־יידישע וואָכנבלאַט, אין וועלכן עס פלעגט יעדע וואָך מעלדן, ווי אַ חתונה אָדער אַ ברית, אַז דער און דער איז אַרויסגעטראָטן פון דער יידישער געמיינדע. דאָס פלעגט הייסן — ער האָט זיך געשמדט.

אין פוילן איז געווען די שווערסטע און ביטערסטע טראַגעדיע.

אין די לעצטע יאָרן זענען שוין באַשאַפן געוואָרן ספּעציעלע יידישע שולעס פאַר מיידלעך; די אַלטע טראַדיציע וואָס האָט געהאַלטן, אַז פרויען דאַרפן נישט לערנען קיין יידישקייט, איז געבראָכן געוואָרן.

און אין דער צייט פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע האָבן מיר גע־האַט דעם גרעסטןביישפּיל פון מאַסן קידוש־השם פון יידישע מיידלעך.

איבער ניינציק מיידלעך אין דער שולע „בנות יעקב" האָבן זיך גענומען דאָס לעבן אײדער די שמוציקע דייטשע בעסטיעס זענען געקו־מען זיי צו פאַראומרייניקן.

דאָס איז געווען דער גרעסטער אַקט פון קידוש השם פון דער יידישער מיידל אין פוילן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יידישער שולע.

איבער ניינציק יידישע מיידלעך האָבן זיך געסמט ווען די דייטשע בעסטיעס האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי וועלן באַלד קומען צו פאַראומריי־ניקן זיי.

דאָ האָבן מיר געזען דעם איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם פּוילישן יידנטום האַרט פאַר זיין אומקום.

***

דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען ממש דער רוקנביין פון דעם אייראָפּעישן יידנטום.

עס איז געווען אַ יידישער ישוב, וואָס האָט זיך גייסטיק צו קיינעם נישט צוגעפּאַסט. ער איז געווען יידיש ביי זיך אין הויז, יידיש אויף דער

גאָס, ייִדיש אין זיין דענקען און ייִדיש אין זיינע וואָכעדיקע טאָג־טעג־לעכע טעטיקייטן.

און ייִדישקייט איז ביים פּוילישן ייִדנטום געווען אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט, אַזוי ווי פּוילישקייט ביים פּאָליאַק, רוסישקייט ביים רוס און ענגלישקייט ביים ענגלענדער.

דער פּוילישער ייִד איז געווען 24 שעה אין מעת־לעת אַ ייִד.

און ער האָט עס גאָר נישט געפילט.

עס איז נישטאָ קיין סימן פון אָנשטרענגונג אין זיין ייִדישקייט. זי איז געווען נאַטירלעך, זעלבסטפאַרשטענדלעך.

עס איז געווען אַ ייִדישקייט אָן „אָבערס״, עס איז געווען אַ ייִדיש־קייט אָן פּשרות, אָן צעטיילענישן און אָן חציו שלי וחציו שלך.

און דעריבער איז זי געווען געזונט און שעפעריש.

די רעליגיאָזיטעט פון דעם פּוילישן ייִדן איז געווען אַ לעבנס־לוס־טיקע, אַן אָפּטימיסטישע און אַ לעבעדיקע.

עס איז געווען אַ רעליגיאָזיטעט פול מיט ליבע צו גוטער, געזונטער עולם־הזה.

די עולם־הזהדיקייט האָט געהאַט אירע גרענעצן, אָבער זי איז גע־ווען אַ טייל פון דער רעליגיאָזיטעט.

רעליגיע האָט צוגעטוליעט צו זיך עולם־הזה און האָט זי געהאַלטן אונטער איר שמירה, אונטער איר קאָנטראָל.

און זי איז קיינמאָל נישט אַרויסגעשפּרונגען פון די האָלאָבלעס...

24

דער יִדישער אַסימילאַטאָר אין פּוילן

איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן דייטשע אַסימילירטע יִדן, פראַנ־צויזישע, שווייצאַרישע, רוסישע, ענגלישע און אַמעריקאַנישע.

זיי זענען אַלע געווען און זענען אָפּשטויסנדיק, ווי אַלץ, וואָס איז נאָכאַמונג, נאָכקרימעניש און פאַרלייקענונג פון זיך אַליין.

דאָס לעצטע — דאָס פאַרלייקענען זיך אַליין — איז דאָס ערגסטע.

און נאָך עפּעס — יעדער אַסימילאַטאָר, ווענדיק באַרעכטיקן זיין אַסימילאַציע, שפּילט עפּעס אַ פאַרליבטן אין דער קולטור, מיט וועלכער ער האָט זיך אַסימילירט.

און ליבע איז הימליש, ליבע איז נישט מחויב צו זיין לאָגיש, זי איז שיין דווקא ווען זי איז נישט לאָגיש; ליבע, ווי אַלע ווייסן, איז אַ בלינדע שיינהייט...

אָבער דער אָפּשטויסנדיקסטער יִדישער אַסימילאַטאָר איז געווען דער פּויליש־יִדישער אַסימילאַטאָר.

ער איז, ווי יעדער אַסימילאַטאָר, געווען מער פּאָליאַק פון דעם גרעסטן פּאָליאַק.

און דאָס זיין מער פּאָליאַק ווי דער פּאָליאַק אַליין איז שוין גופא אָפּשטויסנדיק.

דער פּויליש־יִדישער אַסימילאַטאָר איז ראשית כל געווען אַ מיס־טישער פּוילישער נאַציאָנאַליסט, אַ פאַרקאָכטער אָנהענגער פון אַ נאַ־

ציאַנאַליזם, וואָס איז אַ געמיש פון קאַטאָליציזם, פראַנצויזישן בולוואַר־נאַרישן האָנאָר, פריצישער משוגעת, אַלט־פרענקישער עלעגאַנץ, פאַרבי־סנקייט און שרייענדיקע פּאָזע.

נישט פיל זענען געווען די אָפענע אַסימילאַטאָרן אין דעם יידישן חסידיש־רעליגיעזן פוילן, ממש אחד בעיר ושנים במשפחה.

אָבער דאָס הייפעלע אַסימילאַטאָרן האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט די גרויסע יידישע קהילות אין וואַרשע, לאָדזש און אין אַנדערע גרעסע־רע שטעט.

זיי זענען געווען די פאַקטישע פירער, די פאַקטישע באַלעבאַטים פון אַלע יידישע קהלשע אַנשטאַלטן, פון דער יידישער צדקה, פון די יידי־שע שפיטעלער, פון די יידישע יתומים־הייזער, פון די בית־עלמנס און אַזוי ווייטער.

דער חסיד איז געווען פאַרטון אין חסידות, ער פלעגט כסדר פאָרן צום רבין, פלעגט אָפּזיצן טעג און נעכט אין שטיבל און די קהלשע גע־שעפטן זענען אים ווייניק אָנגעגאַנגען.

אַגב האָט מען באַדאַרפט קענען רעדן מיט רוסישע טשינאָווניקעס, מיט פוילישע בעלי־דעות, און דאָס האָבן גוט געקענט די אַסימילאַטאָרן, זיי זענען געווען געבילדעט, כמעט אַלע האָבן שטודירט און זיי האָבן געקענט פאַרטרעטן די יידישע קהילות פאַר דער פאַקטישער מאַכט — פאַר די רוסישע טשינאָווניקעס און פאַר די פוילישע פריצים.

מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ טראַדיציע; די אַסימילאַטאָרן זע־נען פון קדמונים געווען די פירער פון דער יידישער קהילה, און קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו ברעכן די דאָזיקע טראַדיציע.

ווען מען פלעגט דערפילן אַן אומצופרידנקייט, ווען מען פלעגט דערהערן אַ מורמלעריי מצד די רייכע חסידים, פלעגט מען באַלד אַריינ־נעמען עטלעכע חסידישע גבירים אין דער פירונג פון דער קהילה און אַלץ פלעגט ווידער ווערן רויק און שטיל.

די וואַרשעווער קהילה האָט אויסגעזען ווי אַ פּויליש מיניסטעריום.

קיין וואָרט יידיש האָט מען דאָרט נישט געהערט, די שפּראַך איז געווען פויליש, און ווען עס פלעגט זיך אין אַ זעלטענעם פאַל אַראָפּלאָזן אין דער גמינע (קהילה) אַ ייד, וואָס רעדט בלויז יידיש, איז שוין געווען

אַזאַ באַאַמטער, אַ ייִדיש־רעדנדיקער, וואָס פלעגט ווערן זיין איבערזע־צער, אָדער דאָלמעטשער.

די פירער פון דער קהילה, די אַסימילירטע ייִדן, זענען, אַגב, געווען די רייכע ייִדן, די באַנקירן, די גרויסע פאַבריקאַנטן און די גרויסע סוחרים.

זייערע טעכטער זענען געווען אויסגעשמדטע; זיי האָבן חתונה גע־האַט פאַר פאַראָרעמטע פוילישע גראַפן, אָדער סתם פוילישע פריצים.

פון ייִדישקייט האָבן זיי גאָרנישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן, זיי זענען ממש שוין גאָר קיין ייִדן נישט געווען, אָבער אַרויסרויכערן זיי פון דער גמינע האָט מען נישט געקענט, דאָ זענען זיי געווען דווקא ייִדן.

עס איז געווען ביי זיי אַ טראַדיציע, דורות און דורות פון אַסימי־לאַטאָרן האָבן געפירט די גמינע, יעדער דור פלעגט עס איבערלאָזן בירושה דעם ייִנגערן דור, איז עס געווען עפּעס אַ מין משפחה־טראַדיציע

און דאָס, אַגב, האָט אַ סך פון די אַסימילאַטאָרן דערהאַלטן פאָרמעל ביי ייִדישקייט, ווען נישט אָט דאָס דאָזיקע פעדעמל וואָלטן זיי זיך אַלע לאַנג אויסגעשמדט.

די גמינע, אָדער קהילה, אין פוילן איז געווען עפּעס אַ זכר פון דער אַמאָליקער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין פוילן.

די קהילה איז געווען די אויטאָנאָמע פאַרוואַלטונג פון די ייִדישע צרכי־ציבור.

אַ סך רעכט פון דער אַמאָליקער אויטאָנאָמיע זענען געבליבן בתקפם אין דער קהילה. די צאַרישע רעגירונג האָט ליבער געגעבן אַזעלכע רעכט די ייִדן ווי די פּאָליאַקן, פאַר איר זענען די פּאָליאַקן געווען געפערלעכער פאַר די ייִדן.

די אַסימילאַטאָרן האָבן נישט אויסגענוצט די אויטאָנאָמע רעכט פון דער קהילה, דאָס וואָלט געווען נישט־פויליש־נאַציאָנאַליסטיש און דער עיקר — דאָס וואָלט געקרענקט די פּאָליאַקן...

און קרענקען אַ פּאָליאַק איז געווען דאָס שרעקלעכסטע פאַר אַן אַסימילאַטאָר.

איך בין אַמאָל געווען צופעליק אַ צוהערער פון אַ וויכוח צווישן אַן אַסימילאַטאָר און שוין אַ מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַליסט.

דער יידישער נאַציאָנאַליסט האָט געפרעגט דעם אַסימילאַטאָר:

— פאַרוואָס מעג דער פּאָליאַק אונדז קרענקען און מיר אים נישט?

— דער פּאָליאַק איז דער באַלעבאָס, עס איז זיין לאַנד און ער האָט רעכט אויף דעם, אָבער מיר זענען דאָ פרעמדע און מיר האָבן קיין רעכט נישט צו פאַרשאַפן עגמת־נפש דעם באַלעבאָס — האָט געענטפערט דער אַסימילאַטאָר.

פון אָנהויב האָבן מיך אַזעלכע באַהויפּטונגען איבערראַשט, אָבער שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס איז די אַסימילאַטאָרישע פילאָזאָפיע, אָדער קאָנצעפּציע, דאָס איז זייער קרעדאָ און עס איז פאַרפאַלן.

דער יידישער אַסימילאַטאָר אין פוילן איז געווען אַ שאַרזש, אַ קאַריקאַטור פון אַ פּאָליאַק.

און היות ווי דער פּאָליאַק אַליין איז אַ שאַרזש, איז דער ייד געווען אַ שאַרזש פון אַ שאַרזש, אַ קאַריקאַטור אויף אַ קאַריקאַטור.

דער יידישער אַסימילאַטאָר איז געווען רעאַקציאָנערער ווי דער פּאָליאַק, ער איז געווען אַ רעאַקציאָנערער פוילישער פריץ, נישט זייענדיק נישט קיין פּאָליאַק און נישט קיין פריץ.

הכלל — עפּעס אַ צען־פּאַכיקע קאַריקאַטור פון אַ פּאָליאַק איז געווען דער יידישער אַסימילאַטאָר אין פוילן.

געווען אַזעלכע, וואָס זייער פוילישע אַסימילאַציע איז דערגאַנגען פּשוט ביז משוגעת.

אַזאַ איינער, למשל, איז געווען איינער אַ ד״ר נוסבוים.

זיין אַסימילאַציע איז דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט פון משוגעת.

ער האָט, למשל, דערקלערט:

— ווען איך וועל אין גאַס באַגעגענען צוויי אומגליקלעכע בעטלער, איינעם אַ פּאָליאַק און דעם אַנדערן אַ ייד, ביידע וועלן אויסשטרעקן זייערע הענט נאָך אַ נדבה, און איך וועל האָבן בלויז איין קופּערנע מטבע אין קעשענע, וועל איך טון אַזוי: איך וועל די איינציקע קליינע מטבע געבן דעם פּאָליאַק, ווייל איך בין זיכער, אַז דער פּאָליאַק איז אַזוי נאָבל, אַז ער וועט די מטבע אָפּגעבן דעם יידן...

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן, ווען דער פּוילישער עקאָנאָמישער באָיקאָט קעגן יידן האָט געבושעוועט, ווען פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעריסן דאָס לעצטע ביסן ביים יידן פון מויל...

מען האָט געפרעגט דעם דאָזיקן ד״ר נוסבוים:

— פאַרוואָס, צו אַלדע שוואַרץ־יאָר שמדט איר זיך נישט אָפּ און אַ סוף?

— איך האָב אַ מיסיע — האָט ער געענטפערט — איך דאַרף אַסי־מילירן אַלע יידן פון גערער רבין ביז דעם לעצטן בעל־העגלה.

און ער האָט עס געמיינט ערנסט, טויט־ערנסט...

פאַר זיין טויט, ליגנדיק אויפן טויטן־בעט, האָט ער זיך געשמדט, כדי ער זאָל קומען אויף יענער וועלט אַ פולער פּאָליאַק...

און דאָס האָבן געטון אַ סך, גאָר אַ סך אַסימילירטע פּוילישע יידן.

**
*

אין טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן, סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן און סיי אין דעם קולטורעלן לעבן, האָט מען די אַסימילאַטאָרן נישט באַגעגנט.

זיי האָבן זיך פאַרטרענטשעוועט אין דער קהילה און פון איר נישט אַרויס אויף דער יידישער גאַס.

די אַסימילאַציע האָט געהאַט אויך אירע משוגעים, היסטעריקער און מיסיאָנערן.

אַזאַ איינעם האָב איך געטראָפן אין דער פּראָווינץ.

איך קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער שטאָט, אָבער דער מענטש, דער אַסימילאַטאָר־מיסיאָנער, שטייט ווי אַ לעבעדיקער פאַר מיר.

עס איז געווען נאָך אַ לעקציע, וואָס איך האָב געהאַלטן, אַלע זע־נען צעגאַנגען, עס זענען געבליבן אַרום מיר בלויז עטלעכע פון קאָמי־טעט. קומט צו מיר צו אַ לאַנגער ייד, די האָר זיינע זענען צעשויבערט און די אויגן לויפן עפּעס אַרום ווי מייזלעך אין אַ פאַסטקע.

— איך וויל מיט אייך עפּעס רעדן, זאָגט ער מיר, אָבער אויג אויף אויג.

הכלל — מיר זענען געבליבן אַליין און ער האָט מיך באַגלייט אין האָטעל אַריין.

ווי מיר זענען געבליבן אַליין האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ גוואַלדיקן ברען: — וואָס ווילט איר פון די דאָזיקע ייִדן? זיי זענען פּאָליאַקן, זיי דאַרפן זיין פּאָליאַקן, פּוילן איז דאָס מאַרטירער־לאַנד און פּאָליאַקן זענען מאַרטירער, ייִדן זענען אויך מאַרטירער, דאַרפן זיך די צוויי פעלקער־מאַרטירער צונויפגיסן, ליידן צוזאַמען, קעמפן צוזאַמען און טריומפירן צוזאַמען.

דער גרויסער זיג וועט קומען צו די צוויי מאַרטירער־פעלקער.

— איר און אייער גלייכן, — טייטלט ער מיטן פינגער אויף מיר, — זענט מעכּבֿי־הגאולהניקעס, איר שטערט דער צונויפגיסונג פון די צוויי פעלקער.

— געפינט איר נישט, — זאָג איך מיין ציטערנדיקן פון עקסטאַז ייִד, — אַז דער גערער רבי, למשל, שטערט מער דער אַסימילאַציע פון די צוויי פעלקער? איז וועגדט זיך ראשית כל צו אים.

— ניין, שרייט דער ייִד, דער גערער רבי שטערט נישט, שטערן שטערט איר און אייער גלייכן, דער גערער רבי איז אַ פּוילישער ייִד און די ייִדן, די חסידים, וואָס רינגלען אים אַרום, זענען פּוילישע ייִדן.

פלוצלונג פאַלט מיר איין צו פרעגן אים:

— ווער זענט איר אייגנטלעך?

— איך, האָט זיך דער ייִד צעפלאַקערט, בין אַ מיסיאָנער פון פּויליש־ייִדישער אַסימילאַציע, פון אמתער אַסימילאַציע, פון צונויפגיסונג פון צוויי מאַרטירער־פעלקער פאַר אַ געמיינזאַמען קאַמף און פאַר אַ געמיינזאַמען זיג...

דער ייִד איז מיר געוואָרן אינטערעסאַנט און איך האָב אים אָנגעהויבן צו ציִען פאַר דער צונג, אָבער דאָ האָבן זיך אויסגעלאָזט זיינע ווערטער און זיין פייער האָט זיך אויסגעלאָשן, ער האָט געטון און איבערגעחזרט וואָס ער האָט געזאָגט פון אָנהויב.

און איך האָב אים אָפּגעלאָזט און ער האָט מיך אָפּגעלאָזט.

אָבער אָט דער ייִד האָט זיך אָנגעשטעקט מיט מיסטישער אַסימי־

לאַציע פון וועמען עס איז. איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַסימילאַ־טאָרן אין לאַנגע קאַפּאָטעס.

דאָס זענען געווען פרומע ייִדן, אָבער אין דערזעלביקער צייט זע־נען זיי געווען פאַרברענטע פּאָליאַקן.

איינער אַזאַ פלעגט מיך ממש פאַרפּאָלגן. ווו ער פלעגט מיך באַ־געגענען פלעגט ער אָן הקדמות אָנהויבן אויסלייענען זיין טשיקאַווע אַסי־מילאַטאָרישע טעאָריע.

ער איז געווען אַ יונגער מענטש אין די דרייסיקער, בלאָנד, מיט אַ צאַרט פּנים, חסידיש געקליידט, אָבער מיט געשמאַק און אַפילו מיט עלעגאַנץ.

זיין טעאָריע איז געווען, אַז ייִדן לעבן אין פּוילן לענגער ווי זיי האָבן געלעבט אין ארץ ישראל, ייִדן לעבן אין פּוילן טויזנט יאָר, אין קיין לאַנד האָבן ייִדן אַזוי לאַנג נישט געלעבט, אין טויזנט יאָר מוזן זיך צוויי פעלקער צוזאַמענגיסן.

— און וואָס איז מכוח רעליגיע? איך זאָ, אַז איר זענט אַ רעלי־גיעזער ייִד.

— זיכער בין איך אַ רעליגיעזער ייִד, אָבער עס זענען דאָ פעלקער מיט פאַרשיידענע רעליגיעס, פאַראַן ענגלענדער קאַטאָליקן, פאַראַן דייטשן קאַטאָליקן און דאָס מאַכט זיי נישט פאַר אויס ענגלענדער און פאַר אויס דייטשן.

— און איר וועט זיך גיין אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און זיין אַ פּאָליאַק לויט אייער נאַציאָנאַליטעט? זאָג איך שפּאַסיק.

— איך וואָלט אייך זייער געבעטן נישט שפּאַסן, איך רעד מיט אייך ערנסט, זייער ערנסט.

איך האָב אים באַטראַכט אַביסל פאַרוואונדערט, אָבער איך האָב גע־זען, אַז מיין שפּאַסיקער טאָן האָט אים טיף באַליידיקט.

און איך האָב שוין אים געזאָגט ערנסטער:

— איך זע נישט ווי אַזוי איר קענט זיך אַסימילירן מיט פּאָליאַקן, זיי זענען אי רעליגיעז און אי וועלטלעך, מער רעליגיעז ווי וועלטלעך, און איר זענט דאָך רעליגיעז. ייִדיש־רעליגיעז.

— דאָס זענען קלייניקייטן, דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן רעקל, דעם

רעקל קען מען פאַרקירצן. אין דעם שטעקט נישט קיין רעליגיעזיטעט. דאָס איז בלויז אַ טראַדיציאָנעלער מלבוש, טראַדיציעס בייטן זיך סוף כל סוף.

באַקאַנט האָט זיך דער ייד מיט מיר אויף אַ פאַרלעזונג וועגן טעאַטער, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט טעאַטער, דערהויפּט, פאַרשטייט זיך, מיטן פּוילישן טעאַטער.

— באַזוכט איר אָפט דעם פּוילישן טעאַטער? — פרעג איך אים.

— זייער אָפט. איך זע אייך דאָרט אָפט.

— אין דער קאַפּאָטע אייערער?

דער יונגער מענטש איז שטאַרק רויט געוואָרן, ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז זיין באַזוכן דאָס פּוילישע טעאַטער איז פאַרבונדן מיט געוויסע שוועריקייטן, וועגן וועלכע ער וויל נישט רעדן.

דאָס איז געווען אפנים זיינער אַ סוד.

אָבער איינמאָל האָט מיך אין טעאַטער אין דער צייט פון אַנטראַקט באַגריסט אַ יונגער בלאָנדער מענטש. איך האָב דערקענט דעם חסידישן יונגנמאַן, ער איז געווען עלעגאַנט געקליידט. אין דער אייראָפּעישער קליידונג האָט איר אים געקענט אָננעמען פאַר אַ פולבלוטיקן פּאָליאַק.

דאָס בלאָנדע בערדל האָט אים געמאַכט גאָר באַזונדערס אינטערעסאַנט, ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון דער פּוילישער קינסטלערישער וועלט.

איך האָב געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אָבער ער האָט זיך אָוועקגעאיילט.

איך האָב אויסגעבאָרגט ביי מיין שכן אין טעאַטער זיין בינאָקל און גענומען זיך זוכן דעם באַקאַנטן מיינעם.

... איך האָב אים געפונען. ער איז געזעסן לעבן אַ זייער עלעגאַנטער דאַמע, און לויט זייער האַלטונג איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס זענען געווען מאַן און ווייב.

לאַנג האָב איך אים נישט געזען.

אָבער איינמאָל אין דער צייט פון פּוילישן באָיקאָט און דעם ביי־

ליס־פּראָצעס האָט ער זיך ווידער באַוויזן אויף איינער פון די פּאַרזאַמ־לונגען אין „הזמיר״.

מיר האָבן זיך באַגריסט ווי אַלע באַקאַנטע, וועלכע האָבן דערצו אַ געמיינזאַמען סוד...

— נו, וואָס זאָגט איר איצט צו אייערע פּאָליאַקן?

— איך האָב וואָס צו זאָגן, נאָר אויף איין פּוס קען מען עס נישט זאָגן; מאַן און ווייב קריגן זיך אַמאָל בייז, שלעכט און ביטער, און בלייבן מאַן און ווייב... און ליבן זיך אַפילו...

איך האָב אים באַגעגנט נאָך איין מאָל.

איך האָב פּרובירט אויסגעפינען ווער ער איז און וואָס ער איז, און דאָ איז ער געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער; מען האָט קיין וואָרט ביי אים נישט געקענט אַרויסבאַקומען.

און מער האָב איך אים נישט געזען.

ער איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מיין האָריזאָנט.

און איך האָב אים דווקא געזוכט. ער איז מיר געוואָרן גוואַלדיק אינטערעסאַנט, און וועלכן בלאָנדן חסידל איך זאָל נישט האָבן באַגעגנט האָב איך אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין, אָבער עס איז נישט געווען מיין באַקאַנט חסידל, דער אַסימילאַטאָר.

ל א ד ז ש

25

לאָדזש

איך האָב זיך גוט איינגעלעבט אין „פריינד״; זי איז געווען מיין צייטונג. איך האָב זי ליב געהאַט פאַר איר ערלעכקייט און קעמפעריש־קייט, איך האָב זי ליב געהאַט פאַר איר ריינקייט און אויסגעהאַלטנקייט.

איך האָב ליב געהאַט די מיטאַרבעטער אירע; כמעט אַלע באַגאַבטע שרייבער, אַלע מיט אַ גוטער יידישער און אַלגעמיינער בילדונג.

און האַרמאָניע האָט געהערשט צווישן די מיטאַרבעטער; קיינער האָט זיך נישט געריסן צום רעדאַקטאָר־שטול, קיינער האָט נישט אינט־ריגירט קעגן דעם אַנדערן.

אַפילו די אומפאַרמיידלעכע קנאת־סופרים איז דאָ געווען אַ מילדע, אַ שטילע, אָן נעגל און אָן פאַרביסנקייט.

עס האָט געהערשט אַ גוטע, חברישע אַטמאָספערע אין רעדאַקציע, אַביסל אַ שטרענגע און אַביסל אַ טרוקענע, דערפאַר אָבער אַן ערלעכע.

זי איז געווען ראָזענפעלדיש־שטרענג, טרוקן, אָבער ביז גאָר ערלעך.

יאָ, חנפהנען דעם באַלעבאָס, איינקויפן זיך אין זיין פאַוואָריטיזם האָט מען פשוט נישט געקענט. דער באַלעבאָס איז געווען אין פעטער־בורג און אַזעלכע זאַכן קענען נישט געטון ווערן אויף אַזאַ דיסטאַנץ, וואָס ליגט צווישן וואַרשע און פעטערבורג.

די שפעטערדיקע באַלעבאַטים זענען געווען צו־אייגענע און צו־נאָענטע מענטשן, אַז מען זאָל זיי קענען חנפהנען.

דער געשעפטס-פּאַרוואַלטער יאפע־דעבאָרין איז געווען אַ סאָציאַ־ליסטישער צדיק און אַ סאָציאַליסטישער פילאָזאָף, צו אים האָט קיין שום חניפה אָדער סתם צו גרויסע פריינטשאַפט נישט צוגעשטאַנען.

שמואל ראָזענפעלד, דער רעדאַקטאָר, איז געווען אַ מוסרניק, און אַ שמינית שבשמינית חניפה האָט אים אַריינגעבראַכט אין צאָרן ממש.

עס איז געווען די כשרסטע צייטונג מיט דער כשרסטער רעדאַקציע.

יאָ, געווען איינער אַ יוצא מן הכלל און דאָס איז געווען א. ליט־וואַק. ליטוואַק איז געווען עפּעס אַ טאָפּלטע פּערזענלעכקייט — פון איין זייט דער פרומסטער בונדיסט; אַ מענטש, וואָס האָט ממש נישט טועם געווען דעם טעם פון אַ גוט שטיקל עולם הזה, האָט ער געפילט דעם אמתן טעם פון עולם־הזה אין אַביסעלע לשון־הרע.

דאָס איז געווען די איינציקע זינד זיינע.

פון קיין אַנדערע זינד האָט ער נישט געוווסט.

האָט מען געוווסט די שוואַכקייט פון דעם דאָזיקן אסקעט און מען פלעגט אויפנעמען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל זיין פעפערדיקע לשון־הרע.

אַגב איז זיין לשון־הרע געווען ביז גאָר טשיקאַווע, זי איז געווען כמעט אַלוועלטלעך, זי איז דערגאַנגען פון וואַרשע ביז ניו יאָרק, וואַר־שע און ניו יאָרק זענען געווען ביי אים א שטוב מיט אַן אַלקער.

ער האָט געוווסט וואָס עס טוט זיך אין „פאָרווערטס״ און אין „צור־קונפט,״ למשל, ריכטיק ווי ער האָט געוווסט וואָס עס טוט זיך אין רעדאַקציע פון „פריינד״.

זיין לשון־הרע האָט געהאַט עפּעס דראַמאַטיזע פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער וועלט.

און ווען איר פלעגט אָפּשטויבן דאָס ביסל לשון־הרע פון זיינע שמו־עסן, פלעגט איר באַקומען גוטע און פּינקטלעכע אינפאָרמאַציעס וועגן יעדן לעבעדיקן שרייבער, בונדיסט און סאָציאַליסט.

א. ליטוואַק האָט אַלעמען געהאַט אויפן קאָפּ.

וועגן יעדן האָט ער געהאַט די גענויסטע ידיעות, אָבער פעדעמ־לעך, אָפט דינע און אָפט ווייניקער דעליקאַטע לשון־הרע פלעגן זיך מוזן אַריינוועבן אין זיינע ידיעות.

ווען איר האָט זיך צוגעוווינט צו זיין לשון־הרע, האָט איר באַמערקט אין איר עפּעס אַ מין זשאַנר, אַ מין נוסח.

ווייל עס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין בייזקייט און רשעות אין זיין לשון־הרע.

ה. ד. נאָמבערג איז געווען כסדר פאַרנומען מיט ספּאָרט און האָט קיין צייט און קיין געדולד נישט געהאַט נישט פאַר לשון־הרע און נישט פאַר קנאת־סופרים.

אַ חוץ דעם איז ער געווען סתם אַ גוטער קאָלעגע און אין תוך אַ מאָראַלישער מענטש.

הכלל — עס איז געווען די אידעאַלסטע צייטונג פאַר אַ יונגן זשור־נאַליסט.

דער „פריינד" איז געווען מיין בעסטע און שענסטע זשורנאַליס־טישע שול.

אָבער ווי אַלע צדיקים, האָט די צייטונג געהאַט ווייניק עולם־הזה, די געשעפטן פון „פריינד" זענען נישט געווען גאָר גוטע.

און דאָ איז געקומען מיין פרוי און מיין קינד. מיין פרוי האָט גע־ענדיקט איר מעדיצינישן שטודיום אין דער שווייץ, זי דאַרף זיך גרייטן צו האַלטן אַן עקזאַמען אין רוסלאַנד, אין צאַרישן רוסלאַנד, ווו דעם אַנ־טיסעמיטיזם אין די אויגן איז יעדער ייִד געווען צו גרויס, און מיין בן־יחידל האָט באַדאַרפט אַ היים.

הכלל, איך דאַרף זיך איינוואָרצלען ערגעץ און פירן אַ פאַמיליען־לעבן מיט די אַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון אַ פאַמיליען־מענטש; מען דאַרף קויפן מעבל, געשיר, בעטגעוואַנט אאַז"וו.

קומט דער מלאך־המושיע אין דער געשטאַלט פון אַ לאָדזשער ייִדן, אַן אַרויסגעבער פון אַ קליין צייטונגל: ער וויל פאַרגרעסערן די צייטונג, מאַכן זי פאַר אַן אמתער וואַרשעווער צייטונג, און פרעגט מיך, צי וואָלט איך נישט געוואָלט ווערן דער רעדאַקטאָר פון דער געפּלאַנטער פאַר־גרעסערטער צייטונג?

ער ווייסט, אַז איך האָב אַ פאַמיליע, איך דאַרף אַ דירה, כלי־בית און דאָס קען באַזאָרגט ווערן דורך אַן אַוואַנס.

יאָ, דער רעדאַקטאָר פון דער קליינער צייטונג איז ד״ר י. גאָטליב, אָבער ער איז מסכים צו זיין מיין געהילף.

דער געהאַלט איז אַזאַ און אַזאַ, ער וועט פאַרגרעסערט ווערן, פאַר־שטייט זיך, מיטן דערפאָלג פון דער צייטונג.

דער ייִד, דער אַרויסגעבער, איז אַ פּשוטער מענטש, אַ סוחר פון פּאַפּיר, אַ געזעצטער מענטש. ער, פאַרשטייט זיך, וועט זיך נישט מישן אין ענינים פון דער רעדאַקציע, די רעדאַקציע איז אינגאַנצן אין מיין רשות.

מיר, ווי יעדן יונגן זשורנאַליסט, האָט דער פאָרשלאַג שטאַרק גע־שמייכלט, אַגב בין איך געווען יונג און מיט אַ געוואַלדיקן איבערפלוס פון ענערגיע און מיר האָט זיך געוואָלט אַ גרעסערע זשורנאַליסטישע טעטיקייט.

מיט דעם ערשטן, מיט וועמען איך האָב גערעדט וועגן דעם פאָר־שלאַג, איז געווען שמואל ראָזענפעלד.

זיין רעאַקציע איז געווען:

— פּרובירט, „דער פריינד״ וועט פאַר אייך זיין אַלע מאָל אָפן, איר קענט אַפילו בלייבן אַ מיטאַרבעטער פון „פריינד״, זיצנדיק אין לאָדזש, מיר וועלן קענען זיך צוזאַמענרעדן וועגן דעם.

הכלל, איך פאָר קיין לאָדזש מיט אַ פּאָזיטיווער תשובה.

דאָרט באַגעגן איך זיך מיט מיין אַלטן פריינט ד״ר יהושע גאָטליב; איך האָב אים געפונען שרייבנדיק אַן אַרטיקעלע פאַר דאָס קליינע ציי־טונגל.

יאָ, עס איז געווען אַ קליין צייטונגל און אַלץ אַרום איז געווען עפּעס קליין, מיניאַטוריש, אויסער דעם רעדאַקטאָר ד״ר גאָטליב. ער איז געווען גרויס, מאַסיוו, צו גרויס און צו מאַסיוו פאַר דאָס קליינע צייטונגל.

די באַדינגונגען און אַלע פּרטים ווערן אויסגעאַרבעט, מען דינגט זיך נישט, עס איז לאָדזש; מען קומט גיך דורך, לאָדזש זיצט נישט קיין שבעה נקיים אויף אַן אָפּמאַך, אַלץ ווערט דאָרט געטון שנעל און מיט אימפּעט.

אין לאָדזש ברענט אַלץ, אין לאָדזש מאַרודעט מען נישט, אַהער אַהין און אַ געשעפט איז געשלאָסן, אָדער פאַרשלאָסן.

דער לאָדזשער האַנדל איז ריכטיק ווי אַ לאָטעריִע, דו געווינסט און פאַרליִרסט, דו פאַרלירסט און געווינסט.

ביי דער אויסאַרבעטונג פון די פּרטים מיטן באַלעבאָס, אָדער אַרויסגעבער אָסטראָווסקי, האָב איך באַמערקט כּסדר אַ ייִד, וואָס קוקט אַריין אומעטום, שושקעט זיך מיטן אַרויסגעבער, אָבער באַלד ווערט ער נישט.

דענק איך:

אַ זייטיקער מענטש, אַ קרוב, אָדער אַ פריינט פון אַרויסגעבער, מסתמא...

קוק איך זיך אויף אים נישט אום.

אַלץ גייט עפּעס צו גוט, איך האָב שוין אַ דירה, אויף דער פּיעט־ריקאָווער גאַס, אַ פיינע דירה, איך קען זיך היינט־מאָרגן אַריינקלייבן אין דער דירה.

און מעבל דאַרף איך בלויז אָפּקלייבן, מען וועט עס אַריינשטעלן אין דער דירה, איך דאַרף זיך נישט באַמיִען צופּיל.

לויפט מיר דורך אַ חשד:

עפּעס צו גוט, צו גלאַט גייט אַלץ...

אין לאָדזש ווער איך צום ערשטן מאָל אַ באַלעבאָס, אַ פאַמיליען־מענטש מיט אַ דירה, מיט מעבל, מיט געשיר אאַז״וו.

נאָך קורצע צוגרייטונגען הויבט אָן די נייע צייטונג „לאָדזער מאָרגנבלאַט" צו דערשיינען.

איך וואַרף זיך אַריין אין דער אַרבעט מיט ברען, און אַרבעט איז דאָ אַ תהום. לאָדזש איז אין פּרט פון צייטונגס־אַרויסגעבעריי אַ פּראָ־ווינץ־שטאָט; לאָדזש, אַ שטאָט פון פאַבריקן, איז בנוגע צייטונג־וועזן אַן אָפּגעשטאַנענע שטאָט.

אַפילו די דייטשע און די פוילישע צייטונגען זענען פּראָווינציעל.

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז לאָדזש איז אין אַ סך אַנדערע הינזיכטן פּראָווינציעל. אַזוי, למשל, האָט לאָדזש, די גרויסע פאַבריק־שטאָט, נישט געהאַט קיין קאַנאַליזאַציע, און אין אַ גוטן רעגן ווערט די שטאָט ממש פאַרפלייצט ווי אַ פאַרוואָרפן דאָרף.

מיך האָט אַמאָל פאַרכאַפּט אַ רעגן, גייענדיק אין רעדאַקציע, בין

איך געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט גאַס אַנטקעגן מיין רעדאַקציע און נישט געקענט אַריבערגיין די גאַס, זי איז געווען פאַרפלייצט.

עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז איך האָב געקענט אַריבערגיין די גאַס, און דאָס ערשטע וואָס איך האָב געשריבן אין רעדאַקציע איז געווען אַ פעליעטאָן, וואָס האָט געהייסן „אַ טעמע איז מיר פאַרפלייצט געוואָרן״.

און דאָס איז געווען די אמתע, די עכטע לאָדזשער טעמע; לאָדזשער האָבן געלייענט און געקוואָלן — אַן אייגענע, אַ לאָדזשער טעמע...

איך האָב געהאַט עטלעכע גוטע מיטאַרבעטער, ראשית כל ד״ר י. גאָטליב. דער צווייטער איז געווען דער העברעיִשער און יידישער שרייבער בן־אליעזר.

בן־אליעזר האָט געקענט שרייבן ממש אַלץ.

און אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, האָט איר געקענט אַריינגעבן אין דרוק, נישט איבערקוקנדיק.

עס איז נישט געווען קיין פייער, קיין אומרו און קיין בליציקייט אין זיין שרייבן, אָבער כסדר קלאָר, כסדר שטילע לאָגיק און כסדר גראַמאַטיקאַליש.

ער האָט געשריבן דערציילונגען אין יידיש און העברעיִש; אָבער זיי זענען געווען עפּעס בלוט־אָרעמע, קאָרעקטע, טעכניש און אינהאַלטלעך אָן קיין שום פעלער, איר האָט געקענט זיי דרוקן, זיי זענען אַלע מאָל געווען דרוקבאַר, אָבער עס איז אין זיי קיינמאָל נישט געווען דאָס, וואָס מען רופט עכטע קינסטלערישקייט.

און אַזוי זענען געווען זיינע אַרטיקלען.

און אַזוי איז געווען זיין האַנטשריפט, רייך, די אותיות פערלדיקע, די שורותלעך גלייכע און ווי געווירעטע.

און אַזוי איז ער געווען אין לעבן. שטיל, איינפאַך, אַ וואָרט איז אַ וואָרט, ערלעך און שטענדיק קאָרעקט.

פאַר אַ צייטונג איז אַזאַ איינער אַ גאָלד־גרוב.

דער עיקרשט — איר דאַרפט אים נישט נאָכקוקן.

ער וועט קיינמאָל נישט מרעיש־עולם זיין, אָבער ער וועט אויך אייך קיינמאָל נישט פאַרפירן אין אַ בלאָטע.

ער איז געווען עפּעס כסדר אַ חלוש, אָבער כסדר אַרבעטסזאַם, כסדר ווי אַ גוט־מושטירטער סאָלדאַט אויף זיין שטעלע.

ער איז געווען אַ ציוניסט, נישט קיין טומלדיקער, אַ שטילער, עפּעס בלחשדיקער ציוניסט. ער איז שטיל אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל מיט יאָרן שפּעטער און דאָרט איז ער געבליבן דער זעלביקער בן־אליעזר, וואָס אַרבעט שטיל און די וועלט איז אים קיינמאָל נישט קיין בעל־חוב. ער אַרבעט אין „הארץ" און ער איז דער פּינקטלעכסטער מיטאַרבעטער, ער שרייבט אַ גוטן העברעיש, אַ קאָרעקטן, אַן אויסערסט גראַמאַטיקאַלישן.

ער איז דאָרט אַ גרויסער אָרעמאַן; שיקט ער מיר כסדר צו דער־ציילונגען געשריבן אין יידיש, איך זאָל זיי אָפּזעצן אין אַ יידישער צייטונג אין אַמעריקע.

אַ טייל פלעגט זיך מיר איינגעבן אָפּצוזעצן, אָבער צום גרעסטן טייל האָב איך זיי געמוזט צוריקשיקן.

אין 1932 געפין איך אים אין תל אביב אויך אַ האָר נישט געענ־דערט, נאָר שוואַכער אַביסעלע. אין זיין דירהלע איז שטיל, שטיל איז אויך זיין פרוי. דער דלות איז באַהאַלטן אונטער דער שטרענגער ריינ־קייט אין הויז, אָבער ער שרייט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך.

ער האָט געלעבט שטיל, געאַרבעט שטיל און געשטאָרבן שטיל אין ארץ ישראל.

זאָלן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זיין דער פאַרשפּעטיקטער הספּד מיינער אויף אַ שיינעם, ערלעכן מענטשן און שרייבער.

מיין צווייטער מיטאַרבעטער איז געווען ד"ר י. גאָטליב.

ער איז געווען אינטעליגענט, געבילדעט, אַ מענטש מיט אַ גוטן קאָפּ און מיט אַ שאַרפן ביטערן סאַרקאַזם. אָבער זיין שרייבן איז אים אָנגעקומען זייער שווער, אָבער ער האָט עס גובר געווען און ער איז געוואָרן אַ זייל אין דער צייטונג.

געווען נאָך איינער אַ נייס־שרייבער און אַ רעפּאָרטער, וואָס פלעגט ברענגען די לאָקאַלע נייס.

פינף מיטאַרבעטער זענען מיר געווען; איך, דער רעדאַקטאָר, האָב

געאַרבעט מער פון אַלעמען, אָבער די אַרבעט איז מיר נישט געפאַלן שווער.

איך האָב געאַרבעט פלייסיק און מיט ברען.

***

דער ייִד, וועלכן איך האָב פריִער דערמאָנט, איז געוואָרן אַן אָפּטע־רער אַריינגייער אין דער רעדאַקציע, אומעטום פלעגט ער אַריינרוקן זיין נאָז.

ער איז געווען אַ ציכטיקער ייִד. אַלע מאָל אין אַ ריינעם, נייאינקן סורדוט, וואָס איז געווען האַלב־אָרטאָדאָקסיש און האַלב־דייטשיש.

און אַזוי האָט ער גערעדט, אַ פרומען גמרא־ייִדיש, אָבער געמישט מיט גאָר אַ סך דייטשע ווערטער.

אַזוי אייגנטלעך האָט גערעדט לאָדזש.

ווער איז דער דאָזיקער ייִד? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו דער צייטונג ווייס איך נישט, און איך האָב מורא עפּעס פרעגן, טאָמער איז ער דער אמתער באַלעבאָס.

איז ווען איך ווייס עס נישט, איגנאָריר איך אים, אָבער ווען איך ווייס, דאַרף איך זיך רעכענען מיט אים, און דאָס האָט זיך מיר נישט געוואָלט.

עפּעס איז מיר דער ייִד נישט געפעלן געוואָרן פון סאַמע אָנהויב.

איך האָב, פאַרבייגייענדיק, אַ פרעג געטון ד״ר גאָטליבן:

— ווער איז דער דאָזיקער ייִד, וואָס רוקט זיין נאָז אומעטום?

ד״ר גאָטליב האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— איר וועט שוין אינגיכן אויסגעפינען.

און כך הוה.

איך האָב אויסגעפונען, אַז ער שטייט הינטער דער צייטונג, ער פאַרטרעט עפּעס עמעצן, וועמען האָב איך נאָך נישט געוווּסט געניי.

***

לאָדזש האָט געהאַט נאָך אַ ייִדישע צייטונג, אַן עלטערע און אַן איינגעוואָרצלטערע און גוט פאַרשפּרייטע.

זי האָט געהאַט אַ גוטן רעדאַקטאָר און אַ זייער טיכטיקן אַרויס־געבער.

דער רעדאַקטאָר איז געווען י. אוגער, אַן אמתער לאָדזשער; זיין בילדונג איז געווען אַ דייטשע און זיינע שרייבערישע מאַנירן דייטשע.

ער איז געווען דורך און דורך אַ לאָדזשער. ווען עמעצער וואָלט געהאַט נויטיק אַ מוסטער פון אַ טיפּישן לאָדזשער ייִדן וואָלט עס י. אוגער געווען; ער איז אויסגעוואַקסן, זיך דערצויגן אין לאָדזש און אין דייטשלאַנד האָט ער באַקומען זיין בילדונג.

ער האָט געשריבן אַלץ און האָט פאַרמאָגט אַן ענציקלאָפּעדיש וויסן.

אָבער ער איז געווען צופיל לאָדזשער פאַר אַ ייִדישער צייטונג. ער איז געווען אין תוך מער דייטש ווי ייִד.

אַזוי זענען געווען אַלע געבילדעטע ייִדן אין לאָדזש.

דער דייטשער לשון איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף דער לאָד־זשער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער לערך קליינער גרופּע דייטשן, די ערשטע, אַלט־געזעסענע בירגער פון לאָדזש; זיי האָבן געבראַכט די טעק־סטיל־אינדוסטריע קיין לאָדזש און די דייטשע קולטור, דער עיקרשט — די דייטשע שפּראַך און ייִדן נעמען אַן אַ פרעמדע שפּראַך לייכט.

האָבן ייִדן גערעדט דייטש, ווייל אַ טייל פון לאָדזשער ייִדן האָבן געהאַט צו טון מיט די דייטשע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן: זיי האָבן זיי צו־געשטעלט רוי־שטאָפן, געווען זייערע קאָמי־וואָיאַזשאָרן, זיי האָבן אָנגע־שפּאַרט אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער אין גרויסן רוסלאַנד מיט די לאָד־זשער טעקסטיל־סחורות.

שפּעטער האָבן ייִדן אַליין זיך אַ וואָרף געטון אויף טעקסטיל־פאַב־ריקאַציע. עס איז אויפגעקומען פּאָזנאַנסקי און אַ סך אַנדערע, אָבער די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן זענען געווען און געבליבן די דייטשן.

און די דייטשן זענען געבליבן דייטשן אין לאָדזש, פאַר דורות און דורות זענען זיי געבליבן דייטשן, לעבנדיק צווישן פּאָליאַקן און ייִדן, זיי־ענדיק מיט זיי אין דעם סאַמע נאָענטסטן געשעפטלעכן קאָנטאַקט.

און אַזוי האָבן ייִדן אָנגעהויבן רעדן דייטש, אָבער אויף זייער שטיי־גער, און אַזוי אַרום איז אויפגעקומען דער טיפּישער לאָדזשער דייטש.

אַפילו אַזאַ שריפטשטעלער ווי דוד פרישמאַן האָט גערעדט אין

טאָג־טעגלעכן לעבן דעם לאָדזשער דייטש, ער האָט זיך נישט באַפרייט פון אים זיין גאַנץ לעבן.

י. אוגער האָט געשריבן אַלץ, פובליציסטיק, ליטעראַטור־קריטיק, אָבער זיין אמתע שוואַכקייט איז געווען טעאַטער־קריטיק.

ער האָט אַפילו חתונה געהאַט מיט אַ יידישער שוישפּילערין, און אַזוי אַרום איז ער צוגעגלאַפּט געוואָרן צום יידישן טעאַטער אויף זיין גאַנץ לעבן, ער האָט עפּעס געהערט צום יידישן טעאַטער אַפילו ווען זיין פרוי האָט אויפגעהערט שפּילן אין יידישן טעאַטער.

זענען זיינע טעאַטער־רעצענזיעס געווען עפּעס צו נאָענטע, צו היי־מישע; עפּעס זענען זיי געוואָרן ביי אים אַ משפּחה־אָנגעלעגנהייט.

דאָס איז געווען דער קאָנטיקסטער חסרון פון זיינע טעאַטער־רע־צענזיעס, אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט פאַכמענישקייט. יעדער וואָס האָט אַ מגע ומשא מיט דער דייטשער קולטור באַקומט גוואַלדיקן דרך־ארץ פאַר פאַכמענישקייט.

פאַכמענישקייט ווערט הויך געשאַצט אין דייטשלאַנד, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס יעדער דייטש איז אַ פאַכמאַן, נישטאָ קיין דייטש, וואָס איז נישט קיין פאַכמאַן אין אַ וועלכן עס איז פאַך.

און כאָטש אַלע דייטשן זענען פאַכלייט גיט די אַטעסטאַציע — ער איז אַ פאַכמאַן — צו וואָגיקייט יעדן דייטש.

און, ווי געזאָגט, זענען אַלע פאַכלייט.

אַ פאַכמאַן איז פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, קאַנט, און דער שכנהשער שוסטער, אָדער שניידער.

י. אוגער איז געווען אַ פאַכמאַן אין דער טעאַטער־קריטיק. ער האָט פאַרמאָגט גוט טעאָרעטיש טעאַטער־וויסן און גוטע פּראַקטישע קענ־טענישן פון דעם יידישן טעאַטער.

און ווי יעדער דייטשער פאַכמאַן האָט ער נישט געהאַט קיין קרי־טישע באַציִונג צו זיין פאַך, צום יידישן טעאַטער.

אָט דאָס איז דער יידישער טעאַטער, ער איז פאַקטיש אַזוי און מען דאַרף צוגיין צו אים ווי צו אַ פאַקט.

דער קריטיקער בויט נישט און בויט נישט איבער קיין טעאַטער; ער שאַצט אָפּ בלויז אַ פאָרשטעלונג, דאָס איז זיין עובדא.

אַ פּעיִקער יִדישער שרייבער, איז ער צוליב זיין דייטשישקייט געשטאַנען עפּעס אין אַ זייט פון דער יִדישער ליטעראַרישער וועלט, ער האָט זיך געפילט ווי אַ פרעמדער, ווי אַ זייטיקער אין איר.

די ציטונג זיינע „לאָדזער פאָלקסבלאַט" איז געווען אַ גוטע פּראָווינציעלע יִדישע ציטונג, זי איז געווען אַ סך סאָלידער פון די וואַרשעווער יִדישע צייטונגען, דאָ האָט איר געזען די השפעה פון דער דייטשער קולטור, אָבער זי איז געווען וויטלעך עפּעס פון כלל־ישראל, זי איז געווען כולה לאָדזש.

און לאָדזש האָט געהאַט איר אייגן פּנים.

אין לאָדזש איז שטענדיק געווען אַ קליינער קרייז פון יִדישע ליטעראַטן און דיכטער, געבוירענע און איינגעזעסענע אין לאָדזש; אַ לאָדזשער איז געווען ז. סעגאַלאָוויטש, אַ לאָדזשער איז געווען דער מאַרטירער יצחק קאצענעלסאָן, אַ לאָדזשער איז געווען משה בראָדערזאָן, אַ לאָדזשער איז געווען דער אילומינאַטאָר, דער באַוווסטער מיניאַטוריסט אַרטור שיק.

אָבער י. אוגער איז געווען דאָ אויך אַ זייטיקער.

קורץ — י. אוגער איז געווען אַ פּעיִקער זשורנאַליסט, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן נישט אַרויס מפּתח לאָדזש.

און ער איז געוואָרן דער לאָדזשער יִדישער זשורנאַליסט אויף זיין גאַנץ לעבן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען קיין אַמעריקע, ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין „מאָרגען זשורנאַל", אָבער אים האָט זיך נישט געזעסן אין ניו יאָרק. עס האָט אים געצויגן צוריק קיין לאָדזש. ער איז אַוועק סוף כל סוף צוריק קיין לאָדזש און דאָרט געלעבט ביז די דייטשע מערדער און באַנדיטן האָבן אים אומגעבראַכט.

ער איז אומגעקומען מיט לאָדזש.

געלעבט מיט לאָדזש און געשטאָרבן מיט לאָדזש.

***

מיין אַמביציע איז געווען גאָר אַן אַנדערע און נעמלעך —

איך האָב געוואָלט מאַכן פון מיין לאָדזשער ציטונג אַ מין אַל־יִדישע צייטונג, ווי עס זענען די וואַרשעווער צייטונגען.

אָבער איך מוז מודה זיין, אַז דאָס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן; עס איז דאָ עפּעס אַזוינס ווי אַן אַטמאָספער אַרום אַ צייטונג און זי דיקטירט דעם כאַראַקטער פון דער צייטונג.

איך האָב געהאַט די זעלביקע דערפאַרונג אַ צווייטן מאָל, ווען איך בין פון סאָוועט־רוסלאַנד געקומען קיין קאָוונע און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף אַן אַמעריקאַנער וויזע. און היות ווי זיצן אָן אַרבעט איז מיר שווער האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון אַ גרופּע ייִדישע פּאָלקיסטן צו זיין דער רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, וואָס זיי פּלאַנעווען אַרויסצוגעבן.

איך האָב עס אָנגענומען; די אַטמאָספער איז געווען אַ בעסערע ווי די לאָדזשער, אָבער מיין צייטונג „נייס״, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז געווען אַ לעבעדיקע צייטונג און האָט געהאַט מיטאַרבעטער ווי־טער קאַריפּייען, ווי נחום שטיף און בן־אַדיר, איז זי דאָך געווען אַ פּראָווינציעלע צייטונג.

דער פּראָווינציאַליזם רייסט זיך אַריין דורך די דינסטע שפּעלטע־לעך און שפּאַרונעס, דו קענסט זיך גאָרנישט אויסבאַהאַלטן פון אים.

איז מיין „לאָדזער מאָרגענבלאַט״ געווען אַ לאָדזשער צייטונג, איך האָב געקעמפט קעגן דעם מיט אַלע כוחות, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, מיין צייטונג איז געווען אַ פּראָווינציעלע צייטונג מיט גרויס־שטאָטישע פּרעטענזיעס.

די לאָדזשער לאָקאַלישקייט האָט זיך אַריינגעריסן אין דער צייטונג און פאַרנומען דעם הויפּט־פּלאַץ.

און לסוף איז זי געוואָרן אַזוי לאָקאַל־לאָדזשעריש, אַז איך האָב געמוזט אויפגעבן מיין רעדאַקטאָר־שטעלע און קומען צוריק צום „פריינד״.

אָבער וועגן דעם ווייטער.

לאָדזש מיט איר גרויסשטאָטישקייט איז געווען אַ פּראָווינץ־שטאָט, און דאָס ייִדישע וואַרשע מיט איר פּראָווינציעלישקייט איז געווען גרויס־שטאָטיש, הויפּט־שטאָטיש צווישן די הויפּט־שטעט פון דער וועלט.

איך האָב זיך סתם נישט אויסגעטויגט פאַר אַ לאָדזשער לאָקאַלער צייטונג, מיינע אינטערעסן זענען נישט געווען קיין לאָדזשער, און אַ לאָ־

קאַלע צייטונג פאָדערט פון איר רעדאַקטאָר, אַז ער זאָל זיין אַ לאָקאַ־לער מענטש.

און מען ווערט נישט קיין לאָקאַלער מענטש נישט־מיר־נישט־דיר.

מען הויבט נישט אָן צו לעבן מיט די אינטערעסן פון אַ שטאָט לויט אַ באַשטעלונג, די אינטערעסן פון דער שטאָט מוזן ווערן דיינע אינטע־רעסן, די מענטשן פון דער שטאָט דאַרפן ווערן דיינע מענטשן און דער גייסט פון דער שטאָט דאַרף ווערן דיין גייסט.

און אַזאַ צופּאַסונג־פעיִקייט האָב איך נישט פאַרמאָגט.

בין איך געווען אַ פרעמדער רעדאַקטאָר פון אַ לאָקאַלער צייטונג.

דאָס איז געווען אַן אַבסורד.

און איך האָב עס גאַנץ גיך איינגעזען.

דער שטילער רעפּאָרטער, דער רעפּאָרטער, וואָס פלעגט נישטערן לאָדזש פאַר מיין צייטונג, פלעגט מיר מוזן האַלטן לעקציעס וועגן לאָדזש, ער האָט געקענט לאָדזש און איך בין געווען און געבליבן אַ פרעמדער אין לאָדזש.

לאָדזש האָט דווקא געוואָלט מיך מאַכן פאַר אַ לאָדזשער.

איך אַליין האָב פּרובירט ווערן אַ לאָדזשער, איך האָב פּרובירט צו קהלן אין לאָדזש, אָבער איך האָב באַלד איינגעזען, אַז מיין מי איז אומזיסט.

איך בין נישט קיין לאָדזשער און וועל קיין לאָדזשער נישט ווערן.

איך האָב אָבער קיינמאָל קיין חרטה נישט געהאַט אויף מיין קור־צער לאָדזשערישקייט.

לאָדזש האָט געהאַט איר אייגענעם כאַראַקטער: עס איז געווען אַ שטאָט פאַר זיך און עס איז געווען כדאַי צו באַקענען זיך מיט לאָדזש.

לאָדזש איז געווען די טיפּישסטע קאַפּיטאַליסטישע שטאָט אין פּוילן; רייך און אָרעם, קאַפּיטאַל און אַרבעט זענען געווען געטיילט און פיינטלעך.

לאָדזש האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס.

וואַרשע איז אויך געווען רעוואָלוציאָנער, דאָס הייסט, מער נאַציאָ־נאַליסטיש־רעוואָלוציאָנער, לאָדזש האָט אָבער געהאַט אַ טיפּישן פאַבריק־אַרבעטער, וואָס איז רעוואָלוציאָנער בלויז ווי אַן אַרבעטער.

ווען איך בין געקומען קיין לאָדזש האָט לאָדזש האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעלאָשענער ווולקאַן נאָך אַ מוראַדיקער ערופּציע.

די רעאַקציע האָט געזיגט, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז גע־שלאָגן געוואָרן, אָבער איר האָט געפילט און געזען דעם אַרבעטער.

איר האָט אים געזען ווי ער גייט אַרויס פון די פאַבריקן.

עס גיט אַ פייף און אַ מענטשן־לאַווע גיסט זיך אַרויס פון די פאַבריקן.

טויזנטער אַרבעטער גייען אַהיים מידע, ברוגזע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

די פאַבריק האָט אויסגעזען ווי אַ תפיסה, וואָס האַלט די אַרבעטער פאַרשפּאַרט דעם גאַנצן טאָג, און פאַרנאַכט לאָזט זי זיי אַרויס פריי.

און מאָרגן גאַנץ פרי פאַרשפּאַרט זי זיי ווידער.

איר האָט ממש געזען און געפילט די צוויי קלאַסן — די קאַפּיטאַ־ליסטן און דער אַרבעטער.

איר האָט זיי נישט געקענט פאַרבייטן, צוויי ראַסן ממש.

די יידישע אָרעמשאַפט האָט געהאַט אַפילו איר אייגן שטעטל, באַ־לוט האָט דאָס שטעטל פון יידישער אָרעמשאַפט געהייסן.

באַלוט איז געווען לאָדזש, אַ טייל פון לאָדזש, איר גייט איבער די גאַס און איר זענט אין באַלוט, איר גייט איבער די גאַס צוריק און איר זענט אין לאָדזש.

אָבער צוויי וועלטן, אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע איז געווען באַלוט און לאָדזש.

און כסדר האָסטו עפּעס דערוואַרט אַ צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי וועלטן, אַ מוראַדיקן צוזאַמענשטויס, אַן אומהיימלעכן צוזאַמענשטויס.

אַזוי שאַרף איז געווען די טיילונג אויף קלאַסן אין לאָדזש.

איר האָט ממש די טיילונג אָנגעטאַפּט מיט אייערע פינגער.

אַן אומהיימלעכקייט פלעגט מיך באַפאַלן ווען איך פלעג זען די טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער, וואָס שיטן זיך אַרויס פון די פאַ־בריקן מידע און צאָרנדיקע.

אָט־אָט ברעכט אויס די אומהיימלעכסטע רעוואָלוציע...

אָט זעסטו שייבלערס פּאַלאַץ, אָט זעסטו פּאָזנאַנסקיס פּאַלאַץ און אָט זעסטו אַנדערע פּאַלאַצן פון די לאָדזשער פאַבריקאַנטן.

עפּעס באַהאַלטן שטייען זיי, באַהאַלטן צווישןביימער און אָפּגעשלאָסן מיט אייזערנע פאַרקאַנעס...

אַן אויגן־רייסנדיקע טיילונג אויף קלאַסן...

און חסידיזם, וואָס איז אין וואַרשע אַזוי דעמאָקראַטיש, וואָס מעקט אָפּ די גרענעץ פון אָרעם און רייך אין וואַרשע, איז אין לאָדזש אַפּנים געוועזן אָנמעכטיק.

באַלעבאָס און אַרבעטער, באַלעבאָס און בוכהאַלטער, באַלעבאָס און משרת (פאַרקויפער) — שטרענגע טיילונג.

אין לאָדזש פילט איר ממש די פאַבריק 24 שעה אין מעת־לעת.

איר זעט און פילט ווי זי רויכערט.

איר הערט ווי זי סאָפּעט שווער, פייפט, סקריפּעט און שלאָגט פון זיך פאַרע.

און דאָס דייטשישקייט פילט איר אויף טריט און שריט.

יאָ, די דייטשן לעבן גוט מיט ייִדן.

פאַראַן ייִדן, וואָס זענען ווי אַנדערע צוויי מיט די שייבלערס און מיט די אַנדערע דייטשע פאַבריקאַנטן.

פון אויבנאויף איז דאָ אַ ייִדישע לעבעדיקייט, אַ באַוועגלעכקייט, אַ ייִדישע האַוועניש און שמאַיעניש.

דאָס שטעלט צו דער ייִדישער טעמפּעראַמענט, ער לאָזט זיך פילן שטאַרק אין לאָדזש.

דייטשע געזעצטקייט און ייִדישע נערוועזע האַוועניש לעבן זיך איין גוט.

אַפילו האַרמאָניש, ווילן האָבן אַלטע לאָדזשער תושבים...

לאָדזש איז היימיש און אומהיימלעך.

און דאָס ייִדישע לאָדזש איז ייִדיש, ייִדיש־חסידיש, ייִדיש־מאָדערן, ייִדיש־רעפאָרמיסטיש, ייִדיש־ליטוויש און ייִדיש־פּויליש.

פּאָליאַקן פּריצים האָבן נישט ליב לאָדזש —

אַ פאַררויכערטע שטאָט, אַ שטאָט אָן אַ בלימל אויף אַ רפואה.

ד״ר א. מוקדוני

לאָדזש האָט אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער, לאָדזש האָט אַ „הזמיר״,
ריכטיק ווי אין וואַרשע.
אָבער לאָדזש איז נישט וואַרשע, לאָדזש איז אַ שטאָט פאַר זיך.
און דער לאָדזשער ייִד איז אַ לאָדזשער.
און וואַרשע און לאָדזש זענען אַזוי נאָענט איינע פון דער אַנדערער,
ממש ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער...

26

לאָדזשער לאָרדן

לאָדזש און וואַרשע זענען געווען ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער, צוויי נאָענטע שטעט מיט גרויסע ייִדישע באַפעלקערונגען.

אָבער אַ וואַרשעווער ייִד איז געווען אַ וואַרשעווער און דער לאָדזשער ייִד אַ לאָדזשער.

לאָדזש איז געווען אַ קלענערע שטאָט, לאָדזש איז געווען אַ פּראָווינציעלע שטאָט אין פאַרגלייך מיט וואַרשע, אָבער דער לאָדזשער ייִד איז געווען אַ גרויס־שטאָטישער מענטש. דוכט זיך, די זעלביקע לאַנגע קאַפּאָטע, דאָס זעלביקע קליינע היטעלע, דער זעלביקער באַבאָרדעטער ייִד, אָבער עפּעס אַ וועלטלעכערער ייִד איז דער לאָדזשער ייִד געווען.

דער לאָדזשער ייִד האָט געפירט געשעפטן מיטן זעקסטל פון דער וועלט, וואָס האָט געהייסן רוסלאַנד. לאָדזש האָט פאַבריצירט אַלע מינים טעקסטיל פאַר דעם דאַן הונדערט־און־פופציק מיליאָניקן צאַרישן רוסלאַנד.

ער האָט איינגעקויפט וואָל און אַנדערע רוי־שטאָפן אין אויסלאַנד; ער האָט געקויפט אין אויסלאַנד מאַשינען, פאַרבן און אַלע אַנדערע שטאָפן.

און דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועלט־מענטש.

יעדער לאָדזשער ייִד האָט פאַבריצירט טעקסטיל, געפאַרבט, גע־וועבט, געשפּינט, געקויפט וואָל און אַנדערע שטאָפן, געווען אַ מעקלער,

אָדער אַ קאָמיסיאָנער, דאָס הייסט, ער איז געווען אַ פאַרמיטלער צווישן קויפער און פאַרקויפער.

הכלל — יעדער ייִד האָט געהאַט צו טון מיט טעקסטיל.

אויסער די גרויסע פאַבריקן פון שייבלער, פאָזנאַנסקי און אַנדערע זענען אין לאָדזש געווען הונדערטער און טויזנטער קליינע פאַבריקלעך: איינער האָט געהאַט עטלעכע וועב־שטולן, אַן אַנדערער האָט געהאַט אַ פּאָר צענדליק וועב־שטולן, איינער האָט געפאַרבט די שטאָפן, אַ צווייטער האָט זיי געקעמט און געשפּינט אאַז״וו.

געווען, ווי געזאָגט, אַ באַזונדער פאָרשטאָט, אַ ריין־פּראָלעטאַרישע פאָרשטאָט, באַלוט האָט זי געהייסן. דאָרט האָט געוווינט די אָרעמשאַפט, די ייִדישע אָרעמשאַפט.

האָט דער דלות און עלנט אַרויסגעשריִען פון דער דאָזיקער פאָר־שטאָט, ריכטיק ווי ער האָט אַרויסגעשריִען און שרייט אַרויס אין אַרבע־טער־קוואַרטאַלן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן.

לאָדזש האָט געהאַט, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסן פּראָלעטאַריאַט. ער איז באַשטאַנען דער עיקרשט פון דייטשע און פּוילישע וועבער. עס זע־נען אויך געווען ייִדישע וועבער, אָבער דאָמינירנדיק זענען געווען די דייטשע און די פּוילישע.

אין פיל פאַבריקן האָבן פּוילישע וועבער נישט געוואָלט האָבן קיין ייִדן, נישט די פאַבריקאַנטן האָבן עס נישט געוואָלט, נאָר די ברידער־אַרבעטער האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין ייִדן אין דער פאַבריק, אין וועלכער זיי האָבן געאַרבעט.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס איז געווען גאָר שטאַרק אין לאָדזש, האָט געהאַט פיל קאָפּ־דרייעניש מיט דעם דאָזיקן פּראָלעטאַרישן אַנטיסעמיטיזם.

זיי האָבן שווער געאַרבעט צו אַרויסהעלפן מאַרקסן אין זיין טעאָריע, אַז אַלע אַרבעטער זענען ברידער און אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין פאָטערלאַנד...

און גאָר אָפט האָט זיך די געטרייע מאַרקסיסטן נישט איינגעגעבן צו איינשטעלן ברידערשאַפט צווישן דעם ייִדישן און דעם קריסטלעכן לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט און מיט דעם אַרויסהעלפן מאַרקסן.

די פוילישע אַרבעטער זענען עפּעס נישט געווען פאַראינטערעסירט צו באַווייזן מיט מעשים, אַז זיי זענען ברידער מיטן יידישן ארבעטער, פאַרקערט — זיי פלעגן גאָר באַווייזן, אַז מאַרקס טעאָריע הינקט אונטער גאַנץ שטאַרק, אָדער ווי יעדער כלל האָט ער געהאַט גאָר אַ סך שניידיקע אויסנאַמען.

אָבער אין איין זאַך איז מאַרקס געווען גערעכט און, נעמלעך — דער לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, אָפּגעטיילט עפּעס מיט טויזנטער ווענט פון דער בורזשואַזער און האַלב־בורזשואַזער וועלט.

צוויי וועלטן, און טאַקע שטאַרק פיינטלעכע זענען זיי געווען אין לאָדזש.

**
*

לאָדזש האָט געהאַט אַ מין מענטשן, מיינסטנס יידן, וואָס קיין שטאָט אין דער וועלט האָט נישט און האָט נישט געהאַט; עס איז געווען אַ באַזונדער גרופּע, און געהייסן האָבן די מענטשן פון דער דאָזיקער גרופּע „לאָרדן".

און זיי האָבן אויסגעזען ווי ענגלישע לאָרדן, געקליידט לויט דער לעצטער לאָנדאָנער מענערישער מאָדע, און פון ענגלישע בעסטע שטאָפן זענען געווען גענייט זייערע גאַרניטורן.

זיי זענען געווען שיינע, הויך־געוואָקסענע יונגען, שמייכלענדיקע, געוואַלדיק באַרעדעוודיקע און האָבן פאַרמאָגט אַ תהום פון אַנעקדאָטן און וויצן, וועלכע זיי פלעגן דערציילן מיט גרויסער מייסטערשאַפט, ממש קינסטלעריש.

און די אַלע אַנעקדאָטן און וויצן האָבן פּאַסירט כסדר מיט זיי, זיי זענען געווען די העלדן פון די וויצן און אַנעקדאָטן.

די דאָזיקע „לאָרדן" זענען געווען די קאָמי־וואָיאַזשאָרן (פאַרקויף־אַגענטן) פון דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע.

זיי פלעגן זיך אַרויסלאָזן איבער דער רוסישער מדינה אויף אַ האַלב יאָר, אָדער אויף דריי־פערטל יאָר.

זיי פלעגן אָנשפּאַרן אין די ווייטסטע סיבירער געגנטן, אין קרים,

אין אַרכאַנגעלסק, אין צענטראַל־רוסלאַנד און אַפילו אין מאָסקווע, אונ־טער דער נאָז פון דעם גרויסן טעקסטיל־מאַגנאַט מאָראָזאָוו.

זיי האָבן געהאַט צינגלעך אויף ספּרוזשינעס, זיי האָבן געקענט אַ שטיין מאַכן פאַר זייערן אַ קונה, זיי האָבן געהאַט טויזנטער און טויזנטער טריקן, איינפאַלן און אַ טוץ טאַלאַנטן, וואָס זיי פלעגן לאָזן אין גאַנג.

האָט מען באַדאַרפט, האָבן זיי געזונגען אַריעס פון רוסישע אָפּע־רעס נישט ערגער פון שאַליאַפּינען; האָט מען באַדאַרפט, האָבן זיי גע־זונגען טעאַטערישע פאָלקס־לידער; האָט מען באַדאַרפט, האָבן זיי אויך אָפּגעזונגען „שולמית״ אָדער „בר־כוכבא״ ווי דער בעסטער ייִדישער אַקטיאָר.

און האָט מען באַדאַרפט, האָבן זיי „אָוועקגעלייגט״ אַ שבתדיקן, אָדער אַ יום טובדיקן מוסף, אַז די סיבירער ייִדן פלעגן ממש לעקן די פינגער, און מוצאי יום טוב פלעגן זיי טאַקע מאַכן גרויסע באַשטעלונגען אויף לאָדזשער טעקסטיל.

זיי זענען געווען גערי‌בענע יונגען אָט די לאָדזשער „לאָרדן״ — לעבעדיקע, זאָרגלאָזע וואַנדערער, וואָס פלעגן נאָך אַ רייזע איבער רוס־לאַנד איבערלאָזן אַ סך ווייבערישע הערצער צעבראָכענע, אָדער בענקענ־דיקע און וואַרטנדיקע אויף זייער קומען צוריק אין אַ יאָר אַרום...

אָפּשפּילן אַ טוץ ליבעס אין אַ שטאָט איז ביי אַ לאָדזשער „לאָרד״ געווען אַ שפּילכל.

געוויינלעך פלעגן זיי זיך זאַמען אין וועג ניין חדשים אין יאָר, די איבעריקע דריי חדשים זענען זיי געזעסן אין לאָדזש און געווען גוטע מענער צו זייערע פרויען און גוטע טאַטעס צו זייערע קינדער, גוטע באַ־זוכער פון די לאָדזשער קאַבאַרעטן און אויך נישט דורכלאָזן, להבדיל, די שול שבת און יום טוב.

און לעב־יונגען זענען זיי געווען, געלט איז געווען בלאָטע. אויסער די שכירות פלעגן זיי באַקומען פּראָצענטער און דאָס, צוזאַמען מיט די שכירות, האָט אויסגעמאַכט אַ היפּשע סומע, אויף וועלכער מען האָט געקענט לעבן ווי גאָט אין אָדעס אי אויף דער רייזע און אי אין דערהיים.

ווען די „לאָרדן״ פלעגן זיך אַראָפּלאָזן צוריק אין לאָדזש פון זייערע רייזעס, פלעגן לאָדזשער קאַבאַרעטן און רעסטאָראַנען ממש אָפּלעבן.

עס פלעגט שטיין אין די דאָזיקע ערטער אַ הילכיקער געלעכטער; יעדער „לאָרד" האָט געבראַכט פון וועג פּעק מיט אַנעקדאָטן און וויצן, און דאָ, אין לאָדזש, פלעגט ער זיי אויסלייגן פאַר זיינע קאָלעגן און פאַר יעדן, וואָס האָט זיי געוואָלט אויסהערן.

דריי חדשים פלעגט זיך ביי זיי דאָס מויל נישט פאַרמאַכן.

און לאָדזשער פלעגן וויסן—

אַז די „לאָרדן" זענען שוין געקומען אַהיים...

פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען געווען די בעסטע באַזוכער פון דעם יידישן טעאַטער, פלעגן אויפכאַפּן אַ ניי לידל, אָדער קופּלעטל, ווי אַן אבן־טוב.

פריילעכע, זאָרגלאָזע לונג־און־לעבערס.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי פלעגן פאַרברענגען אַביסל צייט אויך אין די ביוראָען פון זייערע באַלעבאַטים און באַקענען זיך מיט די נייע סחורות, וואָס ווערן צוגעגרייט צו דעם קומענדיקן סעזאָן.

און צווישן דעם אָנגעשטעלטן „לאָרד" און באַלעבאָס זענען נישט געווען קיין אָנגעצויגענע באַציִונגען. דער באַלעבאָס האָט באַדאַרפט האָבן דעם „לאָרד" ריכטיק ווי דער „לאָרד" האָט באַדאַרפט האָבן דעם באַלע־באָס.

האָט זיך דער „לאָרד" נישט געבויגן פאַרן באַלעבאָס.

— לא מיט אַן אלף, ער דאַרף מיך פּונקט ווי איך דאַרף אים, גליי־כע שותפים...

רירנדיק איז געווען צו זען די פאַרוואַנדלונג פון דעם „לאָרד", דעם הפקר־מענטש אויף דער רייזע, ווען ער פלעגט זיין אין דערהיים.

איר האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרשטעלן קיין מער געטרייען מאַן און מער איבערגעגעבענעם פאָטער, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרוואַנדלט.

ער פלעגט זיך אַרומפירן מיט זיין פרוי און זיינע קינדער מיט אַזאַ ליבע און איבערגעגעבנקייט, אַז עס איז ממש געווען רירנדיק.

און דערביי האָבן די פרויען פון די „לאָרדן" געוווּסט ווי זייערע מענער לעבן בשעת זיי זענען „אין וועג", אָבער זיי האָבן אַפּנים אויך געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז געשעפט, פרנסה...

ד״ר א. מוקדוני

* * *

דער „לאָרד" פלעגט זיך לייכט באַקענען מיט מענטשן און לייכט זיך באַפריינדלען מיט אים. ער איז בטבע געווען אַ קל, אַ לייכט מענטשל, אָבער עפּעס אַ ליב מענטשל, אַ פריינטלעכער, אַ שמייכלענדי־קער און אַן אָפּטימיסטישער.

ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט. ער האָט נישט געקליבן קיין געלט. ער האָט צו געלט קיין שום באַציִונג נישט געהאַט.

ניין חדשים אין יאָר האָט ער באַקומען ברייטע רייזע־קאָסטן — רייזע, האָטעל און אַנדערע הוצאות זענען געווען אויפן חשבון פון דער פירמע, און די פירמע קען צאָלן. זי צאָלט גוט און באַקומט צוריק איר געלט מיט גוטע פּראָצענטער.

האָט זיך ביים „לאָרד" אַנטוויקלט אַ ברייטקייט, אַ זאָרגלאָזיקייט און אַ הפקרדיקע באַציִונג צו אַלץ.

ער האָט געקענט טרינקען, אָבער ער איז קיינמאָל קיין שיכור נישט געוואָרן, וואָרום ווי ער ווערט נאָר אַ שיכור, פאַרלירט ער דעם קאָפּ און ער איז אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

און אין וועג פלעגט ער מוזן טרינקען; מען דאַרף אַמאָל אַ האַראַן קונה „ווייך מאַכן". נעמט מען אים אַריין אין אַ גוטן שענקל און ביי דער דריטער, פערטער כוסה ווערט מען גוטע ברידער, מען קושט זיך אין די פּיסקעס, אויפן רוסישן שטייגער, און דער „לאָרד" גייט אַרויס פון שענקל מיט אַ פעטער באַשטעלונג.

און דער קונה פילט זיך, חלילה, נישט אָפּגענאַרט. ניין, ער איז נישט אָפּגענאַרט געוואָרן. די סחורה איז גוט און פאַרקויפט זיך ווי משקה.

רעדט דער קונה חדשים־לאַנג וועגן דעם גוטן ברודער זאַכאַר איי־סאַקאָוויטש, אַ טייערער מענטש, גאָלד און בריליאַנטן, מען פרישט זיך אָפּ ווען ער קומט, מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שימל...

— ווען קומט ער, דער גוטער זאַכאַר איסאַקאָוויטש? פאַרבענקט זיך דער קונה נאָך אים...

דער „לאָרד" האַנדלט ערלעך, ער דאַרף האָבן דעם קונה איה״ש

איבער־אַ־יאָר צוריק, ער מאַכט אַ לעבן פון אים, היט ער אים אָפּ, אַז ער זאָל באַקומען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע.

ער און גריגאָרי איוואַנאָוויטש, דער קונה, זענען לייבלעכע ברי־דער, זיי עסן פון איין שיסל, און ווען דאָס שיסל איז ליידיק, וועלן זיי ביידע פוכנען פון הונגער.

דער „לאָרד" איז נישט קיין מאָראַליסט. ניין, ער איז אַ פּראַקטישער מענטש, און אָט די פּראַקטישקייט זיינע דיקטירט אים צו זיין ערלעך.

אַ וואָרט איז הייליק ביים „לאָרד".

און מיט דעם אַלעמען איז געווען עפּעס לייכטעס און הפקרדיקעס אין דעם לעבן פון „לאָרד".

איך האָב זיך באַקענט מיט עטלעכע „לאָרדן" בלויז אויס נייגערי־קייט, אָבער איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט. איך בין געוואָרן מיט זיי פריינט, זיי האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט און איך פלעג אויך בענקען נאָך זיי.

נייע מענטשן, עפּעס ברענגען זיי מיט זיך דעם ריח פון ווייטע, ווייטע געגנטן.

עס הערט זיך פון זיי דאָס ווייטע, קאַלטע סיביר, עס הערט זיך פון זיי די ענדלאָזע רוסישע סטעפּעס און בכלל דאָס רוסישע, וואָס איז עפּעס אי גראָב און אי מיסטיש, אי רוצחיש און אי סענטימענטאַל.

און דער „לאָרד" פאַרטראַכט זיך און זינגט אַ רוסיש פאָלקס־לידל, וואָס איז אַזוי ווייטאָגדיק־זיס, אַזוי פריילעך־מרה־שחורהדיק...

און בערג מיט מעשיות האָט ער.

פון דער אָפּטער באַרירונג מיט אַ סך און מיט פאַרשידנאַרטיקע מענטשן איז ער געוואָרן אַ שאַרפער באַאָבאַכטער, ער דערציילט וועגן מענטשן מיט פריוואָליטעט, אָבער אויך מיט טיפער פאַרשטענדעניש.

איך האָב אַמאָל געזאָגט איינעם, וואָס האָט מיר דערציילט עטלעכע ביז גאָר רירנדיקע מעשהלעך:

— שרייבט עס אָן, איך וועל עס געבן דרוקן.

— פּרובירט, עס גייט נישט — האָט ער געזאָגט — איר זענט נישט דער ערשטער, וואָס לייגט עס מיר פאָר. אָבער אויף דער פעדער בין

איך נישט קיין בריה, אָבער גאָר קיין בריה נישט. זי רירט זיך נישט פון אָרט.

— מיט דער צונג בין איך אַ בריה. איך קען אייך דערציילן און דערציילן, אָבער שרייבן קען איך בלויז חשבונות און אַדרעסן — האָט ער געזאָגט.

איינער האָט זיך פאַרט געלאָזט איבערערעדן פון מיר און האָט מיר געבראַכט אַן אָנגעשריבענע מעשהלע. און איך האָב געזען, אַז ער איז גערעכט.

איך האָב עס אים געזאָגט.

אָרעמער „לאָרד", ער איז געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסן יינגל...

איך האָב באַגעגנט אייניקע, וועלכע האָבן, לויט מיין מיינונג, גע־קענט זיין גוטע שוישפּילער, גוטע זינגער.

אָבער נאָך דער מעשה מיט דער געשריבענער דערציילונג פון דעם „לאָרד", האָב איך מער קיינעם פון זיי קיין עצות נישט געגעבן.

און איינער האָט עס מיר פאַרבייגייענדיק צעקייט:

— דאָס געהערט צו אונדזער געשעפט, דאָס איז ווי אַ בילעט צו פאָרן מיטן באַן, אָן דעם בילעט וועט איר נישט קומען קיין טאָמסק.

און ווען איר קומט קיין טאָמסק, דאַרף יעדער פון אונדז האָבן אַ בילעט אַריינצופאָרן אין האַרץ פון קונה, מען דאַרף האָבן אַ גלאַט צינגל, מען דאַרף קענען דערציילן אַ מעשהלע, אַ וויץ, אַ שפּאַס, אָן דעם וועט איר בלייבן אין טאָמסק און זיך נישט אַ ריר טון פון אָרט.

עס איז געשעפט.

עס איז נישט קיין קונסט...

יאָ, עס איז אמת, לויטער אמת.

אָבער איך האַלט עד־היום, אַז אַ סך פון די „לאָרדן" וואָלטן געווען גוטע קינסטלער.

אַזוי צי אַזוי, די „לאָרדן" האָבן צוגעגעבן פאַרב און כאַראַקטער דער לעבעדיקער שטאָט לאָדזש.

אָ, לאָרדן, יידישע לאָרדן!...

27

ז. סעגאַלאָוויטש

אין דער שטאָט פון פאַבריקן און האַוועגדיקן מסחר האָבן זיך באַ־געגנט ייִדישע דיכטער, מאָלער און זינגער.

איך האָב דאָרט באַגעגנט דעם גליקלעך־טראַגישן דיכטער ז. סע־גאַלאָוויטש.

ער איז געווען דאַן יונג און שלאַנק, און דער עיקרשט — דיכטע־ריש אין זיין אויסזען און אין זיין באַנעמונג.

ער איז געווען פאַרליבט דאַן אין מענטשן און אין דער נאַטור.

ער פלעגט ווינטער זיין אין לאָדזש און זומער פלעגט ער אַוועק־פליִען אין דער שיינער, קליינער שטאָט קאַזשמערזש, אַ שטאָט אין פוילן, וואָס האָט זיך ממש געבאָדן אין אַ ים פון נאַטור־שיינקייטן, בערג שטילע און וויכע, וועלדער גרינע און סודותדיקע.

עס איז געווען די שטאָט, ווו אַלע פוילישע מאָלער, פוילישע דיכ־טער פלעגן עולה־רגל זיין, און מיט זיין פלעגט עולה־רגל זיין דער שלאַנ־קער, שיינער און יונגער ז. סעגאַלאָוויטש.

ער האָט שוין דאַן געהאַט אַרויסגעלאָזט זיין ערשט און בעסט דיכטעריש ווערק „קאַזשמערזש", די דאָזיקע פּאָעמע איז וואַרעם אויפגע־נומען געוואָרן פון דער קריטיק.

ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט", ער פלעגט פון צייט צו צייט געבן קורצע סקיצן.

אָבער ווי אַ פּראָזע־שרייבער האָט ער זיך דאַן לחלוטין נישט אויס־געצייכנט, ער איז געווען אַ דיכטער, געוואָלט זיין בלויז אַ דיכטער און איז געווען שטאָלץ אויף זיין דיכטערישן טאַלאַנט.

ער איז שטענדיק געווען עלעגאַנט געקליידט, אמת, אַביסל פּעדאַנ־טיש און קאַלט־פּראַנטיש, שוין גאַרנישט צעשויבערט־קינסטלעריש.

ער איז געווען אַ שמייכלענדיקער יונגער מענטש, אָבער ווען איר האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט איר באַמערקט אַ ביטערקייט אין זיין שמייכל.

ווי די זאַך איז — ער איז געווען דער עלעגאַנטסטער יונגער דיכ־טער ביי יידן, ממש אַ לאָדזשער „לאָרד״, וואָס איז אַ דיכטער.

דער דאָזיקער עלעגאַנטער יונגער דיכטער האָט שפּעטער דורכגע־מאַכט עטלעכע שאַרפע און ביז גאַר שניידיקע מעטאַמאָרפאָזעס; ער איז שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געוואָרן דווקא איינער פון די פּאָפּולערסטע פּראָזע־שרייבער, אָדער פּשוטער — ראָמאַנען־שרייבער.

ער איז געווען דער מייסט־געלייענטער פּראָזע־שרייבער אין פּוילן צווישן די צוויי מלחמות, ער איז געוואָרן דער ראָמאַנען־שרייבער פאַרן דורכשניטלעכן לייענער, ער האָט זיך צו אים צוגעפּאַסט, געשריבן ספּעציעל פאַר אים און דער דאָזיקער פּשוטער לייענער האָט אים פאַר־שטאַנען.

ער האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעגעבן דיכטונג.

און ער איז געווען אין תוך דער עיקרשט אַ דיכטער און איז גע־בליבן אַ דיכטער.

זיינע ראָמאַנען זענען געווען ווייטלעך פון ליטעראַטור, זיי זענען געווען גוט געשריבן, די שפּראַך גוט, דער דיאַלאָג אויך, אָבער דער אינהאַלט האַרצרייסנדיק און אַביסעלע שרייענדיק.

הכלל — עס האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַביסעלע שונדישקייט פון זיינע ראָמאַנען, אמת אידעלע שונדישקייט, שרייבערישע שונדישקייט, אָבער דאָך שונדישקייט.

און אַזוי האָט די קריטיק אויפגענומען זיינע ראָמאַנען.

אָבער די ראָמאַנען האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ לאָדזשער „לאָרדיש״ לעבן אין וואַרשע.

ער איז געווען דער בעסט־געקליידעטער יידישער שריפטשטעלער אין וואַרשע.

ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שענסטער יידישער שוישפּילערין, מיט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, אָבער זיין פאַמיליען־לעבן איז געווען קורץ.

ער איז שוין געווען אַן אַלטער בחור, ווען ער האָט חתונה געהאַט, אַן אַלטער בחור מיט אַלט־בחורישע קאַפּריזן און מיט אַלט־בחורישער פּעדאַנטישקייט און זיין שיינע פרוי איז אַוועק פון אים.

אָבער ער איז געבליבן דער זעלביקער ז. סעגאַלאָוויטש ווי געווען, אַפּנים, אַז זיין הייראַט איז געווען אַן גליק און דעריבער איז די צעשייַדונג נישט געווען טראַגיש פאַרביידן.

ער איז ווידער אַריין אין זיין אַלט־בחוריש לעבן, ער האָט ווידער געשריבן ראָמאַנען, וואָס האָבן זיך גוט פאַרקויפט, ער איז ווייטער געווען דער בעסט־געקליידעטער שרייבער אין וואַרשע און האָט ווידער געפירט אַ ברוגז מיט דער קריטיק.

אָבער אינעווייניק, ערגעץ טיף אין האַרצן, האָט אַ וואָרעם אים געטאָטשעט: ער האָט געוואָלט פּאָפּולאַריטעט אין צוויי וועלטן, אין דער שרייבערישער און אין דער לייענערישער וועלט, און געהאַט האָט ער פּאָפּולאַריטעט בלויז אין דער פּשוטער לייענערישער וועלט. ווי אַ שרייבער איז זיין ווערט געפאַלן און געפאַלן.

איז זיין באַהאַלטענע ביטערקייט אַרויס אויפן אויבערפלאַך.

ער האָט דאָ און דאָרט פּרובירט שרייבן לידער, אָבער עס איז עפּעס גאָרנישט אַרויסגעקומען...

און דאָס האָט אים געמאַכט נאָך ביטערער...

***

און דאָ איז פּלוצלונג געקומען דער טויטלעכער שטורעם, די צווייטע וועלט־מלחמה.

דער עלעגאַנטער שרייבער איז געלאָפן פון וואַרשע, ער איז געלאָפן און האָט זיך דערשלאָגן צום ברעג פון תל אביב.

אַן אָרעמער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אַנטוישטער און אַ פאַרביטערטער איז ער געקומען קיין תל אביב.

און דאָ איז געשען ממש אַ נס:

ז. סעגאַלאָוויטש איז ווידער געוואָרן אַ דיכטער.

אויף די עלטערע יאָרן האָט זיך אים אָפּגערופן זיין דיכטערישע יוגנט.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן קלאָג־לידער אויף זיין יידישער וואַרשע, לידער שטאַרקע, לידער רירנדיקע ביז די סאַמע טיפענישן.

ער איז געוואָרן דער גרויסער מקונן פון דעם יידישן חורבן, דער עיקרשט — פון וואַרשע, זיין שטאָט פאַר איבער 30 יאָר.

מיר האָבן דאָ געלייענט זיינע לידער און דערזען פאַר זיך אַ ניי־געבוירענעם דיכטער, אַ דיכטער מיט עכטן צער, מיט אויפריכטיקייט, אַ דיכטער מיט טיפן דיכטערישן טרויער, אַ דיכטער, וואָס האָט דער־שפּירט דעם גרויסן יידישן חורבן טיפער ווי אַלע.

ער האָט נישט געשריגן, נישט געשאָלטן, נישט געוויינט און נישט געיאָמערט, ער האָט שטיל געטרויערט.

און דאָס שטילע טרויערן האָט ממש געריסן די הימלען.

זיין טרויער איז געווען עפּעס אַ ממשותדיקער, ער האָט געטרויערט אויף קאָנקרעטע זאַכן, וואָס זענען פאַר אים פּערזענלעך חרוב געוואָרן לעולם־ועד.

עס איז זיינער אַ פּערזענלעכער טרויער.

זיין פּערזענלעכע וועלט איז אומגעקומען, זיינע גאַסן, זיינע יידישע מענטשן זענען אומגעקומען.

און אָט דאָס פּערזענלעכע האָט גערירט און רירט טיפער ווי אַלע אַבסטראַקטע קלאָג־לידער אויף דעם יידישן חורבן.

דאָס פּערזענלעכע איז אפנים קאָנקרעטער, ממשותדיקער און מיר נעמען עס אויף בעסער, שאַרפער ווי דאָס אַבסטראַקטע.

און ווי פון אַ קוואַל האָבן געשלאָגן זיינע קלאָג־לידער, הונדערטער לידער האָט ער אָנגעשריבן, אַלע הויך־פּאָעטישע, אַלע עכט־יידישע טרויער־לידער.

יאָ, אַן איבערראַשנדיקע מעטאַמאָרפאָזע איז פאָרגעקומען אין דעם שוין אַלטן, אַנטוישטן און פיזיש צעבראָכענעם דיכטער.

ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין דיכטערישער יוגנטלעכקייט.

ממש אַ נס איז געשען...

אָבער קיין נס איז נישט געשען אין דעם פּיזישן ז. סעגאַלאָוויטש. פיזיש איז ער געוואָרן אַ שברי־כלי.

ער איז זיבן יאָר געווען אין תל אביב און ביי דער ערשטער מעג־לעכקייט איז ער געקומען צו אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט.

און איך האָב זיך ממש דערשראָקן:

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ בר־מינן, אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס האָט אויסגעזען געננוי ווי אַ טויטער.

דער קערפּער — הויט און ביינער, און געבויגן; דאָס געזיכט אַ טויטע מאַסקע; די אויגן אויסגעלאָשן און דאָס מויל — אַ פאַרקערפּער־טע ביטערקייט.

עס איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען דאָס יונגע שלאַנקע דיכטערל אין לאָדזש.

אַזוי יונג ווי יוגנט קען זיין...

און דאָ שטייט פאַר מיר אַ געבויגענער, אַ צעבראָכענער זקן.

אַ בר־מינן.

איך בין געשטאַנען פאַר אים און איך האָב ערשט דערזען דעם טייטש פון אַן אַלטן ייִדישן מנהג — מען זאָגט אָן אַ טויטן, אַז ער זאָל גיין אין זיין רו אַריין.

איך האָב געזען אַרום זיך אין יענעם מאָמענט אַ היפּש ביסל ייִדי־שע עלטערע שרייבער, אָבער זיי זענען געווען לעבעדיקע, איך האָב געהערט ווי דאָס לעבן וויברירט אין זיי, און דאָ איז געשטאַנען פאַר מיר אַ מענטש אַ טויטער, קיין פונק פון לעבן.

און נישט ווילנדיק האָב איך פאַר זיך געזאָגט — מת, גיי אין דיין רו אַריין...

ער האָט פּרובירט אַ שמייכל טון.

אָבער עס איז געווען דער שמייכל פון אַ בר־מינן...

און קאָלעגן האָבן מיר שפּעטער דערציילט, אַז אומעטום זיצט ער אַליין, ער לאָזט נישט צו צו זיך קיין מענטשן, ער זידלט אָפּ יעדן, וואָס

קומט צו נאָענט צו אים, אָדער ער בלייבט שטום ביז יענעם ווערט אומהיימלעך און ער גייט אַוועק.

איך האָב אים אַמאָל געזען גאַנץ אַליין ביי אַ טישל אין אַ רעס־טאָראַן.

אַרום אים האָט עס געטומלט: מענטשן האָבן גערעדט, געקלאַפּט מיט גאָפּל־מעסער, די קעלנערס האָבן געקלאַפּט מיט די טעלער און די קאַסירערין האָט אָפּגעקלאַפּט אויף דער קאַסע־מאַשין דאָס געלט פון די אַוועקגייענדיקע עסערס...

און אין דעם דאָזיקן טומל איז געזעסן דער בר־מינן ז. סעגאַלאָ־ווישט אַליין.

טאַקע באַשיינפּערלעך, להבדיל, בין החיים והמתים...

צווישן אונדזער ערשטער און דער איצטיקער צווייטער באַגעגעניש איז געלעגן אויסגעצויגן אַ צייט פון גאַנצע 36 יאָר.

דער חורבן פון דעם מענטשלעכן קערפּער איז אַ סיסטעמאַטישער און אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס פון טויט.

איך האָב געקוקט אויף ז. סעגאַלאָוויטש און האָב געזען פאַר זיך באַשיינפּערלעך דאָס, וואָס מען רופט „לעבן״:

לעבן איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס פון טויט...

***

ער האָט אָנגעשריבן אויך עטלעכע חורבן־ביכער אין פּראָזע, אין תל אביב און אין ניו יאָרק.

אָבער זיי זענען עפּעס דורכשניטלעכע, מיטלמעסיקע ביכער. נישטאָ אין זיי קיין צער און נישטאָ אין זיי קיין טרויער.

דאָס הייסט, ער איז ווידער געוואָרן אויס פּראָזע־שרייבער.

ער איז געוואָרן צוריק אַ דיכטער, דורכאויס צוריק אַ דיכטער.

זעקס־זיבן יאָר פאַר זיין טויט איז די מוזע צוריקגעקומען צו אים.

און די פּראָזע איז אַוועק, זי האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר דער צוריק־אויפגעלעבטער דיכטונג.

און מערקווירדיק — ווען איך האָב ערגעץ ווייט, ווייט פון ניו יאָרק

געלייענט, אַז סעגאַלאָוויטש איז געשטאָרבן, בין איך עפּעס געבליבן קאַלט און רויק.

עפּעס האָב איך זיך געוווּנדערט אויף די ניו יאָרקער:

— זיך ערשט מישב געווען, ז. סעגאַלאָוויטש איז שוין לאַנג טויט...

אָבער דאָס איז געווען מיין געפיל בלויז אויף אַ רגע. דער „לעבע־דיקער", דער פיזישער סעגאַלאָוויטש מיט זיין טויטקייט איז נעלם גע־וואָרן, און פאַר מיר איז אויפגעקומען סעגאַלאָוויטש דער גרויסער מקונן אויפן יידישן חורבן.

אַ לעבעדיקער ז. סעגאַלאָוויטש, וואָרום בלויז גאָר לעבעדיקע קע־נען אַזוי שטאַרק און אַזוי קאָנקרעט באַוויינען אַ חורבן.

לא המתים יהללו יה, און מתים זענען אויך נישט קיין מקוננים...

און געשטאָרבן איז דער עלעגאַנטער שריפטשטעלער עפּעס ווי אין אַ טעאַטער־שפּיל, ווי אין אַ קאָנווענציאָנעלער מעלאָדראַמע.

אַלץ האָט זיך געענדיקט ווי אין אַ טעאַטער־שפּיל.

די דעקאָראַציע איז געווען די ריכטיקע.

און ער איז געווען אַ סטאַר אין זיין אייגענער טויט־דראַמע.

ער איז געשטאָרבן אַליין, איינינקער אַליין אויף דער סצענע, ווי אַלע סטאַרס...

און די דעקאָראַציע:

אַ ביליקער, אַן אָפּגעלאָזענער חדר אין אַ ביליקן און אָפּגעלאָזענעם האָטעל אויף יוניאָן סקווער.

אַן אַלטער האָטעל...

און עפּעס פאַרגעסענע מענטשן בלאָנדזשען דאָרט אַרום שטיל, אַזוי שטיל, אַז אַזוי ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון זייער פאַר־געסנקייט און דערמאָנען מענטשן, אַז זיי זענען נאָך דאָ.

אין דעם האָטעל, צווישן פאַרגעסענע, איז געשטאָרבן דער אַמאָל עלעגאַנטער דיכטער.

יאָ, עפּעס מעלאָדראַמאַטישעס איז געווען אין דעם טויט פון ז. סע־גאַלאָוויטש.

און אויך עפּעס טיף טראַגישעס.

די מעלאָדראַמאַטישע טראַגעדיע קען הייסן —

„אַ ראַנדעווו מיטן טויט אין אַן אָרעם צימערל פון אַן אָרעמען האָטעל אויף יוניאָן סקווער, ניו יאָרק״.

פון ביאַליסטאָק, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, קיין לאָדזש, פון לאָדזש קיין וואַרשע, פון וואַרשע קיין תל אביב און פון תל אביב קיין ניו יאָרק.

און דאָ, אין ניו יאָרק, האָט אים דער טויט אָפּגעוואַרט.

און ער איז געקומען צו דער מינוט צו דעם ראַנדעווו מיטן טויט...

ער איז געווען אַ פּינקטלעכער, דער דיכטער זוסמאַן סעגאַלאָוויטש.

אַפילו אַ ראַנדעווו מיטן טויט איז אויך אַ ראַנדעווו...

***

יאָ, מען האָט געהאַט טענות צום דיכטער און ראָמאַנען־שרייבער ז. סעגאַלאָוויטש, שווערע און וואָגיקע טענות, טענות אין לאָדזש, טענות אין וואַרשע, טענות אין תל אביב און טענות אין ניו יאָרק.

די טענות זענען געווען, ווי געזאָגט, שווערע און וואָגיקע, אָבער ער האָט געהאַט זיינע קעגן־טענות, אויך שווערע און אויך וואָגיקע.

יאָ, דער מענטש גייט נישט אַוועק פון דער וועלט אַ בעל־חוב.

די חובות, וואָס ער צאָלט נישט, קענען געדעקט ווערן מיט די חובות, וועלכע מען צאָלט אים נישט...

איז ער, דער מענטש — קוויט.

די רעכענונג שטימט ביז אַ פערטל פון אַ פּרוטה.

דאָס איז די בוכהאַלטעריע פון לעבן, אַ שטרענגע און אַ פּעדאַנטישע בוכהאַלטעריע.

און דער טויט איז דער לעצטער סך־הכל — נול.

אַ טראַגישער מענטש איז געווען אין תוך דער עלעגאַנטער ז. סעגאַלאָוויטש.

אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין אַקטיאָר, וואָס שפּילט טראַגישע ראָלן.

ער האָט כסדר געוואָלט דווקא שפּילן לייכטע ראָלן, און ער האָט זיי געשפּילט לייכט און עלעגאַנט.

אָבער דער לעצטער אַקט איז געווען טיף־טראַגיש, קיינער אפנים קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון זיין אמתן באַרוף...

28

דער ייִד הינטער מיין צייטונג

דער ייִד, דער אַריינגייער אין מיין צייטונג, וועלכן איך האָב דער־מאָנט פריִער, איז געוואָרן נאָך אַן אָפּטערער אַריינגייער.

אַ ריינער, זומער אין אַ העלן סורדוט, דאָס געלב־גרוי בערדל שטענ־דיק צוגעפּוצט און געהאַלטן אין דער פּעדאַנטישסטער אָרדענונג. אױ־סערלעך אַ בנעימותדיקער ייִד, גייט זיך געלאַסן, איין האַנט צווישן צוויי קנעפּלעך פון סורדוט פון פאָרנט, די אַנדערע האַנט פאַרלייגט אויף הינטן, רעדט ער שטיל, מיט אַ שמייכל און איז די העפלעכקייט אַליין.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו אָנשטויסן וואָס אַ טאָג מער, אַז דער ייִד איז אַ שותף צו דער צייטונג און עפּעס אַ שטילער משגיח אויף איר כשרות.

אָבער איך האָב געלאָזט בעסער, אַז דאָס זאָל אַרויספּלאַצן פון זיך אַליין, עס איז אַ מכה, דאָס האָב איך דערשפּירט, האָב איך זיך געזאָגט:

— זאָל עס אָנרייסן און עס וועט פּלאַצן פון זיך אַליין.

אָבער איינמאָל קום איך אין רעדאַקציע, גיי אַריין אין מיין חדרל, ערשט איך זע דער ייִד זיצט זיך רחבותדיק און לייענט מיין רעדאַקטאָ־רישע קאָרעספּאָנדענץ.

ווען איך בין אַריינגעקומען איז ער אַביסל מבולבל געוואָרן, האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַרויס.

— נייך, זאָג איך צום ייִדן, בלייבט דאָ, איך וויל איר זאָלט מיר זאָגן ווער און וואָס איר זענט דאָ?

— וואָס איך בין דאָ? — פרעגט איבער דער ייִד, — איך גלויב, אַז איר האָט זיך שוין לאַנג אָנגעשטויסן.

— איך וויל זיך מער נישט אָנשטויסן, איך וויל הערן פון אייך קלאָרע דיבורים — ווער און וואָס זענט איר דאָ?

— איך בין — קוקט מיר דער ייִד גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַ שמייכעלע, — אַ שטילער שותף, און אַ שותף בין איך, וואָס דאַרף דורכפירן אַ מיסיע דורך דער צייטונג. ווען איך וועל האָבן מיין מיסיע דורכגעפירט וועט איר מיך מער נישט זען, ווען איר זאָלט עס אַפילו וועלן.

— אין וואָס באַשטייט אייער מיסיע? — פרעג איך דעם ייִדן שטרענג.

— עס לאָזט זיך נישט זאָגן אויף איין פוס. איך לאַד אייך איין צו עסן מיטאָג מיט מיר, און ביים עסן און ביי אַ גלעזל קאָניאַק, ווען איר וועט זיין אויפגעלייגטער, וועל איך אייך איבערגעבן מיין מיסיע מיט אַלע איינצלהייטן.

מיטאָג־צייט איז געקומען דער ייִד נאָך מיר.

מיר זענען אַריין אין אַ רייכן ייִדישן רעסטאָראַן, און דער ייִד האָט זיך גענומען שפּילן דעם רייכן און ברייטן מכניס־אורח; געטראַנקען און פאַרבייסנס פון די בעסטע און די טייערסטע, דערנאָך איז געקומען דאָס עסן און דאָ זענען די פּוילישע ייִדן די אמתע „גורמאַנס".

ווען מיר האָבן געהאַלטן ביי קאַפע האָט דער ייִד מיט אַ שמייכעלע מיר געזאָגט קורץ און שאַרף:

— מיין מיסיע איז — דער קאַלישער רב זאָל ווערן דער רב פון לאָדזש.

— זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע זענען קעגן דעם קאַלישער רב? — פרעג איך רויִק מיין ייִדן.

— זיכער, שטאַרקע און רייכע קעגנער, זיי ווילן אַן אַנדערן פאַר אַ רב.

— קען דאָך געמאָלט זיין, זאָג איך דעם ייִדן, אַז איך בין אויך קעגן דעם קאַלישער...

— איר שפּאַסט, וואָס גייט אייך אָן ווער עס וועט זיין רב אין לאָדזש? אונדז אָבער גייט עס גאָר שטאַרק אָן, לאָדזשער רבנות, פאַרשטייט איר מיך...

— האָט איר דאָך באַדאַרפט פריִער דערוויסן זיך צי איך, ווי אַ רעדאַקטאָר, וועל גיין מיט אייך, שלאָג איך שוין איבער דעם ייִדן מיט אַביסל רוגזה.

— רויִק, רויִק — זאָגט דער ייִד, — אייך האָבן מיר גענומען צו מאַכן אַ גוטע צייטונג, די רבנות־פראַגע וועלן מיר דערליידיקן אָן אייך, מיר האָבן אונדזערע שרייבערס...

— ניין, רב ייִד, דאָס וועט נישט גיין, אַלץ וואָס קומט אַריין אין צייטונג גייט דורך דורך מיין האַנט.

— מיין נאָמען איז העלמאַן, נישט רב ייִד, זאָגט ער רויִק, און מיט אייך האָבן מיר אַ קאָנטראַקט פאַר אַ יאָר צייט, אַ בפירושן קאָנטראַקט, זייט אַזוי גוט און קוקט אַריין אין אייער קאָפּיע און איר וועט זען, אַז איבער געוויסע אָפּטיילונגען האָבן די אַרויסגעבער די דעה...

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ דורכגעטריבענעם „פּאָליטישען", אַ קלוגן, אַ האַרטן, אַ שאַרפן און אַ ביטערן.

איך בין אַוועק נאָכן מיטאָג אַהיים און זיך גענומען שטודירן מיין קאָנטראַקט, יאָ, עס איז דאָ אַזאַ פּונקט, אָבער איך האָב עס משמעות אָנ־גענומען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן די אַנאָנסן, עס האָט מיר גאָרנישט גע־קענט איינפאַלן עפּעס אַנדערש.

אויף מאָרגן האָבן איך געהאַט אַ געשפּרעך מיטן אָפיציעלן אַרויס־געבער, מיט אָסטראָווסקין. אַ פּשוטער ייִד, האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך, זיי ווילן דעם קאַלישער, זאָלן זיי אַר־בעטן פאַר אים, איך האָב זיי פאַרקויפט פלאַץ פאַר דער צייט פון דעם טומל אַרום דער רבנות־שטעלע.

הכלל — איך האָב איינגעזען, אַז מען האָט מיך באַאַרבעט אויף אַ לאָדזשער אופן.

איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט מיין געהילף־רעדאַקטאָר ד״ר גאָטליב.

מיין קאָלעגע ד״ר גאָטליב האָט עס אויך אויפגענומען רויִק, איך האָב געזען, אַז ער האָט געוווסט פון דעם גאַנצן משא־ומתן.

און מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז ער גיט אַכטונג אויף דער רבנים־פראַגע, איך האָב דערמיט גאָרנישט צו טון.

צו מיין איבערראַשונג איז ער איינגעגאַנגען אויף דעם אָן ־דינגע־ניש, און איך האָב פאַרגעסן וועגן דעם גאַנצן ענין.

אָבער וואָס נענטער עס איז געקומען צו די וואַלן פון אַ רב אַלץ שאַרפער איז געוואָרן די מלחמה אין שטאָט.

די צדדים האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן דורך די צוויי צייטונגען, ד"ר גאָטליב האָט געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע. ער האָט באַדאַרפט האַמעווען דעם ייִדן, דעם פאַן העלמאַן, וואָס האָט זיך געריסן אין שלאַכט מיט אַלע כוחות, אָבער מיט שרעקלעך שלעכטער עברי און מיט זידל־ווער־טער, וואָס מען קען נישט דרוקן.

איך האָב זיך נישט געלאָזט אַריינציִען אין דער דאָזיקער מחלוקת, איך האָב עס איבערגעלאָזט אינגאַנצן צו ד"ר גאָטליב.

דער ייִד אָבער איז געוואָרן אַן אָנשיקעניש, ער האָט כסדר געבראַכט „שטאָף" און אַגיטאַציע־מאַטעריאַל.

אַלע וועלט־פראַגן, אַלע ייִדישע פּראָבלעמען, האָט דער ייִד געפּאָ־דערט, זאָלן אָוועקגעלייגט ווערן אין אַ זייט, מען דאַרף לייזן איינאיינ־ציקע פראַגע — די פראַגע ווער זאָל זיין רב, דער קאַלישער, וואָס איז אַ גאון־עולם און איז אויך אַ וועלטלעכער מענטש, ער רעדט פּויליש, רוסיש און איז אַ צדיק, אָדער דער, וועמען עס שטעלן אַרויס די חסי־דים, וואָס איז נישט קיין למדן, נישט קיין צדיק און נישט קיין וועלט־לעכער מענטש, קען נישט קיין פּויליש און נישט קיין רוסיש.

דער ייִד האָט זיך אָוועקגעזעצט אין רעדאַקציע און צו אים פלעגן קומען ייִדן פון זיין צד, ייִדן, וואָס קאָכן זיך און רעדן אַזוי הויך, אַז קיינער האָט נישט געקענט אַרבעטן.

הכלל — איך האָב באַשטימט אַז ווי נאָר דער ייִרלעכער קאָנט־ראַקט, וואָס איך האָב אונטערגעשריבן, ענדיקט זיך, קנעפּל איך זיך אָפּ פון דער צייטונג.

אגב האָט מען מיך גערופן צוריק פון „פריינד"; זיי האָבן דאָרט דערפילט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן און זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו לאָזן מיר וויסן, אַז מיין פּלאַץ אין „פריינד" איז וואַקאַנט און איך קען קומען צוריק ווען איך וויל.

איך האָב פון אַ זייט נאָכגעקוקט דעם קאַמף, איך האָב געזען ווי

ייִדן זענען צעקאָכט, עס גייט זיי ממש אין לעבן, אַז זייער קאַנדידאַט זאָל געווינען, און זיי זענען גרייט ממש דורס זיין זייערע קעגנער און זייער קאַנדידאַט פאַר דער רבנות־שטעלע צוזאַמען.

געווינלעך זענען געווען אַ היפּש ביסל נוגעים־בדבר. לאָדזשער רבנות איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך שטאָטישע ענינים, דאָס הייסט, מיט אַ רייכן קהלשן טאָפּ, אַרום וועלכן עס לוינט זיך צו רייבן.

אָבער אַ סך זענען געווען אויך, וואָס האָבן קיין שום פּניות נישט געהאַט, אַ סך האָבן סתּם אויפגעלעבט דערשמעקנדיק דעם ריח פון אַ גוטער מחלוקת און אַ סך האָבן טאַקע געהאַלטן, אַז עס איז כדאַי און אַפילו יושרדיק איינצולייגן אַ וועלט פאַר דעם קאַלישער.

אַזוי ווי אין אַלע קהלשע מחלוקתן.

אונדזער ייִד האָט בפירוש נישט געהערט צו די וואָס פירן אַ מחלוקת דורכאויס לשם שמים, ער האָט געהאַט זיינע פּניות, ער איז געווען צו קלוג צו אַרויסווייזן זיי, אָבער ער איז געווען אַ ליידיקגייער, אַ שטאָט־„פּאָליטישען", וואָס האַלט, אַז די שטאָט דאַרף אים האָבן אין זינען, אָט ווי ער האָט די שטאָט אין זינען.

איך האָב בשום אופן נישט געקענט דערגיין פון וואַנען, למשל, דער ייִד מאַכט אַ לעבן, וואָס איז זיין טועכץ, קיינער האָט נישט געוווסט, אָדער קיינער האָט אונדז נישט געוואָלט זאָגן.

און אין לאָדזש זענען ליידיקגייער געווען אַ זעלטנהייט, אין לאָדזש האָבן אַלע געהאָרעוועט און געשמאַיעט, געקויפט און פאַרקויפט, געמעקלט און געכאַפּט צופעליק גוטע פאַרדינסטלעך.

יעדער שלים־מזל האָט געהאַט עפּעס אַ קרוב א רייכן אַרום וועלכן ער האָט זיך געדרייט אָדער געריבן, און געמאַכט אַ לעבן.

אונדזער ייִד איז געווען אַ ליידיקגייער אָן אַריסטאָקראַט, אַ גרויסער בעל־גאווה, ער וועט זיך אַרום קיינעם נישט דרייען, אַלע דאַרפן זיך דרייען אַרום אים.

פאַר וועלכע מעשים־טובים האָב איך נישט געוווסט.

אַזוי האָט ער מיר אַמאָל דערקלערט אין אַ שמועס, ער האָט זיך אַפילו באַליידיקט ווען ער האָט דערשפּירט, אַז איך האַלט אים פאַר אַ פּאַראַזיט.

ביין, ער איז נישט קיין פּאַראַזיט, די שטאָט דאַרף האָבן אַזאַ מענטשן ווי ער, דאַרף האָבן זייער נויטיק.

שטאָט איז אַ גרויס געשעפט.

רבנות אין לאָדזש איז אַ גרויסע אונטערנעמונג, און מען קען עס נישט איבערגעבן אַבי וועמען.

לאָדזש האָט געהאַט אַ רב רבי מייזעל ז״ל, ער איז געווען דער שטאָלץ פון לאָדזש.

און אויפן שטול פון רבנות, אויף וועלכן עס איז געזעסן דער גאון און צדיק און חכם רב מייזעל, טאָר נישט זיצן אַ קליינשטעטלדיקער מלמד...

דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף דעם קאַנדידאַט, וואָס דער צד שכנגד האָט אַרויסגעשטעלט.

צו מיין גליק האָט ד״ר גאָטליב, אַ קלוגער און אַ באַגאַבטער מענטש, געוווסט ווי צו באַנעמען זיך מיט די דאָזיקע ייִדן, און די צייטונג האָט נישט געליטן פון דער מחלוקת נישט מאָראַליש און נישט פינאַנציעל.

אַגב איז ד״ר גאָטליב געווען שוין כמעט אַ לאָדזשער, ער איז געווען אין לאָדזש צוויי יאָר איידער איך בין געקומען, איך בין געווען אינגאַנצן אַ גרינער.

אָבער דער ייִד איז געווען ביטער אַנטוישט, ער האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז איך זאָל איינגעלאַדן ווערן ווי אַ רעדאַקטאָר, ווייל איך האָב אַ שאַרפע פעדער, און דאָ האָב איך זיך געשטעלט אין אַ זייט און אַלץ איבערגעלאָזט צו ד״ר גאָטליבן.

גאָטליבן האָבן זיי דאָך געהאַט פריִער...

הכלל— נישט בלויז איך האָב זיך אַנטוישט, נאָר די ייִדן האָבן זיך אויך אַנטוישט.

עס איז געווען אַ מקח־טעות פון אָנהויב ביזן סוף, אַ מקח־טעות פאַרביידע צדדים.

און דאָס האָט געשאַפן פאַר מיר די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון לאָדזש מיט אַ קאַרגן פערטל יאָר פריִער איידער מיין קאָנטראַקט האָט זיך געענדיקט.

אַגב די מחלוקת וועגן דער רבנות־שטעלע איז נישט געווען די איינ־ציקע סיבה פון מיין אַנטוישונג.

איך האָב געהאַט נאָך וואָגיקערע סיבות, וועגן וועלכע איך וועל דערציילן שפּעטער.

***

שרייבנדיק די דאָזיקע זכרונות האָב איך זיך אַליין געוווּנדערט ווי ווייניק מיר איז אָנגעגאַנגען די גרויסע מחלוקת אַרום דער רבנות־שטע־לע אין לאָדזש.

איך געדענק אַפילו נישט וועלכער צד האָט געזיגט.

אַ חוץ דער דאָזיקער אַנטוישונג איז לאָדזש סתם נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ שרייבער צו אויסלעבן זיך.

פלעג איך אָפט פאָרן קיין וואַרשע און דאָרט פלעג איך אָפּלעבן.

עס פלעגן קומען דאָ און דאָרט געסט.

פּרץ הירשביין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין לאָדזש און איז געווען מיין גאַסט זעקס־זיבן וואָכן.

פּרץ הירשביין איז דאַן געווען אַ פרייער פויגל, ער האָט קיין נעסט נישט געהאַט, ער איז געווען אַ בחור אָן זאָרגן און אָן התחיבותן, און אים איז געפעלן געוואָרן די ראָלע פון יענעם פויגל, וואָס טוליעט זיך צו צו פרעמדע נעסטן.

אַ שטענדיקער גאַסט איז ער געווען ביי מענדל עלקין אין באָב־רויסק.

און פּרץ הירשביין איז געווען דער ליבסטער און אָנגענעמסטער גאַסט: ער איז געווען בטבע אַ באַלעבאָס. פלעגט ער קומען צו איינעם אין געסט, פלעגט ער זיך נעמען באַלעבאַטעווען.

אין שטוב פלעגן זיך באַווייזן וואַזאָנעס־בלומען, רעגן־וואַסער צו וואַשן דעם קאָפּ און נייע געריכטן פלעגט ער ברענגען און פלעגט דער דינסט אויסלערנען ווי צו קאָכן זיי.

אין אַ טאָג, אָדער צוויי איז ער געוואָרן דער היימישסטער מענטש אין הויז און דער אָנגענעמסטער גאַסט.

ער האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט שווער, אָבער ער איז עפּעס כסדר געווען פאַרנומען.

מיין בן־יחידל האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אים און האָט שטאַרק געבענקט נאָך אים ווען ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן.

ער איז געווען דער ריינסטער, דער ציכטיקסטער מענטש, און ער פלעגט אַריינברענגען ריינקייט און ציכטיקייט אין הויז.

ער איז געווען אָרעם, ווי אַלע שרייבערס, די פרייע קינסטלער, אָבער זיין גאַרניטור איז געווען אַלע מאָל ריין און גלאַט אָט ווי ער וואָלט אָקאָרשט אַרויס פון פּרעס.

און מעשהלעך האָט ער געהאַט גאַנצע פּעק, מעשהלעך פאַרן באַ־לעבאָס, פאַר דער באַלעבאָסטע און פאַר די קליינע קינדערלעך.

ה. ד. נאָמבערג האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעכאַפּט קיין לאָדזש.

אָבער ה. ד. נאָמבערג איז געווען ממש דער היפוך פון פּרץ הירש־ביינען, ער פלעגט אַריינברענגען צערודערטקייט, אָפּגעלאָזנקייט און אומ־רו אין הויז.

ווען מען פלעגט דאַרפן עסן מיטאָג איז ער נישט געוואָרן, ווען מען האָט געדאַרפט גיין שלאָפן האָט זיך ערשט ביי אים אָנגעהויבן דער טאָג.

זיין רעקל איז געהאַנגען אויף אים, זיינע הויזן האָבן געהאַט אַלע מאָל עפּעס איין הויז צו קורץ און די אַנדערע אַ צו לאַנגע.

דערפאַר איז ביי אים אין קאָפּ געווען די גרעסטע און די בעסטע אָרדענונג.

דאָרט איז געווען אַלץ אַזוי קלאָר און אַזוי בלאַנקענדיק.

און ווען אָט דער צעשאָטענער מענטש האָט אָנגעהויבן רעדן פלעגט ער אייך כסדר איבערראַשן מיט זיין קלאָרקייט, מיט דער שאַרפקייט פון זיין מוח.

ער האָט געקענט אָנטאַפּן דעם דופק פון אַ פראַגע אַזוי, אַז פאַר אייך פלעגן אַרויסשווימען די אַלע שוואַכקייטן און די אַלע פּאָזיטיווע מאָמענטן.

ער איז נישט געווען קיין ליידנשאַפטלעכער שמועסער, ביי אים איז געווען שפּילן שלעכט ביליאַרד בילכער ווי צו זיצן און אַרומרעדן יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען.

אָבער האָט ער גערעדט איז געווען אַ חיות ממש צו הערן.

ער פלעגט ממש לאָזן פאַלן בלענדנדיק ליכט אויף אַ פראַגע, איר פלעגט זען ממש דעם גאַנצן אינגעווייד פון דער פראַגע, אָדער פּראָבלעם.

איר פלעגט ממש שטוינען צו זען ווי דאָס דאָזיקע אויסערלעך אָפּגעלאָזענע מענטשל איז גייסטיק אַזוי קלאָר און אַזוי ציכטיק.

אויסערלעך איז ער געווען דאָס אומלאָגישסטע באַשעפעניש.

אינערלעך די לאָגישסטע באַשעפעניש, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט באַשאַפן.

אָט די געסט און אַנדערע, ווי מענדל עלקין, פלעגן גיך ממש אָפּפרישן מיט זייערע באַזוכן.

אָבער נאָך זייער אַוועקפאָרן פלעגט לאָדזש נאָך ווערן גרויער און איינזאַמער ווי פריער.

29

אַרטור שיק

אַרטור שיק, דעם גרויסן, אויב נישט דעם גרעסטן, מיניאַטוריסט און אילומינאַטאָר פון אונדזער צייט, האָב איך באַגעגנט אין לאָדזש.

ער איז געווען דאַן נאָך גאָר יונג. ער איז געווען אַ באָרט און אַן אויסערסט שיין בחורל. זיין שיינקייט איז אָבער נישט געווען עפּעס קיין מענערישע, ער האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ יונג מיידל, וואָס האָט זיך אויס שטיפעריי פאַרקליידט ווי אַ מאַן.

ער איז אַפילו געווען שעמעוודיק־קאָקעטיש ווי אַ מיידל.

דעמאָלט האָט ער מיט אַ דינער פעדער געצייכנט בלויז אין שוואַרץ און ווייס.

איך האָב דאַן אַרויסגעגעבן אַ קליינע זאַמלונג פון מיינע קליינע פעליעטאָנען און ער, אַרטור שיק, האָט געצייכנט דאָס שער־בלאַט פאַרן ביכל.

דאָס שער־בלאַט איז באַשטאַנען פון צוויי ענלעכע באַבערדעטע קעפּ, וואָס שמייכלען.

איך היט עד־היום אָפּ דאָס דאָזיקע שער־בלאַט.

עס איז אַן אידעלע און דינע צייכענונג, און איך האָב זי דורכגעטראָגן דורך מלחמות און רעוואָלוציעס. איך האָב אַ סך ווערטפולע זאַכן פאַרלוירן אין דעם גרויסן און ווילדן וועלט־טומל, אין וועלכן עס איז מיר באַשערט געווען צו לעבן, אָבער דאָס דאָזיקע שער־בלאַט האָט זיך אָפּגעהיט.

פון ביכל גופא איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן, איך ווייס נישט צי עס איז דאָ ערגעץ אַ ביבליאָטעק, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעהיט.

איך בין פון לאָדזש אַוועק צוריק קיין וואַרשע, עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און זי האָט מיך פאַרוואָרפן ווייט, ווייט אין רוסלאַנד.

קומענדיק אין אַמעריקע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַרטור שיק לעבט אין פּאַריז, ווו אַלע טאַלאַנטפולע קינסטלער מוזן לעבן עטלעכע יאָר.

אָבער זיינע ווערק איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען און וועגן זיין לעבן האָב איך אויך קיין שום ידיעות נישט געהאַט.

איך בין געווען צוויי מאָל אין פּאַריז, זיך באַגעגנט מיט אַ היפּש ביסל יידישע קינסטלער, אָבער אַרטור שיקן איז מיר נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן לייען איך אין אַ צייטונג, אַז אין דעם ברוקלינער קונסט־מוזיי זענען אויסגעשטעלט מיניאַטורן, אָדער אילומי־נאַציעס פון אַרטור שיק.

איך בין דעמזעלביקן טאָג אַוועק אין מוזיי און אַ פּאָר שעה האָב איך זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די ווונדערלעך־פאַרביקע און דינע צייכענונגען.

די צייכענונגען זענען געווען מיינסטנס אויף היסטאָרישע טעמעס, די היסטאָרישע טעמעס האָבן ממש אָפּגעלעבט אין דער אַלטער קונסט־פאָרעם פון אילומינאַציע. די טעמע האָט צוריק באַקומען איר באַשערטע פאָרעם.

איך האָב אָנגעשריבן אַ קליין אַרטיקעלע וועגן דער דאָזיקער זעל־טענער אויסשטעלונג, און, ווי מען זאָגט אין דער פּאָליטיק, אַריבער צו מיין סדר־היום, צו מיין זשורנאַליסטישער און טעאַטער־קריטישער אַר־בעט.

אין אַ קורצער צייט אַרום קלינגט מיין טעלעפאָן, איך הויב אויף די טרייבל און פרעג:

— ווער רעדט?

— אַרטור שיק — ענטפערט אַ שטים.

הכלל, ער און זיין פרוי זענען דאָ אין ניו יאָרק און זיי ווילן מיך זען.

און אָט שטייט פאַר מיר מיין אַמאָליקער יונגער פריינט, אַרטור שיק.

אָבער, מיין גאָט, עמעצער האָט מיר אונטערגעביטן מיין שיינינקן, מיידלשן פריינט: קיין סימן, קיין זכר פון דעם אַמאָליקן צאַרטן, שעמעוודיקן און מיידלש־קאָקעטישן אַרטור שיק.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ געזעצטער, מיטלוווקסיקער מאַנספאַרשוין גאָר קאָנטיק באַבייכלט און באַפּליכט.

און דאָס אַמאָליקע מיידלשע פנים איז קלוג, האַרטלעך און די אויגן קלוגע און שמייכלענדיקע.

און הויבט ער אָן רעדן, רעדט אַ קינסטלער אַ מיושבדיקער, אַ קלוגער און אַ פּראַקטישער.

איך האָב דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדערן אַרטור שיק, אַן אַרטור שיק, וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט באַגעגנט.

און ער רעדט פון פּאָליטיק, רעדט מיט זיכערקייט און מיט בראַוווּר.

ער איז ממש פינגער בפינגער מיט די לייט פון דער פּוילישער רעגירונג, ער איז אַן אייגענער מענטש צווישן זיי.

און פּילסודסקי האָלט אַן עולם ומלואו פון אים.

פּילסודסקי זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער, אַרטור שיק, איז דער איינציקער פּוילישער מאָלער, וואָס ווייסט וואָס ער מאָלט און ווייסט וואָס ער וויל.

ער מאָלט פּויליש־יידיש, אָבער עס איז פּויליש, דורכאויס פּויליש.

אָבער ווער פרעגט ביי אַ קינסטלער פּאָליטישע פּאַספּאָרטן?

זענען מיר, אַרטור שיק און זיין ליבע, שיינע פרוי, געוואָרן פריינט, ער פלעגט אונדז אָפט באַזוכן. און מיר, איך און מיין פרוי, פלעגן אים באַזוכן.

איך האָב זיך גוט באַקענט מיט זיינע ווערק; ער איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער מייסטער, און, אַגב, אויך נישט קיין שיפּע־זיבעלע, ער קען גוט פאַרקויפן זיינע שאַפונגען, און במקח השוה.

און ער מאָלט גאַנצע היסטאָרישע סעריעס פאַר רעגירונגען.

דאָ האָט ער צו פאַרהאַנדלען אַ סעריע פאַר אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער

רעגירונג; אַ סעריע וועגן אַ לאַטיין־אַמעריקאַנישן גענעראַל, אַ באַפרייער פון זיין לאַנד.

יאָ, איטלעכס לאַטיין־אַמעריקאַניש לאַנד האָט אַ גענעראַל אַ באַפרייער...

ער האָט עפּעס אויך פאַר אונדזערע פאַראייניקטע שטאַטן, ער פירט אונטערהאַנדלונגען, און אויב די אונטערהאַנדלונגען וועלן קומען צום געווינטשטן רעזולטאַט, איז ער אויפן פערד.

פרייט עס מיך זייער; אַ קינסטלער איז נישט מחויב צו זיין אַ שלים־מזל, גרויסע קינסטלער האָבן כסדר געאַרבעט פאַר מלכים און שרים.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט בסדר געאַרבעט דאָ פאַר אַ קעניג און דאָ פאַר סתם אַ גרויסן שר, און אַזוי איז מיט אַלע אַנדערע גרויסע מאָלער אין די אַמאָליקע און אין די היינטיקע צייטן.

סוף כל סוף מאָלט דאָך אַ מאָלער נישט פאַר זיך, ווי אַ שרייבער שרייבט נישט פאַר זיך.

און וואָס ווייטער זע איך פאַר מיר שאַרפער און קלאָרער אין גרויסן מייסטער אַ טיכטיקן געשעפטס־מענטש.

ווען מען ווערט געבוירן אין לאָדזש, ווערט מען אפנים געבוירן אונטערן מזל מסחר, לאָדזש האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף אירע מענטשן.

לאָדזשער לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט מסחר.

אין לאָדזש האָב איך קיין שום געוויקסן נישט געזען, זיי זענען נישט געוואַקסן דאָרט, געוואַקסן האָט בלויז דאָרט דער מסחר.

און אַרטור שיק איז אַ לאָדזשער.

אונדזער פריינטשאַפט איז געווען אַ געשמאַקע, איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ קלוגן, טיכטיקן מענטשן און אַ גרויסן מייסטער, זיין פרוי איז שוין אַביסעלע פראַנצויזיש, אָבער ליב און האַרציק.

און אים איז אַפנים אויך געווען צום האַרצן מיין פריינטשאַפט.

אָבער ווי עס פלעגט קומען צו פּאָליטיק, בין איך עפּעס געוואָרן אומרויִק; ער, אַרטור שיק, איז געווען דורך און דורך אַ סאַנאַציע־מענטש, דאָס הייסט, אַ פּוילישער רעגירונגס־מענטש.

און אין דער זעלביקער צייט איז ארטור שיק אַ גוטער ייִדישער

מענטש, זיינע ריין־יידישע צייכענונגען, זיינע יידישע אַרבעטער און יידי־שע פֿאָלקס־מענטשן זענען פֿול מיט וואַרעמקייט און ליבע.

אַ גוטער ייד, אַ באַוווסטזיניקער ייד און — „סאַנאַציע"...

איך האָב געוווּסט, אַז עס זענען דאָ גאָר אַ סך אַזעלכע יידן אין פּוילן.

יידן זענען נישט מעור־אחד. אַלע מאָל זענען געווען פֿאַרשידענע יידן. ביי אונדז איז אפשר די פֿאַרשידנקייט און די אַנדערשקייט אַ שאַרפֿערע ווי ביי אַנדערע.

אָבער פֿון אַ פֿריינט איז עס געווען שווערלעך אָנצונעמען.

צווישן פֿריינט קען נישט און טאָר נישט שטיין קיין צו גרויסע מחיצה.

***

און אָט גיט דער פּוילישער פֿאַרבאַנד אַ באַנקעט לכבוד אַרטור שיק, דעם יידיש־פּוילישן מייסטער.

בין איך איינגעלאַדן צום באַנקעט.

איך זיץ לעבן ד"ר ה. שאָשקעס און נישט ווייט פֿון אונדז זיצט אַ פּאָליאַק פֿון דעם פּוילישן קאָנסולאַט.

נאָכן עסן האַלט מען רעדעס, ווי דער שטייגער.

עסן עסט מען מיט גאָר גרויסן אינטערעס, די רעדעס הערט מען אָן אינטערעס, אָפּילו מיט פֿיינטשאַפֿט און אומגעדולד.

עסן עסט מען מיט אַפּעטיט, אַמעריקאַנער יידן האָבן אַ גוטן אַפּעטיט, און ער לאָזט זיי נישט אָפּ אָפּילו צוועלף אָדער איינס ביינאַכט.

אָבער צו רעדעס האָט דער אַמעריקאַנער ייד קיין שום אַפּעטיט נישט.

יאָ, ער האָט פֿיינט די רעדעס אויף די באַנקעטן תכלית־שנאה, אָבער ער ווייסט, אַז אַנדערש קען עס נישט זיין, אַ באַנקעט מוז זיין מיט רעדעס, נעמט ער עס אָן ווי אַן אָנשיקעניש, וועלכע מען מוז זיך אונ־טערגעבן.

דאָ זענען די רעדעס געווען עפּעס כסדר פּאָליטישע און כסדר תהלות־ותשבחותדיקע צו פּוילן.

דאָס איז אַפּנים געשען, ווייל די פּוילישע רעגירונג האָט דאָ גע־האַט אַ פאָרשטייער אין דער פּערזאָן פון איינעם פון די סעקרעטאַרן פון דעם פּוילישן קאָנסולאַט אין ניו יאָרק.

און אפשר דערפאַר, ווייל דער פאַרבאַנד האָט געפירט פּוילישע פּאָליטיק.

און גערעדט האָט מען דווקא יידיש, און דער איין־און־איינציקער פּאָליאַק האָט אַ וואָרט יידיש נישט פאַרשטאַנען.

און וועגן אַרטור שיקן, ווי וועגן אַ קינסטלער, האָט קיינער קיין וואָרט נישט געזאָגט; מען האָט גערעדט פּאָליטיק, מען האָט געמאַכט פּוילישע פּאָליטיק אויף אַ באַנקעט לכבוד אַ יידישן גרויסן קינסטלער...

אַפילו מיין קאָכיקער פריינט ד״ר שאָשקעס האָט דערקלערט, אַז מיר און פּוילן זענען ממש אַ סיאַמישער צווילינג, אמת, בלויז פאַר אַ צייט...

פּוילן הייסט אויף העברעיִש „פּה־לין״, דאָ דאַרפן יידן היסטאָריש איבערנעכטיקן, נעכטיקן מיר אין „פּה־לין״...

דאָס איז דער געבאָט פון דער יידישער געשיכטע. זי האָט אונדזער גורל פאַרבונדן מיטן גורל פון פּוילן.

און אָט קומט מיין רייע צו זאָגן עטלעכע ווערטער.

רעד איך דעמאָנסטראַטיוו בלויז וועגן אַרטור שיקן, ווי וועגן אַ גרויסן יידישן קינסטלער. זיין פּאָליטיק אינטערעסירט מיך נישט, זאָג איך אָפן.

וואָרום ווי אַ קינסטלער בין איך זיכער, אַז אַרטור שיק איז אַ גרויס־סער טאַלאַנט; ווי אַ פּאָליטיקער בין איך נישט זיכער אין זיין פּאָליטישן טאַלאַנט.

און מיין עצה טובה איז, אַז אַרטור שיק זאָל זיך בעסער פאַרנעמען מיט זיין קונסט, דאָ איז ער אַ שעפערישער טאַלאַנט, צי ער איז אַ שע־פערישער טאַלאַנט אין דער פּאָליטיק צווייפל איך...

מיט מיר האָט פּאַסירט דאָס וואָס עס פּאַסירט מיט מיר מיין גאַנץ לעבן — איך האָב געזאָגט אַ שטיקל אמת.

איך בין זיכער נישט קיין צדיק, פאַרקערט, איך האָב גאָר אַ

שטאַרקן יצר־הרע צום שטיקל אמת, דאָס איז נישט קיין צדקות, אפשר איז עס גאָר זינדיקייט, איך קען נישט גובר זיין דעם דאָזיקן יצר־הרע...

און דאָס דאָזיקע ביסעלע אמת האָט מיר געקאָסט די פריינטשאַפט פון אַרטור שיקן.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך נישט באַגעגנט מער.

אָבער אַרטור שיק איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער פון מיינע פריינט, וואָס איך פאַרליר צוליב דאָס בידנע שטיקעלע אמת, צו וועלכן איך האָב אַ שטאַרקן יצר־הרע...

איך האָב פאַרלוירן אַ סך פריינט.

דערהויפט אין אַמעריקע, ווו פון פריינטשאַפט דערוואַרט מען פראָ־צענטער אין „קעש״ (מזומן), און גוטע...

דאָ גיט מען קיין זאַך נישט אומזיסט, אַפילו פריינטשאַפט.

אַפנים אַז מיין יצר־הרע צום שטיקעלע אמת איז גרעסער פון מיין יצר־הרע צו פריינטשאַפט.

און גרוסן האָב איך אָפּגענומען, אַז ער איז מיט די פוילישע רעגי־רונגס־לייט דער בעסטער גוטער ברודער.

און ער מיינט עס ערלעך און אויפריכטיק.

דאָס זענען די ווערטער פון אונדזערן אַ געמיינזאַמען פריינט.

***

און אָט קומט אונדזער גרויסער דריטער חורבן.

אַרטור שיק ראַטעוועט זיך ווידער צו אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ער ברענגט מיט זיך אַ טעקע פול מיט שאַרזשן פון די נאַציישע קאַרפּן־קעפּ, די אַמעריקאַנער פרעסע כאַפּט זיי אויף פון אַנהויב, אומע־טום באַגעגנט איר אַרטור שיקס אַ שאַרזש.

אָבער דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז מען נישט געוווינט צו דעם מין קאַריקאַטורן, זיי זענען צו גוטע צייכענונגען, און דער פּאָלי־טישער מאָמענט איז נישט אַזוי שאַרף ווי די צייכענונג.

און ווילן ווילן זיי, אַז עס זאָל זיין פונקט פאַרקערט — די פּאָלי־טישע טעמע זאָל זיין שאַרף, די צייכענונג וועט שוין ממילא זיין גוט...

די ליבעראַלע צייטונג „איוונינג פּאָוסט“ שטעלט אים אַפּילו אָן פאַר אירן אַ שטענדיקן קאַרטוניסט, אָבער ער איז מער קינסטלער ווי קאַר־טוניסט, און פון דעם ווערט גאָרנישט.

אָבער אַ נייער מענטש איז אַרטור שיק געקומען פון איראָפּע. ער איז געקומען אַ ציוניסט, און דווקא פון דעם סאַמע עקסטרעמען פליגל, פון „חירות“, אָדער „אירגון“, ווי מען פלעגט עס רופן.

און ער איז טעטיק ווי אַן עקסטרעמער ציוניסט.

פון צייט צו צייט באַקום איך געדרוקטע צירקולאַרן אונטערגע־שריבן פון אַרטור שיק. די צירקולאַרן בעטן געלט אויף פאַרשידענע אופנים און מיט פאַרשידענע איינפאַלן.

ער איז, הייסט עס, געקומען אַהיים...

ער איז אַ ייִד, ער איז אַ ייִדישער מאָלער און זיין אָרט איז כסדר געווען צווישן ייִדן.

אַ סך ייִדן האָבן עס איינגעזען.

דערהויפּט האָבן עס איינגעזען אַ סך פּוילישע ייִדן, וואָס זענען אַרויס לעבעדיקע פון די נאַצישע און די פּוילישע הענט.

איינזען ווילן עס נישט בלויז ייִדישע קאָמוניסטן. זיי צווינגען ייִדן צו בלייבן אין פּוילן, צו לעבן אויף אונדזער גרויסן בית־עלמן.

דאָס זענען פאַרשאָלטענע ייִדן.

דאָס זענען ייִדן, וואָס האָבן נישט קיין שום מיטלייד מיט זייער אייגן פלייש און בלוט.

יאָ, אַרטור שיק איז דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין אַן אַנ־דערן פּאָליטישן גילגול, אין אַ ייִדישן פּאָליטישן גילגול.

און דאָס פרייט מיך ביז גאָר.

אָבער אונדזער פריינטשאַפט איז אַ זאַך פון דער לאַנגער, לאַנגער פאַרגאַנגענהייט.

און איך באַדויער עס נישט שטאַרק.

סוף כל סוף איז דאָס שטיקעלע אמת אויך עפּעס ווערט.

און דער עיקרשט — ער גיט אָפּט אַ גאָר גרויסע סאַטיספאַקציע.

די לעצטע צייט האָב איך געהאַט אַ שטיקל טענה צו זיינע צייכענונ־

געז און נעמלעך — ביי אים איז וויכטיקער צו צייכענען אַ שיינעם גאַרטל פון אברהם אָבינו ווי אַברהם אָבינו אַליין.

ער וועט אברהם אבינו אָנטון שווערע בראַסלעטן אויף דעם אָרעם, כדי ער זאָל האָבן אַ גוטע צייכענונג, מעג עס גאָרנישט פּאַסן צו אַברהם אָבינו.

דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער — ער איז אַ מאָלער פון אויסערלעכקייט, פון שאַרפער אויסערלעכקייט, און פאַר דער שאַרפער אויסערלעכקייט וועט ער מקריב זיין דעם סאַמע תוך...

30

אַ שטרייק פון זעצערס

פלוצלונג אָן אַ וואָרעניש און אָן וועלכע עס איז ערנסטער סיבה איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון זעצערס אין אונדזער צייטונג.

און, פאַרשטייט זיך, אַז ביידע צדדים האָבן מיך געוואָלט האָבן אויף זייער זייט.

איך האָב אָבער געוואָלט זיין אינגאַנצן נייטראַל אין דעם קליינעם סיכסוך, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן שנעל און על צד היותר טוב פאַר ביידע צדדים.

און כדי צו זיכערן מיין נייטראַליטעט, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע; פון דער ווייטנס וועל איך זיכער קיין צד נישט זיין.

אין וואַרשע האָב איך געהערט, אַז פּאָליציי האָט זיך עפּעס אַריינ־געמישט אין שטרייק, אַ שטרייק אין צאַרישן רוסלאַנד איז באַטראַכט געוואָרן פון דער רעגירונג ווי אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט קעגן איר פּער־זענלעך.

אָבער באַלד איז שטיל געוואָרן, קיינער איז נישט אַרעסטירט גע־וואָרן, און דער באַלעבאָס און די זעצערס זענען דורכגעקומען און די צייטונג האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען.

און איך בין צוריק אין לאָדזש.

פּלוצלונג באַקום איך אַ בריוו פון ש. ראָזענפעלד מיט אַזאַ אינ־האַלט לערך:

זיי האָבן אין „פריינד״ דערהאַלטן אַ בריוו פון אַ גרופּע זעצער פון מיין ציַיטונג, אַז אין דעם שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ציַיטונג, האָב איך זיך געשטעלט אויף דער זייט פון באַלעבאָס און קעגן די זעצערס.

האָלט ער, ראָזענפעלד, פאַר ראַטזאַם צו דרוקן דאָס בריוול, כדי די זאַך זאָל דורכגעלופטערט ווערן אין „פריינד״, אין מיין ציַיטונג, און וועגן דעם האַלט ער פאַר נויטיק מיר צו מודיע זיין.

ער, פאַרשטייט זיך, וויַיסט, אַז די גאַנצע מעשה איז לא היה ולא נברא. איך בין דאָך געווען די צייט פון שטרייק אין וואַרשע און האָב זיך נישט געקענט שטעלן אויף דער זייט פון דעם באַלעבאָס.

דאָס בריוול איז געדרוקט געוואָרן אין „פריינד״, איך האָב אָבער זיך נישט געאיילט צו ענטפערן. איך האָב באַשטימט צו לאָזן אַ געריכט פון אָנגעזעענע יידישע מענטשן, באַטראַכטן דעם ענין און אַרויסטראָגן זיין אורטייל וועגן דער באַשולדיקונג.

דערווייל אָבער האָב איך זיך געגרייט צו פאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווין.

ווען איך בין געקומען צוריק פון קאָנגרעס, האָבן מיר פריינט גע־ראַטן צו לאָזן עס פאַלן, דאָס בריוול פון די זעצערס האָט קיין שום רושם נישט געמאַכט.

אָבער איך בין באַשטאַנען אויף דאָס מייניקע — אַ געריכט דאַרף אַרויסטראָגן זיין אורטייל.

עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ געריכט פון די סאַמע אָנגעזעענע און פון די סאַמע באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע טוערס.

אין געריכט זענען אַריין ד״ר באַמאַש, דער דעפּוטאַט פון לאָדזש אין דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ, איינער פון די אָנגעזעענסטע און ער־לעכסטע מענטשן אין לאָדזש, דער צווייטער איז געווען ד״ר תאומים, אַ בונדיסט, אַ דאָקטער פון כעמיע, און נאָך איינער אַ פּועלי־ציוניסט, וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן.

און אָט קומט פאָר אין דער רעדאַקציע פון מיין ציַיטונג דאָס געריכט.

דער אָנקלאָגער איז איין זעצער, אַ שוואַרצינקער, מיט לייפּנדיקע אייגעלעך און מיט אַ צינגל, וואָס רעדט שנעל און פאַרפּלאָנטערט זיך כסדר.

דעם געריכט איז נישט אויסגעקומען לאַנג צו זיצן, זיי האָבן באַלד געזען, אַז די באַשולדיקונג האָט קיין האָפּט נישט.

און אָט איז דער אורטייל פון געריכט:

דאָס געריכט דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז די באַשולדיקונג איז אַ ביייזוויליקער בלבול און פאַרדאַמט מיט די שטאַרקסטע ווערטער דעם בלבול־מאַכער און זיינע אַרויסהעלפער.

דער אורטייל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „פריינד״, ווו עס איז געווען געדרוקט די באַשולדיקונג.

איבערגעבנדיק מיר דעם אורטייל, האָט מיר תאומים, אגב אורחא, דערציילט, אַז ער קען גוט דעם זעצער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויפן געריכט מיט דער באַשולדיקונג.

דער דאָזיקער זעצער האָט געאַרבעט אין דער בונדישער צייטונג אין ווילנע און זיי האָבן געהאַט פון אים געבראָטענע צרות, זיי האָט זיך קוים איינגעגעבן צו לויז ווערן פון אים.

אויפן געריכט גופא האָט אים תאומים דערקענט און האָט אים אַ פרעג געטון:

— צי האָט איר אַמאָל נישט געאַרבעט אין דער בונדישער צייטונג, וואָס דערשיינט אין ווילנע?

דער זעצער איז שטאַרק מבולבל געוואָרן און האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון אַ דירעקטן ענטפער.

די זאַך איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן.

אַגב זענען געקומען אַנדערע צרות. קומענדיק קיין לאָדזש צוריק פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט מיך די לאָדזשער זשאַנדאַרמעריע אַרעסטירט.

אָבער וועגן דעם שפּעטער.

***

אָבער דער פאַרגעסענער בלבול איז אויפגעלעבט געוואָרן דאָ אין אַמעריקע און, פאַרשטייט זיך, אין דער קאָמוניסטישער „פרייהייט״.

משה נאַדיר, וואָס האָט אַ צייט געבושעוועט אין דער „פרייהייט״ און האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שרייבער, אַפילו זיינע נעכטיקע בעסטע פריינט און חברים, האָט זידלענדיק מיר אויפגעוואָרפן די מעשה מיטן שטרייק אין לאָדזש.

אַפּנים דאָס שוואַרצינקע זעצערל האָט אויך עמיגרירט קיין אַמע־ריקע און איז אַריינגעפאַלן ווי אַ זעצער אין „פרייהייט״, האָט ער גע־וואָלט דינען דער „פרייהייט״ און ער האָט עס צוגעשטעלט משה נאַדירן דעם „ריכטיקן שטאָף״.

האָב איך קיין וויכוחים נישט געפירט מיט משה נאַדירן, איך בין אַוועק אין דער גרויסער פּאַבליק לייברערי אויף דער 42טער גאַס און געלאָזט זיך געבן דעם „פריינד״ פון 1913, האָב דאָרט אויפגעזוכט דעם אורטייל פון געריכט און אים אָפּגעדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״.

און עס איז שטיל געוואָרן באַלד.

משה נאַדיר האָט קיין וואָרט מער וועגן דעם נישט געשריבן.

אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, ווען ער איז שוין לאַנג אַוועק פון דער „פרייהייט״ און האָט געשאָטן אויף איר שוועבל און פעך, האָט מיר נאַדיר דערציילט, אַז דאָס זעצערל האָט אים פאַרפירט, און עס איז, אַגב, אַרויסגעקומען אַ גאַר גרויסע אומאַנגענעמלעכקייט, ווייל דער אַמאַ־ליקער בונדיסט תאומים, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן אונטער דעם אורטייל, איז געוואָרן אַ קאָמוניסט און אַן אָנגעזעענער דערצו...

***

אין דער צייט וואָס דאָס געריכט און איך זענען געזעסן אין רע־דאַקציע און אויסגעהערט אַ וויסטן בלבול פון אַ זעצער, האָט די לאָד־זשער צאַרישע זשאַנדאַרמעריע דורכגעפירט אַ שטרענגע אונטערזוכונג ביי מיר אין דערהיים, זי האָט פאַרנומען מאַנוסקריפּטן, ביכער און אַלץ אין וואָס עס קען שטעקן רעוואָלוציאָנערישקייט.

פון מיין היים איז זי געקומען אין רעדאַקציע, זי האָט דאָרט געפו־נען ד״ר באמאש, דעם דעפּוטאַט פון דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ, אָבער פליכט איז פליכט, זי האָט פאַרנומען אַלץ, וואָס זי האָט געפונען

אויף מיין רעדאַקטאָרישן טיש און מיך געבעטן צו זיין אַזוי גוט און גיין מיט איר.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט, מיך האָט מען אַוועקגע־פירט אין דער פּאָליציי־געביידע און דאָרט מיך איבערגעגעבן דעם דע־זשורנעם פּריסטאַוו און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל מאַכן פאַר מיר אַ פּלאַץ צו איבערנעכטיקן אין זיין ביוראָ, מאָרגן גאַנץ פרי וועלן זיי קו־מען נאָך מיר און דער זשאַנדאַרמעריע־שעף וועט מיך פּערזענלעך אויס־פרעגן.

דער פּריסטאַוו האָט מיר העפלעך אָנגעוויזן אויף אַ ווייכער סאָפע, איך האָב זיך אַוועקגעלייגט, אָבער איינשלאָפן האָב איך נישט געקענט.

גאַנץ פרי איז מען געקומען נאָך מיר. מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין דער שרעקלעכסטער געביידע, אין דער געביידע פון דער פּאָליטי־שער פּאָליציי פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער און געהייסן וואַרטן.

אין צימער זענען געווען היפּשע עטלעכע מענטשן, אַלע נישט אויסגעשלאָפענע, אַלע צערודערטע און עפּעס צעקנייטשטע. איך האָב זיכער אויך געהאַט אַזאַ אויסזען, אָבער קיין שפּיגל איז נישט געווען אין דעם דאָזיקן „וואַרט־צימער", האָב איך בלויז געזען ווי אַנדערע זעען אויס.

באַלד האָט מען אַריינגעלאָזט צו מיר מיין פרוי מיט אַביסל נויטיקע חפצים און מיט אַ פרישן פרישטיק.

אין פּעקל איז געווען אַ קישן, דאָס האָבן די זשאַנדאַרמען איר גע־ראָטן מיטנעמען, ווייל איך וועל דאַרפן דאָ שלאָפן אַ היפּשע צייט...

דאָס איז, אַגב, געווען דער אָנגענומענער נוסח פון דער צאַרישער פּאָליטישער פּאָליציי, זי האָט באַדאַרפט אָנשרעקן די פריינט און נאָענ־טע פון די אַרעסטירטע.

וואָרום יעדער, וועלכן די פּאָליטישע פּאָליציי האָט אַרעסטירט, איז געווען אַ געפערלעכער רעוואָלוציאָנער און אַ קאַנדידאַט צו פאַרשפּאַרט ווערן אויף יאָרן אין תפיסה, אָדער אַוועקגעשיקט ווערן קיין סיביר.

באַלד איז געקומען אַ זשאַנדאַרם און האָט מיך אַריינגעפירט צו זיין שעף.

באַגעגנט האָט מיך מיט אַ שמייכל דער פּאַלקאָווניק, דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע אַליין. ער האָט מיך געבעטן זיצן.

ער אַנטשולדיקט זיך זייער און זייער פאַר דער אומאַנגענעמלעכ־קייט, וואָס ער פאַרשאַפט מיר, ער דאַרף אָבער זיך דורכשמועסן מיט מיר וועגן אייניקע זאַכן:

ראשית אינטערעסירט אים געוואַלדיק דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז נאָר וואָס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווין, און פון וועלכן איך קום ערשט.

צווייטנס אינטערעסירט אים גאָר שטאַרק זשאַבאָטינסקיס רעדע, וועגן וועלכער איך האָב געשריבן אין מיין צייטונג אין דעם און דעם נומער.

און דאָ נעמט ער אַרויס אַ נומער פון מיין צייטונג מיט מיין אַרטיקל וועגן זשאַבאָטינסקיס רעדע, פון וועלכער אַ סך שורות זענען אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלייפעדער.

— איך לייען אַביסעלע ייִדיש — זאָגט מיר דער פּאַלקאָווניק — אָבער די העברעיִשע ווערטער שטערן מיר שטאַרק, איך האָב ווי עס איז דורכגעלייענט אייער אַרטיקל און וויל פון אייך אייניקע דערקלערונגען. אין אייער אַרטיקל פעלן, אַגב, די הויפּט־פּונקטן פון זשאַבאָטינסקיס רע־דע, ווי למשל, די שטעלע וועגן דעם, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט צו־זאַמען מיט דער אונטערוועלט אָרגאַניזירט דעם גאַנצן ביילים־פּלאָנטער, איך האָב ביי מיר דעם טעקסט פון זשאַבאָטינסקיס רעדע, וואָלט איך געוועזן ביז גאָר נייגעריק צו וויסן פאַרוואָס איר האָט אַזאַ וויכטיקן פּונקט דורכגעלאָזט?...

איך האָב אַ שמייכל געטון.

ער האָט אויך אַ שמייכל געטון.

עס האָט געהייסן:

מיר פאַרשטייען זיך...

— איך ווייס, אַז איר וועט מיר נישט דערציילן וועגן אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. זענט איר אַ ציוניסט? וואָס פאַר אַ ציוניסט? אַ ציוניסט־סאָציאַליסט אָדער סתם אַ ציוניסט?

פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל — דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג — און לייגט מיר פאָר אַ סיגאַרעטל.

— אין וואָס אייגנטלעך זענט איר מיך חושד? — פרעג איך דעם זאַטן, צופרידענעם און כיטרען פּאָליציי־אַגענט.

— דערווייל איז גאָרנישט קאָנקרעטס — ענטפערט ער מיר מיט אַ שעלמישן שמייכל — מיר זענען עטלעכע פּונקטן אין אייער אַרטיקל וועגן זשאַבאָטינסקין נישט קלאָר און איך וואָלט וועלן איר זאָלט זיי מיר קלאָר מאַכן.

אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט מיר אייגנטלעך שוין אויס־געזאָגט אַלץ, און דאָס טאָר די פּאָליטישע פּאָליציי נישט טון, און ער זאָגט:

— עפּעס שלעפּן זיך נאָך אייך עטלעכע חשדים און אַ פּאָר פאַקטן, און וועגן זיי וועלן מיר באַזונדער שמועסן. יאָ, איר אַרבעט דאָך אויך אין „פריינד", יאָ, אין „פריינד" האָבן מיר אַלטע באַקאַנטע... אָבער וועגן דעם וועלן מיר שמועסן נאָך מיטאָג.

ער האָט אייליק אַ קוק געטון אויפן זייגער און ווי דורך אַ כישוף איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר אַ זשאַנדאַרם אַ קאָלאָס און האָט מיר קורץ געזאָגט:

— קומט.

אַפּנים אַז דער דאָזיקער זשאַנדאַרם איז געזעסן הינטער איינעם פון די פיל שאַפעס און געוואַרט אויף אַ סימן פון זיין שעף.

און ווידער בין איך צווישן די צעקנייטשטע און נישט־אויסגעשלאָ־פענע מענטשן.

אין אַ פאָר שעה אַרום פירט מען מיך צוריק צום שעף.

ער באַגעגנט מיך ווידער מיט אַ שמייכל, בעט מיך ווידער זיצן, לייגט מיר ווידער פאָר אַ סיגאַרעטל און די מעשה הויבט זיך ווידער אָן אויף דאָס ניי:

— וואָס האָט זשאַבאָטינסקי גערעדט?

זאָג איך אים:

— פון שטאַנדפּונקט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי איז זשאַבאָטינ־סקי נישט קיין רעוואָלוציאָנער, און פון שטאַנדפּונקט פון די, וואָס קענען

אים, איז ער גאָרנישט קיין ראַדיקאַל, איז וואָס קען איך אייך זאָגן וועגן זשאַבאָטינסקין? איך קען אייך בלויז זאָגן, אַז ער איז נישט קיין סאָציאַ־ליסט, נישט נאָר איז ער נישט קיין סאָציאַליסט, ער פירט גאָר מיט זיי אַ אידעאָלאָגישן קאַמף, ער איז אַ ציוניסט, אַ גוטער ציוניסט, וואָס האָט זיך זיין פּראַקציע אין ציוניזם.

— אַזוי מיינט איר, אָבער פאַר אונדז זענען טעמפּעראַמענטפולע ציוניסטן פּונקט אזוי געפערלעך ווי סאָציאַליסטן.

דערווייל האָב איך באַמערקט אויף דעם טיש אַ פּעקל, אין וועלכן איך האָב דערקענט מיינע מאַנוסקריפּטן און ביכער.

ער האָט דאָס פּעקל אָפּגעשאָרט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— דאָס האָבן מיר ביי אייך אויסגעבאָרגט צו לייענען, איר וועט עס באַקומען צוריק. יאָ, איר זענט דאָ פּאָפּולער. אייער קליינע אומאַנגעג־נעמלעכקייט האָט געמאַכט אַ רושם אין שטאָט.

— אפשר, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום סיבה פאַר מיין אַרעסט?

— ניין, רעדט נישט וועגן אַרעסט, איר זעט דאָך, מיר שמועסן דאָך גאַנץ פריינטלעך — שמייכלט ער.

— זאָגט מיר, איר זענט לאַנג באַפריינדעט מיט זאַנדבערגן?

— מיר זענען אייגנטלעך נישט באַפריינדעט אין דעם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט, ער האָט אַ טעאַטער און איך בין אַ טעאַטער־קריטיקער, זענען מיר הייסט עס אין דער זעלביקער בראַנזשע...

— שרייבט איר גוטע רעצענזיעס וועגן זיינע אויפפירונגען?

— ווי אַמאָל, עס הענגט אָפּ פון דער אויפפירונג און פון שפּילן.

און אזוי איז געגאַנגען אונדזער שמועס געמיטלעך, ביז ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן זייגער און באַלד איז ווידער אויסגעוואקסן לעבן מיר דער קאָלאָס־זשאַנדאַרם און האָט מיר קורץ געזאָגט:

— קומט.

איך בין ווידער צווישן די צעקנייטשטע און נישט אויסגעשלאָפענע מענטשן.

עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין האַלבע שעה און דער זשאַנ־דאַרם איז ווידער אַריין און דאָס מאָל האָט ער מיר געזאָגט:

— נעמט אייער פּעקל, איר גייט אַהיים.

איך בין אַרויס אין גאַס נאָך אַ מעת־לעת טויטע שטילקייט אַרום מיר, אַלץ לעבט, אַלץ באַוועגט זיך...

איך בין ראשית כל אַריינגעפאָרן אין רעדאַקציע, דאָ האָט מען זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיין גיכער באַפרייאונג.

איך האָב אָפּגערופן אַהיים, און די שמחה איז געווען אין לשער.

אין רעדאַקציע האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז מיין אַרעסט האָט אַרויסגערופן אַ טומל אין שטאָט, און איינפלוסרייכע מענטשן האָבן געטון אַלץ, אַז איך זאָל באַפרייט ווערן.

31

דער ביילים־פּראָצעס

ווי איינע פון די לעצטע אגאניעס פון דעם דעגענערירטן רוסישן צאַריזם דאַרף באַטראַכט ווערן דער ביילים־פּראָצעס.

דאָ האָט דער צאַריזם אָפן געמאַכט שותפות מיט דער רוסישער אונטערוועלט צו באַנייען דעם גאָר אַלטן און גאָר פינצטערן עלילת־דם.

דער צאַרישער הויף, די רוסישע רעאַקציאָנערן־פּאָגראָמשטשיקעס און דער רוסישער כוליגאַניזם האָבן געשלאָסן אַ פעסטן בונד צו דער־קלערן ייִדן פאַר קאַניבאַלן, פאַר מערדער פון קליינע קריסטלעכע קינ־דער, כדי צו באַנוצן זיך מיט זייער אומשולדיק בלוט פאַר ריטועלע צוועקן.

אַ שטיק מיטלאַלטער האָט מען זיך אונטערגענומען צוריקצוברענ־גען, און מיט דעם שטעלן ייִדן ממש אויסער געזעץ און אויסער דער „קולטור־וועלט”.

ייִדן האָבן באַלד דערשפּירט מיט וואָס דאָס שמעקט, זיי האָבן דער־שפּירט, אַז אַ גרויסע געפאַר, ממש אַ לעבנס־געפאַר רוקט זיך אויף זיי.

אַ חוץ דער גרויסער לעבנס־געפאַר וויל מען דאָ באַשמוצן דעם ייִדישן גלויבן, פאַר וועלכע ייִדן האָבן זיך טויזנטער יאָרן מוסר־נפש געווען.

אַ פחד איז באַפאַלן דאָס רוסישע ייִדנטום און ייִדן איבער גאָר דער וועלט.

אָבער דער פּחד האָט ייִדן נישט צעטומלט, דער פּחד האָט זיי אָר־גאַניזירט צו געבן אַ גרויסן ווידערשטאַנד.

צום שטענדיגן גליק פון די רוסישע ייִדן האָט זיך דער רוסישער ליבעראַליזם, דער רוסישער סאָציאַליזם און די רוסישע אינטעליגענץ געשטעלט אויף דער זייט פון די רוסישע ייִדן ווי איין מענטש.

זענען ייִדן נישט געווען אַליין אין קאַמף, דאָס בעסערע רוסלאַנד איז געווען מיט זיי אויף לעבן און טויט.

אין פּוילן אָבער זענען ייִדן געבליבן אַליין, פּאָליאַקן זענען געגאַנ־גען מיט זייער היסטאָרישן שונא און אונטערדריקער — מיטן רוסישן צאַריזם.

שלעכטע, קראַנקע פּאָליטיקער, האָבן די פּאָליאַקן דערשמעקט אַ שטאַרקן שותף צו זייער שנאה צו ייִדן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן שיפּען ממש ווי שלאַנגען.

אַלע ייִדן אין פּוילן זענען געוואָרן בייליסעס.

דער בייליס־פּראָצעס איז געווען בוימל אויף דעם פייער פון דער סם־המותדיקער באָיקאָט־באַוועגונג.

דער פּאָליאַק לעבט אויף ממש, ווען זיין פייער פון שנאה צו וועמען עס איז באַקומט אַביסל בוימל פון דער זייט.

און צוליב שותפות צו זיין שנאה, פון וועלכן צד זי זאָל נישט קו־מען, וועט ער פאַרגעסן זיינע אייגענע אינטערעסן.

בפרט אַז דער באָיקאָט און דער בייליס־פּראָצעס זענען געווען אייגנטלעך פון איין טאַטן און מאַמען. דער אומזיניקער אַנטיסעמיטיזם האָט זיי ביידן געבראַכט אויף דער וועלט.

איז געווען יום טוב אויף דער פּוילישער גאַס, איז געווען טריומף אויף דער פּוילישער גאַס.

יום טוב פון שנאה, יום טוב פון שלאַנגישע שיפּעניש.

דער בייליס־פּראָצעס האָט מיך פאַרכאַפּט אין לאָדזש.

אין לאָדזש איז ער דווקא נישט געווען אַזוי שאַרף ווי אין וואַרשע, אין לאָדזש האָבן די פּאָליאַקן געשפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָלע ווי אין זייער הויפּטשטאָט וואַרשע.

אָבער ייִדן אין לאָדזש האָבן זיך נישט געטרייסט מיט דעם וואָס

לאָדזש איז בעסער פאַר וואַרשע, זיי האָבן געפילט און פאַרשטאַנען, אַז דאָ שטייט אין קאָן דער גורל פון ייִדן אין רוסלאַנד און אין פוילן, און אפשר אין גאָר דער וועלט.

איר האָט געזען ממש באַשיינפּערלעך פאַר זיך דעם עם חכם ונבון.

אין אונדזער שטילער רעדאַקציע האָט עס אָנגעהויבן צו זשומען ווי אין אַ בינשטאָק, ייִדן ערנסטע און פאַרזאָרגטע פלעגן אַריינקומען דורכצורעדן זיך און פרעגן — צי קענען זיי טון עפּעס? דאַרף מען געלט? דאַרף מען עפּעס טון?

און ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן האָב איך געהאַט אין מיין רעדאַקטאָרישן חדרל כסדר געסט, עס פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין רעדאַקציע ייִדן פון אַלע שיכטן און פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען.

מען האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז מאָרגן, ווען די צייטונג וועט זיין אין גאַס, מען איז געקומען נערוועזע, אָנגעשטרענגטע און ביז גאָר ערנסטע, אויסגעפינען וואָס עס הערט זיך.

מען פלעגט זיי מוזן איבערגעבן די נייעס מיט וועלכע 14־15 שעה פריִער.

איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט צו אַרויסלאָזן זיי אָן נייעס.

***

דער בייליס־פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אין קיעוו.

ייִדן פלעגן רייסן די ייִדישע צייטונגען ממש פון די הענט פון די צייטונגס־פאַרקויפער.

אין פּראָצעס זענען אויפגעטראָטן עפּעס צוויי רוסישע פעלקער, איינס אַ שוואַרצס, אַ פינסטערס און איינס אַ ליבעראַלס און מענטשלעכס.

ביידע פּאָליטישע צדדים אין לעבן האָבן זיך באַגעגנט אויפן פּראָצעס.

און פוילן האָט צוגעשטעלט דעם פּראָצעס אירן אַ שוואַרצן גלח פאַרנייטיס. יאָ, פוילן איז געווען „גוט" פאַרטראָטן אויפן פּראָצעס.

פוילן האָט נישט געקענט דורכלאָזן אַזאַ גוטע געלעגנהייט...

דער רוסישער ליבעראַליזם האָט געשיקט זיינע שענסטע און באַגאַבטסטע פאַרשטייער; פוילן האָט געשיקט איר שוואַרצן גלח פאַרנייטיס.

אין דער זשורי זענען געזעסן 12 פּשוטע רוסישע מענטשן, מענטשן

פון פאָלק, און זיי האָבן געדאַרפט אַרויסטראָגן אַ מאָראַלישן טויט־אורטייל אויפן ייִדישן פאָלק.

און אַ פּראָקוראָר אַ פּיוּאַטערן האָט דער צאַריזם געשיקט.

און ער איז געווען אַ דייטש.

און דער דאָזיקער דייטש האָט איינגעלייגט די וועלט. ער האָט געשטורעמט, ער האָט געעסם־המותט און געבילבולט אָט דער פאַררוסישטער דייטש.

וויפּער איז געווען זיין נאָמען.

און זאמיסלאָווסקי, אַ פּאָגראָמשטשיק, איז געווען דער אַדוואָקאַט פון דעם „געליטענעם" צד, פון דעם צד, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס קינד, דאָס שגצל.

צוויי וועלטן האָבן זיך געראַנגלט אויף דעם בייליס־פּראָצעס, איינע אַ ליגנערישע, אַ פּסולע, אַ מערדערישע און אַ דעגענערירטע און די צווייטע אַ ריינע, אַ מוטיקע און אַ יושרדיקע.

דער פּראָצעס האָט געהאַט זיינע גוטע און שלעכטע טעג פאַר ייִדן.

פלעגט איר עס זען און פילן אויף די גאַסן פון לאָדזש; אין די גוטע טעג פלעגן ייִדישע פּנימער שיינען פון פרייד, אין די שלעכטע טעג פלעגן ייִדישע פּנימער זיין חושכדיקע און יאושדיקע.

יעדער ייִד האָט געפילט, אַז ער שטייט פאַרן געריכט.

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעשטעלט; אַלע לויפנדיקע פראַגן און פּראָבלעמען זענען עפּעס אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער טאָג־אָרדענונג.

דער בייליס־פּראָצעס איז געווען די ייִדישע לעבנס־פראַגע, די וויכטיקסטע, די פאַטאַלסטע און די סאַמע גורלדיקע לעבנס־פראַגע.

אַפילו די לאָדזשער רבנים־פראַגע, וואָס צוליב איר איז די צייטונג פאַרגרעסערט געוואָרן, איז עפּעס איינגאַנצן אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג.

די רבנים־פראַגע איז פאַרשווונדן געוואָרן פון דער צייטונג, און מיט איר איז נעלם געוואָרן דער ייִד העלמאַן מיטן ריינעם סורדוט און מיט דער אויסגעבאַרשטענער געל־גרויער באָרד.

ער, וואָס האָט אונדז געבעלמעט די אויגן אין דער רעדאַקציע טאָג־איין טאָג־אויס, ער איז נעלם געוואָרן.

ד"ר א. מוקדוני

דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געשטאַנען פֿאַרן שווערסטן און מסוכנדיקן משפּט, און יעדער ייִד אָרעם צי רייך, פֿרום צי הײַנטוועלטיק, נאַציאָ־נאַליסטיש צי אַסימילאַטאָריש האָט געפֿילט, אַז אים משפּט מען אין קיעוו.

יאָ, די טעג פֿון דעם בייליס־פּראָצעס זענען געווען יום־הדין־טעג פֿאַר ייִדן איבער גאָר דער וועלט, און דערהויפּט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר ייִדן אין רוסלאַנד און אין פּוילן, זיי זענען דירעקט אָנגעקלאָגט געוואָרן, זיי זענען ממש געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

און אָט קומט דער גרויסער טאָג.

דער גורל פֿון ייִדן ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פֿון 12 פּשוטע רוסישע מענטשן.

וועלן זיי באַנעמען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

וועלן זיי דערשפּירן די פֿאַרשווערונג פֿון דעם צאַר און זיין קאַמע־ריליע קעגן ייִדן?

און אויב יאָ, צי וועלן זיי האָבן דעם מוט צו אַרויסטרעטן קעגן דעם פּאַטערל, דעם צאַר?

נאָך מיטאָג פֿון יענעם טאָג האָבן באַקאַנטע און סתם אָנגעזעענע ייִדן פֿון פֿאַרשידענע שאַטירונגען זיך באַזעצט אין רעדאַקציע.

מיין קליין רעדאַקציע־חדרל איז געווען פֿול מיט מענטשן.

אַלע בלייכע, אַלע נערוועזע, אַלע שווייגנדיקע און אבלדיקע.

און ווי עס האָט זיך אָנגערוקט דער פֿאַרנאַכט האָט זיך ממש דאָס גאַנצע ייִדישע לאָדזש אַ לאָז געטון אין הויף, וווּ די רעדאַקציע האָט זיך געפֿונען.

דאָס הויז, וווּ אונדזער רעדאַקציע האָט זיך געפֿונען, איז געווען ווי אַ „ם" מיט אַן אַריינגאַנג פֿון פּיעטריקאָווער גאַס.

דער הויף איז געווען אַ שטעטל פֿאַר זיך, דאָרט האָבן זיך געפֿונען קליינע פֿאַבריקלעך, הורטאָוונע קראָמען, וואַרשטאַטן, לאַגער־סקלאַדן פֿון תוצרות לאָדזש, ד"ה, טעקסטיל, און וווינונגען, אַן אַ שיעור וווינונגען. און אין איינער פֿון די וווינונגען אויף דעם ערשטן עטאַזש איז געווען אונדזער רעדאַקציע.

דער עולם אין הויף איז אַלץ גרעסער געוואָרן, איך בין אַרויס אויפן באַלקאָן און איך האָב געזען ממש אַ ים פון קעפּ.

דער עולם איז געשטאַנען שטיל. ווען ער האָט דערזען מיר אויפן קליינעם באַלקאָן איז ער געווען זיכער, אַז איך האָב שוין דעם אורטייל פון דער זשורי.

עס איז געוואָרן אַ גערודער, איינער האָט גענומען איינשטילן דעם אַנדערן, און מיר האָט זיך מיט שוועריקייטן איינגעגעבן צו לאָזן וויסן דעם גרויסן עולם, אַז מיר האָבן נאָך קיין נייעס נישט.

דער עולם איז באַלד שטיל און ערנסט געוואָרן און האָט נערוועז געוואַרט.

ביי מיר אין רעדאַקציע־חדרל האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ היסטערישע סצענע. איינער אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער, אַ כעמיקער לויט זיין ביל־דונג, מיטן נאָמען תאומים, האָט נישט אויסגעהאַלטן דאָס לאַנגע וואַר־טעניש און האָט זיך היסטעריש צעכליפּעט.

תאומים איז געווען אַן אלטער בונדיסט, אין דער צייט פון באַל־שעוויזם איז ער אַריבער צו די קאָמוניסטן, און ווי עס האָט פּאַסירט מיט אַ סך, איז ער אומגעבראַכט געוואָרן.

מיר האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן באַרויִקט דעם פאַרהאַרטעוועטן רעוואָלוציאָנער.

עס איז אריבער נאָך אַ שעה, מיר זענען אַלע געוואָרן אומרויִק, איז געבליבן מיר זאָלן אָפּרופן דעם טעלעגראַף־ביוראָ און פרעגן צי עס איז שוין דאָ ידיעות.

— עס איז דאָ, — ענטפערט מען, — מיר האָבן אייך אַרויסגע־שיקט די דעפּעשע.

— קענט איר אונדז זאָגן דעם אינהאַלט פון דער דעפּעשע?

— זיכער, ביילים איז באַפרייט געוואָרן...

איך האָב זיך צעשריגן היסטעריש איבער דער גאַנצער רעדאַקציע:

— ביילים איז פריי, ביילים איז פריי!

עמעצער האָט מיך אַרויסגעשטויסן אויפן באַלקאָן און איך האָב דאָרט אויסגעשריגן:

— ייִדן, ביילים איז פריי, ביילים איז פריי!

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין הויף איז שווער צו באַשרייבן. מענטשן האָבן געוויינט פון פרייד, מענטשן האָבן זיך געקושט, מענטשן זענען געוואָרן היסטעריש, מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַרן צום אַרויסגאַנג פון הויף און שרייען אין גאַס:

— ביילים איז פריי, ביילים איז פריי!

ביי מיר אין רעדאַקציע־חדרל האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס זעלביקע וואָס אין הויף, אַ בונדיסט האָט זיך געקושט מיט אַ ציוניסט, אַן אַסימי־לאַטאָר מיט אַ פאַרברענטן נאַציאָנאַליסט און אַ מיטאַרבעטער מיט אַ מיטאַרבעטער.

און דאָ איז אַריין דער שליח פון טעלעגראַף און האָט מיר איבער־געגעבן די דעפּעשע.

איין וואָרט בלויז — „ריינגעוואַשן".

אַלע האָבן געכאַפּט די טעלעגראַמע, צוגעטראָגן זי צו די אויגן און די אויגן האָבן געגאָסן טייכן טרערן פון פרייד.

און דאָ האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבן קלינגען אָן אויפהער:

— איז עס אמת?

— אמת!

— קענט איר אונדז דורכלייענען די דעפּעש?

— זיכער — ביילים ריינגעוואַשן.

און פון יענעם זייט דראָט האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי, דאָ אַ היסטערישער און דאָ אַ געזונטער פול מיט געזונטער פרייד.

***

עס איז געווען אַ גוואַלדיקע איבערלעבונג פאַר יעדן יידן באַזונ־דער און פאַרן גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו איבער גאָר דער וועלט.

ווען איך בין אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען נאָך אַ לאַנגן געשמאַקן שלאָף און געכאַפּט זיך, אַז איך דאַרף גיין אין דער רעדאַקציע, האָב איך זיך דערשראָקן:

נאָך אַזאַ גרויסע איבערלעבונג גיין צוריק אין דער רעדאַקציע און זען דעם יידן אין ציכטיקן סורדוט, וואָס מאַכט רבנים־פּאָליטיק, ניין!

דעם זעלביקן טאָג בין איך געפאָרן קיין וואַרשע און געמאָלדן

שמואל ראָזענפעלדן, אַז איך פאַרלאָז לאָדזש און קום צוריק אַרבעטן אין „פריינד“.

ש. ראָזענפעלד האָט געדריקט מיין האַנט מיט אַ גוטן שמייכל:

— איך האָב געוווסט, אַז איר וועט דאָרט נישט מאַריך ימים זיין, נישט פאַר אייער טעמפעראַמענט, אָבער איך האָב איך נישט אָפגערעדט, ווייל איך האָב געוואָלט, אַז איר אַליין זאָלט עס איינזען.

און אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך שוין געזעסן מיט מיין קליי־נער פאַמיליע צוריק אין וואַרשע און צוריק ביי מיין שרייבטיש אין רע־דאַקציע־חדר צוזאַמען מיט ראָזענפעלדן.

דער „פריינד“ האָט מיר קיין גרויסע פרייד נישט פאַרשאַפט, ער האָט זיך פאַרטשעפעט מיט דער צענזור און האָט געמוזט משנה־השם זיין, על כל צרה שלא תבוא איז געלעגן ביי יאפען אין קאַסע אַ דערלוי־בעניש צו אַרויסגעבן אַ צייטונג „דאָס נייע לעבן“.

און באַלד האָט די נייע צייטונג באַקומען נייע באַלעבאַטים, דריי מוכר־ספרימניקעס: בן־אַביגדור, לידסקי און שאַפּירא.

אַלע דריי מענטשן מיט קליינע מוכר־ספרימשע השגות.

אָבער סיי ווי איז געווען נאָענט צום סוף.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט באַלד אויסגעבראָכן, און דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען, דער לאַנג־פיסיקער פעטער פון צאַר, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, האָט פאַרבאָטן אַלע יידישע צייטונגען, דעם יידישן טעאַטער, די יידישע פאַרלאַגן אאַז״וו.

אַזוי איז איבערגעריסן געוואָרן מיין זשורנאַליסטישע קאַריערע.

אָבער נישט מיין פּערזענלעכע זאָרג איז דאָ וויכטיק.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן איז צעטרייסלט געוואָרן, פריער דורך דער מלחמה, און דערנאָך דורך דעם באָלשעוויזם, און איך, ווי איינער פון יידישן פאָלק, בין געוואָרפן געוואָרן ווי אַ שפּענדל אין אַ שטורמישן ים.

אָבער וועגן דעם אין מיינע ווייטערדיקע זכרונות.

יידיש טעאטער
אין ווארשע און אין לאדזש

(פון 1909 ביז 1915)

32

יידיש טעאַטער אין וואַרשע

אינמיטן זומער 1909 בין איך, אַ יונגער דאָקטער, איבערגעלאָדן מיט ענערגיע און פול ווי אַ לאָגל מיט גרויסע קולטור־פּלענער און מיט אַ הייסן פאַרלאַנג צו דינען דער יידישער קולטור, געקומען קיין וואַרשע.

זעקס יאָר האָב איך געלעבט אין אויסלאַנד, אָבער אויף אַ מינוט נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון דעם, וואָס עס ווערט געטון און גע־שאַפן אין דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן. איך בין אָבער נישט געווען אינגאַנצן קיין זייטיקער באַאָבאַכטער. איך האָב שוין גע־האַט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין דער יידישער ליטעראַטור און געווען, מער אָדער ווייניקער, פאַרבונדן מיטן ליטעראַרישן, פּאָליטישן און גע־זעלשאַפטלעכן לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן.

פון אַלע גרויסע און וויכטיקע „מיסיעס", וועלכע איך האָב זיך געפילט ממש ווי געבוירן דורכצופירן זיי אין לעבן, איז געווען די „טעאַ־טער־מיסיע" די נאָענטסטע און די קלאָרסטע; אין די סטודענטישע קרייזן אין רוסלאַנד האָב איך געגאָלטן פאַר אַ טעאַטראַל. אַזוי ווייט, אַז ש. אַנ־סקי האָט מיך גענומען פאַר אַ שותף צו זיינע אויפפירונגען פון יידישע פּיעסן; אין פאַריז האָב איך מיט די יידישע קינסטלער פּעפּערמאַן (אבעל פאַן, שולמאַן און א. אייזענבערג) אויפגעפירט אויף אַ גאָר „מאָדערנעם אופן" פראַגמענטן פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם. און אַ חוץ דעם בין איך סתם געווען פאַרקאָכט אין טעאַטער.

אין וואַרשע בין איך געקומען פריש מיט די איינדרוקן פון די סאַמע נייסטע דערגרייכונגען אין דער טעאַטער־קונסט; איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט די אויפטואונגען פון אַנטואַנס „טעאַטער ליבר״ אין פּאַריז, עס איז נאָך געווען פריש דער רושם פון סאַראַ בערנאַרדס שפּילן, צאַפּלדיק איז געווען דער איינדרוק פון מאַדאַם רעזשאַנס „מאַדאַם זאַן זשען״, איך בין נאָך אינגאַנצן אונטער דעם צויבער פון דעם גרויסן קאַקלען, איך בין שוין געווען אַ הייסער אַנהענגער פון מאַקס ריינהאַרדטס יוגנטלעך־רעוואָלוציאָנערע אויפפירונגען און בכלל געהערט לעקציעס וועגן דראַמע און געווען ביז „טשאַד״ אַנגעלייענט מיט טעאַטער־ליטעראַטור.

מיט דעם יידישן טעאַטער בין איך געווען גאָר ווייניק באַקאַנט, איך האָב אַזוי גוט ווי גאָרנישט געזען קיין ריכטיקן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. איך האָב אָבער מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס עס איז געשריבן געוואָרן וועגן דעם יידישן טעאַטער אין דער יידישער און אין דער רוסישער פּרעסע.

מיין פאָרשטעלונג וועגן יידישן טעאַטער איז געווען אַ מטושטשדיקע; די רעצענזיעס אין דער דעמאָלסטיקער יידישער פּרעסע האָבן נישט געגעבן קיין קלאָר בילד פון אַן אויפפירונג און קיין שילדערונגען פון די שוישפּילערישע אויפטואונגען.

באַלד ווי איך בין געקומען קיין וואַרשע האָב איך זיך מיט דער גרעסטער נייגעריקייט אַ וואָרף געטון אויפן יידישן טעאַטער, גרייט, אויפן אויסלענדישן אופן, צו שטודירן זיין דראַמע, זיינע שוישפּילערישע כוחות, זיין רעזשי אאַז״וו.

אָבער אין אַ פּאָר וואָכן האָב איך מיין גאַנצן שטודיום פון יידישן טעאַטער פאַרענדיקט, און עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיין אַנטוישונג איז געווען ממש אַ גרויזאַמע.

איך בין געקומען פריש פון אַ וועלט, אין וועלכער טעאַטער, ד״ה, דראַמע, שוישפּיל, רעזשי א״אַ שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע און עס איז דאָ אַזוי פיל צו לערנען, צו פאָרשן און צו דענקען, און דאָ איז עפּעס אַלץ אַזוי אויבנאויפיק. אין אַ פּאָר וואָכן זעט איר אַלץ דורך און דורך און עס בלייבט אייך גאָרנישט, נישט אין מוח און נישט אין האַרצן.

דריי טעאַטערס האָב איך געפונען שפּילנדיק אין וואַרשע אין יאָר 1909: דעם מוראַנאָווער טעאַטער, אָדער „ערמיטאַזש", ווו עס האָט געשפּילט קאַמפּאַנייעצעס טרופּע, דער טעאַטער „עליזעאום" אָנגעפירט פון ה. עפּעלבערג און ראַפּפּעל און טעאַטער „אַלעקסאַנדרינע", ווו עס האָט גאַסטראָלירט אברהם פישזאָן מיט זיין טרופּע.

דער טעאַטער, וועלכן איך בין געווען ביז גאָר נייגעריק צו זען, „קאַמינסקיס טרופּע" אָדער „די ליטעראַרישע טרופּע" איז אין וואַרשע גראָד נישט געווען. זי איז געווען אויף דער פּראָווינץ, און ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, דערלעבט די דאָזיקע טרופּע די לעצטע טעג אירע, די טרופּע צעפּאַלט זיך, זי גוססט שוין און באַלד קומט דער סוף, ווייל דער זייל פון דער טרופּע, אסתר־רחל קאַמינסקי, פּאָרט אַוועק קיין אַמעריקע.

פאַר מיר איז געווען אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך — נאָך אַזעלכע טריומפן זאָל אַ טעאַטער חרוב ווערן! שפּעטער האָב איך געהאַט אַ סך געלעגנהייטן צו זען, אַז דווקא אַ טומלדיקער דערפאָלג איז שטענדיק די סיבה פון דעם צעפאַל פון אַ יידישן טעאַטער.

דענסטמאָל האָב איך די דאָזיקע דערפאַרונג נאָך נישט געהאַט און איך האָב זיך גענומען דערגרונטעווען צו דער סיבה, וואָס האָט געבראַכט אַ פּריציייטיקן טויט דעם טעאַטער, אויף וועלכן מען איז געווען אַזוי שטאָלץ און אויף וועלכן מען האָט געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען. נישט שווער איז געווען צו דערגיין. עס איז געווען אַזוי אָפן, אַז יעדער האָט עס גלייך געקענט דערזען. דער דערפאָלג, דערהויפּט די ענטוזיאַסטישע אָנערקענונג פון דער רוסישער פּרעסע האָט פּשוט דעמאָראַליזירט די טרופּע, זי האָט באַקומען אַ גרויסקייט־מאַניע און איז געוואָרן פויל, זי האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אויף נייע אויפפירונגען, קנאה און שנאה האָבן אָנגעהויבן צו ווערעמען די טרופּע ביז זי איז צעפאַלן.

דער דערפאָלג פון „דער ליטעראַרישער טרופּע" האָט גאָר געהאַט אַ פּאָזיטיווע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג; די רוסישע טאָנגעבנדיקע ליבעראַלע פּרעסע אין פּעטערבורג איז געווען אָנגענעם איבערראַשט צו זען, אַז יידן האָבן אַ טעאַטער און פאַר אַן אָנפאַנג אַ גאַנץ גוטן טעאַטער; דער צעשוומענער ליבעראַליזם האָט, אַזוי צו זאָגן, באַקומען

אַ קאָנקרעטן באַווייז, אַז יידן זענען ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי אויף זיך, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם דאָזיקן באַווייז, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער איין־איינציקער, און האָט שטאַרק מגזם געווען זיין באַדייטונג און זיין ווערט.

די שבחים, מיט וועלכע מען האָט באַשאָטן „די ליטעראַרישע טרופּע״, זענען געווען באַוווסטזיניק איבערגעטריבענע, דער רוסישער ליבעראַליזם האָט זיך צו שטאַרק געפּליסט, אָבער ווי די זאַך איז — האָט די דאָזיקע איבערגעטריבענע התפּעלות געגעבן אפשר גאַנץ גוטע „פּאָליטישע״ רעזולטאַטן.

דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן טעאַטער האָט עס אָבער גאָר שטאַרק געשאַדט. קאַמינסקיס טרופּע האָט געהאַט נויטיק גראָד אַ פריינטלעכע און קאָנסטרוקטיווע קריטיק, זי האָט זיך גענויטיקט אין ערנסטע אָנווייזונגען און אין אַ שטרענגער הדרכה. די גוזמאדיקע שבחים האָבן פאַרשיכורט די פשוטע פאָלקס־מענטשן און זיי אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ.

ווער עס איז אָבער געווען דירעקט שולדיק אין דעם צעפאַל פון דער טרופּע איז שווער צו זאָגן, אַלע זענען געווען שולדיק, אָנהייבנדיק פון אסתר־רחל קאַמינסקי און ענדיקנדיק מיטן קלענסטן שוישפּילער.

דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט אסתר־רחל קאַמינסקי, האָט זי (ריכטיקער איר מאַן אברהם קאַמינסקי) געוואָלט רעאַליזירן דעם דערפאָלג אין דער טרופּע גופא: דאָס הייסט — מער געלט, מער רעקלאַמע און אַן אומבאַגרענעצטע דעה אין אַלע פראַגן פון רעפּערטואַר, פון ראָלן־פאַרטיילונג און רעזשי.

אָבער היות ווי די טרופּע איז געווען אָרגאַניזירט כלומרשט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, זענען אירע פאָדערונגען נישט געווען איינגעזען אין דעם גייסט פון קאָאָפּעראַציע. אַגב האָבן אַנדערע שוישפּילער אין דער טרופּע געהאַט נישט קיין קליינעם דערפאָלג, און זיי האָבן זיך נישט געלאָזט באַרויבן פון זייער „קאָאָפּעראַטיווער גלייכהייט״. הכלל — עס האָבן זיך אָנגעהויבן אינערלעכע רייבונגען און רייסערייען, פון רוקער און נאָרמאַלער אַרבעט האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין און די טרופּע האָט אָנגעהויבן צו פוילן.

און נאָך אַ וויכטיקע סיבה, וועלכע האָט אונטערגעגראָבן די עקזיס־

טענץ פון דער טרופּע. דעם גרויסן דערפאָלג האָט די ליטעראַרישע טרו־פּע געהאַט מיט יעקב גאָרדינס פּיעסן, מיט דוד פּינסקיס „יאַנקל דער שמיד" און „די מוטער" און מיט ליבינס „געבראָכענע הערצער", דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען, אַזוי אַרום, פון זעקס גאָרדינס פּיעסן און פון דריי דערמאָנטע פּיעסן. דער דאָזיקער רעפּערטואַר איז צוגעגרייט געוואָרן אין די פריִערדיקע יאָרן, פון 1906 ביז 1908, איז אינגאַנצן אָפּ־געשפּילט געוואָרן פריִער אין פּוילן און איצט אין רוסלאַנד, און אַביסל אַן אויסגעניכטערטע פון דעם גרויסן דערפאָלג האָט די טרופּע דערזען אַז זי האָט נישט קיין רעפּערטואַר.

און עס איז טאַקע נישט געווען אין דער גאַנצער יידישער ליטע־ראַטור קיין איין רעכטע דראַמע און קאָמעדיע צום אויפפירן.

יעקב גאָרדין איז, אמת, נישט געווען קיין אָריגינעלער סצענישער שריפטשטעלער, ער איז געווען מער אַן איבערזעצער און אַ באַאַרבעטער פון פּיעסן פון דער וועלט־דראַמע, אָבער ער איז געווען כמעט דער איינ־ציקער, וואָס איז געווען פאַרשטענדלעך דעם יידישן אַקטיאָר.

איז צו מיין קומען פון אויסלאַנד קיין וואַרשע שוין געווען כמעט נאָכן רענעסאַנס פון יידישן טעאַטער; דער רענעסאַנס האָט געדויערט וועלכע פינף־זעקס יאָר.

אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, עס האָט אַ בלאָז געטון מיט פרייהייט־ווינטן אין רוסלאַנד, דער פאַרפאָלגטער און כמעט פאַרבאָטענער יידישער טעאַטער האָט אָנגעהויבן צו אָטעמען פריי־ער, — אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַרויספּיקן פון דעם חושך פון דעם יידישן טעאַטער „די ליטעראַרישע טרופּע", דער ערשטער יידישער קינסטלערישער טעאַטער.

דער יידישער עולם האָט דערשפּירט די נייע פרייהייטס־ווינטן און האָט זיך אַ לאָז געטון אין יידישן טעאַטער, דערהויפּט צו „די ליטעראַ־רישע" אויפפירונגען. "ליטעראַטור" אין טעאַטער איז אַריין אין מאָדע עס איז נישט געווען קיין יידישע טרופּע, אַפילו פון די סאַמע פאַרוואָר־לאָזטע, וואָס האָט זיך נישט גענומען פאַר ליטעראַטור, דאָס הייסט, פאַר יעקב גאָרדינס פּיעסן.

די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צום

יידישן טעאַטער, זי האָט זיך אָנגעהויבן צו ברידערן און אַפילו זיך גרויסן מיטן יידישן טעאַטער.

י. ל. פּרץ, דער מענטש, וואָס דערשפּירט באַלד דעם דופק פון דער צייט, דער מענטש, וואָס כאַפּט אויף מיט אַ יוגנטלעכן ברען די שטי־מונג פון דער צייט, וואַרפט זיך אַריין מיט ברען אין טעאַטער־טעטיקייט, ער שרייבט איינאַקטערס, ער אָרגאַניזירט אַמאַטאָרישע טרופּעלעך, ער שרייבט טעאַטער־רעצענזיעס און איז סתם פול מיט נייע טעאַטער־אידעען.

פּרץ צינדט אָן אַנדערע ארום אים, עס ווערט באַשאַפן אַ קאָכיק קרייזל אַרום אים. טאָג־טעגלעך אַנטדעקט ער נייע, אויפקומענדיקע טעאַ־טער־טאַלאַנטן, דערהויפּט פון ווייבלעכן געשלעכט, ער ווערט אַ גאַנצער טעאַטער־מענטש, ער עקזאַמינירט יונגע טאַלאַנטן, רעזשיסירט, גיט אויטאָריטעטע אָנווייזונגען, הכלל — עס איז אַ הייסער, ליבער טומל אַרום אים.

אין דעם דאָזיקן אויפבראָז איז אויך טעטיק מאַרק ארנשטיין; אַ חוץ דעם, וואָס ער פירט אויף זיינע פּיעסן „דער ווילנער באַלעבעסל״ און אַנדערע, ווערט ער דער ערשטער רעזשיסאָר אין יידישן טעאַטער; ער איז דער רעזשיסאָר אין דער „ליטעראַרישער טרופּע״, ער איז דער ערשטער, וואָס פאַרטייטשט פאַר די אַקטיאָרן אַ פּיעסע, ער העלפט זיי „שטעלן״ אַ כאַראַקטער, אַמאָל גיט זיך אים איין צו שאַפן אַביסל צוזאַ־מענשפּיל. בכלל איז ער דער פאַרטרעטער פון ליטעראַטור אין דער טרו־פּע, און ער ברענגט דער טרופּע גרויסע נוצן, ער איז דער ערשטער דרדקי־מלמד פון דער טעאַטער־קונסט אין יידישן טעאַטער.

צום אָנהויב האָבן די אַקטיאָרן געהאַט פאַר אים גאָר גרויסן דרך־ארץ. ער איז אַ פּוילישער שרייבער, ער איז גרויס־שטאָטיש, ער איז עלעגאַנט, און די אויפגעוואַקסטע יידישע אַקטיאָרן שלינגען ממש זיינע ווערטער. שפּעטער אָבער, ווען די שווישפּילער פון דער ליטעראַרישער טרופּע זענען פאַרשיכורט געוואָרן פון דעם אומדערוואַרטן דערפאָלג, ווערן זיי אַליין אויטאָריטעטן אין דער טעאַטער־קונסט און דער גוטער מאַרק ארנשטיין ווערט איבעריק אין יידישן טעאַטער.

אין דער דאָזיקער קורצער „רענעסאַנס״־צייט פון דעם יידישן טעאַ־טער דערשיינט אַפילו אַ וועכנטלעכע טעאַטער־צייטונג מיטן נאָמען „די

טעאַטער־וועלט". דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער איז געווען ה. עפּעל־בערג, דער דירעקטאָר פון „עליזעאום טעאַטער", וועלכער איז, אַגב, אויך געווען אַן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי.

נישט קוקנדיק אָבער וואָס דאָס וואָכנבלאַט האָט געהייסן „טעאַטער־וועלט" איז דאָרט גאָר ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן טעאַטער, בלויז דאָ און דאָרט פלעגט געדרוקט ווערן אַן אַרטיקל וועגן טעאַטער, אָבער אַ נאַיווער און אַ דילעטאַנטישער.

דאָס אַלץ איז געווען ביז 1908. אין סוף פון 1908 איז שוין פון דעם טעאַטער־רענעסאַנס קיין זכר נישט געווען. אַפילו דער געשווווירענער אָפּ־טימיסט און פריינטלעכסטער טעאַטער־קריטיקער, נח פּרילוצקי, שרייבט שוין זייער פּעסימיסטיש וועגן דעם מצב פון יידישן טעאַטער, ער קלאָגט אויף דעם ביטערן קריזיס, אויף דער פולשטענדיקער פאַרווילדונג פון דעם רעפּערטואַר און אויף דער גרענעצלאָזער הפקרות אין די מעטאָדן פון די אויפפירונגען.

די ליבטיקע פרייהייטס־צייט איז אַריבער, די רעאַקציע האָט גע־זיגט אין רוסלאַנד, עס האָט זיך אַנגערוקט אַ פינצטערער יאוש און מיט אים עפּעס אַ ציניש באַציִונג צו אַלץ. די בעסערע מענטשן זענען אַרומ־געכאַפּט געוואָרן פון אַ דריקנדיקער אַפּאַטיע און אויף דער יידישער גאַס איז געוואָרן חושכדיק...

אין אַ יאושדיקער שטימונג האָב איך געפונען אונדזער ליטעראַרי־שע משפחה אין וואַרשע, און אין אַ קאַצעניאָמערישער שטימונג האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל דעם בעסערן יידישן טעאַטער.

דער אינטערעס צום טעאַטער איז אין די ליטעראַרישע קרייזן אינ־גאַנצן געווען אָפּגעשטאַרבן. י. ל. פּרץ, וואָס איז געווען דער באַראָמעטער פון דער שטימונג אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, איז אינגאַנצן אַוועק פון טעאַטער, אַן אַנטוישטער און אַ מידער איז ער געווען, ווי נאָך יעדן אויפברויז זיינעם. אים איז דער טעאַטער געוואָרן אַזוי פרעמד פּונקט ווי ער איז אים געווען אייגן און ליב מיט צוויי יאָר צוריק. אַזאַ איז געווען י. ל. פּרץ.

די יידישע פּרעסע אין דער דאָזיקער צייט איז געווען וויסט־סענ־סאַציאָנעל און הפקרדיק. עס איז געווען די טריומף־צייט פון יאצקאנס

געלן „היינט", די צווייטע צייטונג „אונזער לעבען" האָט זיך געמוזט לאָזן אויף דעמזעלביקן וועג. פרישמאַנס „הבוקר" האָט געפּאַכעט מיט דער נשמה, און די „הצפירה" האָט זיך בכלל ווייניק אָפּגעגעבן מיט טעאַטער און מיט ליטעראַטור.

מיין ערשטן וויזיט האָב איך אָפּגעשטאַט דער צייטונג „אונזער לע־בען", מיט דער דאָזיקער צייטונג בין איך געווען „פאַרבונדן". איך האָב זיך דאָרט געדרוקט פון צייט צו צייט לעבנדיק אין אויסלאַנד.

דער באַלעבאָס און דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען האכבערג, ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר און איך האָב גלייך גענומען רעדן „ביזנעס"; איך וויל מיטאַרבעטן אין זיין צייטונג, דערהויפּט וואָלט איך געוואָלט שרייבן טעאַטער־קריטיק.

— טעאַטער־קריטיק, האָט געלאַכט האכבערג, ניין, דאָס איז ביי אונדז קיין סחורה נישט. נח פּרילוצקי שיקט אַמאָל צו פון פּעטערבורג אַן אַרטיקל וועגן יעקב גאָרדין, דרוקן מיר עס.

איך האָב גענומען איינטענהן מיט אים, איך האָב גערעדט היציק, געקאָכט זיך, דערוויל קלינגט דער טעלעפאָן. איך הער ווי האכבערג באַגריסט איינעם פישזאָן זייער וואַרעם און זייער פריינטלעך:

— איר ווילט עמעצער זאָל קומען צו דער היינטיקער פאָרשטעלונג אייערער? אַוודאי, זיכער וועלן מיר שיקן עמעצן. גוט וואָס איר האָט אָפּגערופן, עס זיצט ביי מיר איצט אַ יונגער דאָקטער, אָקאָרשט געקומען פון אויסלאַנד, ער אינטערעסירט זיך מיט טעאַטער, איך וועל אים בעטן זיין אויף דער פאָרשטעלונג.

און אָוועקלייגנדיק דאָס טרייבל זאָגט ער צו מיר:

— גייט זען פּישזאָנס טרופּע, שרייבט עפּעס אָן און מיר וועלן זען.

אַזוי בין איך צום ערשטן מאָל, עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין וואַרשע, געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, אָפיציעל ווי אַ טעאַטער־קריטיקער.

איך האָב זיך שטאַרק געגרייט צו מיין ערשטן אויפטריט ווי אַ טע־אַטער־קריטיקער, איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס איך האָב געהאַט.

איך בין אָקאָרשט פון אויסלאַנד, ווו מען גייט אין טעאַטער יום

טובדיק, מענער און פרויען פוצן זיך אויס אין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

פראָפעסיאָנעלע טעאַטער־קריטיקער גייען ממש נישט אַרויס פון זייער „פול־דרעס".

אין טעאַטער שטייט אַ ריח פון אַלע מינים פּערפומען, באַקאַנטע שמייכלען איינע צו די אַנדערע מיט די פריינטלעכסטע שמייכלען.

מען איז אין טעאַטער...

עס איז פייערלעך און געשפּאַנט איז דער עולם אין טעאַטער, ווי פאַר אַ גרויסער געשעעניש.

אַ נייע פאָרשטעלונג, אַ פּרעמיערע, נייע טאַלאַנטן, דער מחבר אַ נייער, אייניקע שוישפּילער נייע, איז מען נייגעריק, איז מען געשפּאַנט...

33

אברהם פישזאָן

די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען, איז געווען אַ וויסטע מעלאָדראַמע מיט מוראדיקן יאָמער, מיט פריילעכע לידלעך און מיט משונהדיקן קאָמיזם. איך האָב דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר געווען פריקרע און אומפאַרשטענדלעך. איך האָב זיך פּשוט נישט געקענט אָריענטירן, וואָס דאָ קומט פאָר. איטלעכס וואָרט איז מיר געווען פרעמד, יעדע באַוועגונג פון די שוישפּילער איז מיר אויסגעקומען ממש ווילד, היינט די פאַרשמירטע, צעריסענע און זיך־וויגנדיקע דעקאָראַציעס, דאָס מעבל, די באַלייכטונג און די קאָסטיו־מען, — אין די ערגסטע אייראָפּעיִשע הינטערגעסל־טעאַטערס האָב איך אַזוינס נישט געזען.

עפּעס ווי פון אונטער אַ ברודיקן נעפּל האָט אָמאָל אַ שימער געטון עפּעס אַקטיאָרישעס פון דעם יונגן פישזאָן. ער איז געווען שיין, יונג, עלעגאַנט און לייכט. ער האָט געשפּילט; עפּעס אַקטיאָרישעס האָט אויפ־געבליצט; אַביסל עכטער קאָמיזם, אַביסל אַקטיאָרישע פלינקייט; אָבער ווי ווילעריש־פריי ער האָלט זיך אויף דער סצענע! ווי אַ צעבאַלעוועטער בן־יחידל קאַפּריזעט ער, מיט זיינע פאַרטנערס רעכנט ער זיך גאָרנישט און מיטן שטיק אויך נישט.

אַביסל אַ בעסערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די הויפּט־שוישפּילערין פון דער טרופּע זאַסלאַווסקאַ, מישא פישזאָנס פרוי אמת

— קליינגעוויקסיק, אָבער די שטים איז גוט, זי האָט טעמפּעראַמענט און פֿאַרמאָגט אַ גאָר נישקשהדיקע אַקטיאָרישע טעכניק.

אַרקאַ, דער דראַמאַטישער העלדן־ראַליסט, איז היציק, די באַוועגונגען כסדר פֿון אַ פּראָווינציעלן דעקלאַמאַטאָר. ער האָט אַן אנגענעמע שטים, אָבער ער רייסט זי, ער טערפּעט זי אַזוי, אַז אין די העכסט־מעלאָדראַמאַטישע מאָמענטן איז זי הייזעריקלעך. ער האָט געשפּילט עפּעס אַ האַמלעט פֿון אַן אָדעסער הינטערגעסל. האַמעטנע פֿאַלש אַקצענטירט, אָבער איך דערשפּיר אין אים פֿאָרט אַ שוישפּילער.

מאַדאַם בראַגינסקאַיאַ, דעם אַלטן פּישזאַנס פֿרוי, שפּילט אַ מוטער־ראָל גאָר גוט. אַן איבערראַשונג פֿאַר מיר צום ערשטן מאָל. שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז מוטער־ראָלן ווערן געשפּילט אין יידישן טעאַטער צום בעסטן.

געווען נאָך אַ האַלב טוץ קלענערע ראַליסטן, אַלע גראָב לעפּיש, מוראַדיק נאַכלעסיק, אייניקע גאָר אומבאַהאָלפֿן און אייניקע גאָר טעמפּ.

איך בין אַרויס פֿון טעאַטער אַ דערשלאָגענער. די פּיעסע, דאָס שפּילן און דאָס פּובליקום, דערהויפּט דאָס פּובליקום, האָט אויף מיר געמאַכט דעם שווידערלעכסטן איינדרוק. דאָס פּובליקום האָט דאָ געלאַכט מיט אויפגעריסענע מיילער און דאָ געבליפּעט מגושמדיק. און מאָדנע יידישע פּנימער, איך האָב זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט יידן מיט אַזעלכע העסלעך־אָנגעגאָסענע העלדזער. און ווייבער אין די ערשטע רייען — פֿון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? איך האָב זיי, דוכט זיך, געזען אין פּאַריז מיט דעם זעלביקן שרייענדיק־אָנצוהערנדיקן פּוץ, איך האָב זיי געזען אין בערלין ערגעץ, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב זיי אָט אַ פּאָר שעה צוריק געזען ארומדרייענדיק זיך אין די וואַרשעווער גאַסן...

און דאָס טעאַטער גופֿא, „אַלעקסאַנדריגאַ", אַ קליינס, אַן אָרעמס און אַן אומציכטיקס. צווישן די אַקטן איז אין בופֿעט אַ געפּרעסעריי, אַ טרינקעריי, מען שליידערט אַריין אין מויל גרויסע קעלישקעס מיט בראָנפֿן, מען גריזשעט געגנדזענע פֿאָלקעס, מען שלינגט געבראָטענע פּופּקעס, מען עסט שטייענדיק, אַלע האָבן פֿולע, אָנגעשטאָפּטע מיילער, גאַנצע פּופּקעס און לעבערקעס געגנדזענע אַריינגעשטופּט אין מויל, — ווערן די

פנימער שרעקלעך מגושמדיק, די אויגן אָנגעגאָסן און די העלדזוער אָנ־געשוואָלן.

איך בין אַרויס פון טעאַטער אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, אַז איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט נעמען פאַרן שרייבן די רעצענזיע, וועלכע איך האָב צוגעזאָגט ברענגען מאָרגן פרי. איך האָב געוואָלט ביינאַכט אַוועקפאָרן פון וואַרשע.

איך האָב אינדערפרי פאָרט אָנגעשריבן מיין ערשטע רעצענזיע; אין איר איז נישט געווען קיין טויזנטל פון דעם, וואָס איך האָב געפילט און איבערגעלעבט, אָבער עפּעס פון מיין שווערן געמיט האָט זיך פאָרט אָפּ־געשפּיגלט.

איך האָב אָפּגעגעבן מיין ערשטע רעצענזיע אין רעדאַקציע און אַרויס מיט דער פעסטער באַשטימונג צו זוכן אַ באַשעפטיקונג אויף אַנ־דערע נישט־ליטעראַרישע געביטן.

איך קום אַריין אויף מאָרגן אין רעדאַקציע; באַגעגנט מיך האָכבערג אַביסל פאַרלעגן:

— איר זענט געקומען פונקט ווען מען דאַרף אייך, אַברהם פישזאָן איז דאָ מיט טענות צו אייער קריטיק, ער האָט שוין מיר פאַרקלאָגט ־עם קאָפּ, גייט טענהט איר זיך אויס מיט אים.

און באַלד וואַקסט אויס פאַר מיר דער אַלטער פישזאָן אַליין, ער באַטראַכט מיך שטרענג און זאָגט:

— דאָס זענט איר דער נייער, בייזער קריטיקער אויף אונדזער קאָפּ?

איך זע פאַר זיך אַ טיפּיש אַקטיאָריש פּנים; איך האָב ליב די עכ־טע אַקטיאָרישע פּנימער און מיר ווערט אַביסל לייכטער.

פישזאָן האָט אויסגעזען מער ווי אַ דירעקטאָר פון אַ צירק, עפּעס ווי איינער פון יענע גוטע צירק־דירעקטאָרן, וועלכע זענען גוטע פּע־טערס פון די קלאָונס, פון די יונגע רייטערינס און פון די אומגליקלעכע אַקראָבאַטן. עס האָבן געבליצט אויף אים בריליאַנטן אויף די פינגער, אין האַלסטוך, עס האָבן געקלימפּערט גאָלדענע קייטלעך, בערלאָקן, סוווענירן־טאַפּעלעך, שפּאַנקעס, שפּילקעס און סיגאַרעטן־פּושקעלעך. ביי יעדער באַוועגונג זיינער האָט זיך געהערט אַ שטילע קלינגעריי פון די טוצן גאָלדענע טאַוועלעך, בערלאָקן און אַנדערע צאַצקעס.

דאָס אַקטיאָרישע געזיכט זיינס איז שוין געווען אַלט און אָפּגעטראָגן — דאָס טיפּישע פּנים פון אַלטע אַקטיאָרן, אָבער דאָס אַקטיאָרישע פּנים, וועס ווערט עלטער, ווערט עס אַלץ באַוועגלעכער און זיין מימיק אַלץ שאַרפער. די אויגן אויסגעלאָשענע, פייכטע, אָבער נאָך גענוג באַוועגלעכע. געווען שוין טיפע קנייטשן אַרום מויל און אַרום די אויגן, אָבער אויף זיין אַקטיאָרישן פּנים האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ גוטער גרים. ער איז געווען הויך־געוואַקסן און האָט זיך געהאַלטן אַקטיאָריש, ד״ה, נישט געבויגן זיך פאַר דער אַלטקייט.

גערעדט האָט ער האַלב רוסיש און האַלב יידיש, די כּעסדיקע ווערטער כּסדר אויף רוסיש, די שלום־ווערטער כּסדר אויף יידיש. זיין רוסיש איז געווען דער אַקטיאָריש־ווולגאַרער, דערצו מיט פעלערן, אָבער קערנדיק; זיין יידיש איז געווען זאַפטיק, געשמאַק און גאָר נישט דער ערך נאַטירלעכער פון זיין רוסיש.

אקטיאָרן קענען זיין בייז בלויז אַ מאָמענט; האָט ער נאָך די ערשטע צאָרנדיקע ווערטער אָנגעהויבן ריידן ווייכער, ער איז צופרידן צו באַקענען זיך מיט אַ רעצענזענט, וואָס האָט שאַרפע ציין, מען זעט, אַז דאָס שרייבט נישט קיין „כניאָק״, עס זעט אויס, אַז איך האָב געשריבן וועגן טעאַטער ביי גוייִם, דאַרף איך וויסן, אַז ביי יידן טאָר מען אַזוי נישט שרייבן, דאָס יידישע טעאַטער איז געבוירן געוואָרן אַ ממזרל, מען האָט אים אונטערגעוואָרפן דעם יידישן פאָלק און ער, אַבֿרהם פישזאָן, האָט אים אונטערגעקליבן, וואָרום ווי איך זע אים אָן — איז ער דער טאַטע פון דעם יידישן טעאַטער, ביי אים האָט ער געפּאָקט, געמאָזלט און פיל מאָל געהאַלטן ביים אָפּגעבן זיין נשמה דעם גרויסן, אַלמעכטיקן גאָט. „איר האָט ביי מיר געזען אַ מעלאָדראַמע, אָבער איר קענט ביי מיר זען די גרעסטע קלאַסישע פּיעסן. פישזאָנס טעאַטער איז אַ קלאַסישער, וואָרום, ווי איר זעט מיך, האָבן זיך די אַלע קאַליקעס פון אַלע יידישע טעאַטערס געלערנט ביי מיר. בשעת יידיש טעאַטער איז געווען פאַרבאָטן, און אַלע זענען זיך צעלאָפן ווי מייז אין העקס און געשפּילט „כינקע־פּינקע״ אויף דייטש אין שטעטלעכלעך, האָב איך געשפּילט אין גרויסע שטעט, אין גרויסע טעאַטערס, וואָרום ווייזט מיר אין רוסלאַנד אַ גור־

בערנאַטאָר אָדער אַ פּאָליציימייסטער, וועלכער זאָל אָפּזאָגן פּישזאָנען, ווען ער בעט אַ דערלויבעניש״.

און דאָ פאַרגעסט פּישזאָן זיינע טענות צו מיר און הייבט אָן צו דערציילן מעשיות, ווי אַזוי ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש ביי דעם און ביי יענעם גובערנאַטאָר, ביי דעם און ביי יענעם פּאָליציימייסטער. ער דערציילט עס געשמאַק, מיט גוטן אַקטיאָרישן הומאָר, ער שפּילט, מאַכט נאָך די שטים פון יעדן גובערנאַטאָר און זיין אייגענע נעבעכדיקע שטים און זיין געמאַכטע אונטערטעניקייט. גוטער אַקטיאָרישער אָפּטימיזם און מונטערקייט שפּריצט פון זיינע דערציילונגען.

צום סוף פאַרגעסט ער אַלע טענות צו מיר, ווערט מיט מיר גאָר באַפריינדעט און באַשווערט שוין מיך ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, אַז איך מוז קומען זען ביי אים „כאַסיע די יתומה״. איך וועל זען אַ כאַסיע ווי זיין זאַסלאַווסקאַ גיט אַ שפּיל־אָפּ און אַ וואָלאַדימיר ווי זיין מישאַ גיט אַ שפּיל־דער־אָפּ, און אויב איך וועל זאָגן, אַז זי איז נישט די גרעסטע כאַסיע און ער דער גרעסטער וואָלאַדימיר, איז ער, פּישזאָן, נישט פּישזאָן, און ער וועט מיר נאָך געבן די געלעגנהייט צו זען אים אַליין אין דער באַבע יאַכנע, ער שפּילט שוין נישט, נישטאָ קיין צייט, מען דאַרף אַרויסרייסן דערלויבענישן ביי דער פּאָליציי, אָבער ער האָט זיין בענעפיס, און עס איז שוין אַ מנהג ביי אים אַרויסצוטרעטן אין דער באָבע יאַכנע.

ער האָט זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט, איז אַוועק און האָט געלאָזט נאָך זיך עפּעס אַ שטיק גוטע, כאָטש זייער נאַיווע טעאַטער־אַטמאָספערע.

דעם ערשטן שמועס, די ערשטע באַגעגעניש מיט אַ יידישן טעאַטער־דירעקטאָר און אַקטיאָר האָב איך פאַרצייכנט און אָפּגעהיט ביי זיך ביזן היינטיקן טאָג.

די „קלאַסישע כאַסיע״ בין איך שוין נישט געגאַנגען זען ווי אַן אָפיציעלער טעאַטער־קריטיקער; איך האָב געהאַט אַ שמועס באַלד נאָך פּישזאָנס אַוועקגיין מיט האַכבערגן און מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז מיט דער רעצענזיע מיינער, מיט דער ערשטער רעצענזיע, האָט זיך געענדיקט מיין קאַריערע אַלס טעאַטער־קריטיקער אין „אונזער לעבען״.

די אויפפירונג פון גאָרדינס „כאַסיע די יתומה״ האָט מיך אַביסל

באַרױקט, איך בין, אמת, אַרױס פֿון טעאַטער מיט אַ שװערן און פּײַנ־לעכן אײַנדרוק, װעלכער קערט זיך צו מיר צוריק אַפֿילו אין די לעצטע צײַטן און נעמלעך: יידיש טעאַטער איז עפּעס אַן אַנגעשטרענגטע נאָכמאַ־כונג; דער דראַמאַטורג מאַכט נאָך פֿרעמדע דראַמאַטורגן, דער שױשפּי־לער מאַכט נאָך פֿרעמדע שױשפּילער און אַפֿילו דאָס פּובליקום, װאָס זיצט אין טעאַטער, װיל נאָכמאַכן אַ פֿרעמד טעאַטער־פּובליקום; הכלל — אַן אַנגעשטרענגטע און אומבאַהאָלפֿענע נאָכמאַכונג פֿון עפּעס אַזױנס, װאָס איז אונדז בעצם פֿרעמד און װײַט; טעאַטער איז עפּעס נאָך נישט אונדזער אײגנס, נישט עס איז דאָ די אינערלעכע באַדערפֿעניש פֿאַר דעם און נישט עס איז דאָ דער עכטער גענוס פֿון דעם; עס איז דאָ בלױז אַביסל נײַגעריקײט, מען טשיקאַװעט זיך װי מיט אַן ענין, װאָס איז נײַ, מאָדנע און זײער טשיקאַװע.

אָבער די אױפֿפֿירונג פֿון „כאַסיע די יתומה” איז געװען, אין פֿאַר־גלײַך מיט דער ערשטער אױפֿפֿירונג, װעלכע איך האָב געזען, ממש קלאַ־סיש; עס איז שױן געװען אַ שטיקל ליניע אין דער אױפֿפֿירונג. אַ פֿײַ־נערע באַנעמונג פֿון די ראָלן, אַ סך אַ בעסערע אַקטיאָרישע טעכניק און אַביסל זין פֿאַר אױסשטאַטונג און קלײדונג. מיר איז דערהױפּט געפֿעלן געװאָרן מאַדאַם זאַסלאַװסקאַ אין דער ראָלע פֿון כאַסיע; געװען אין איר שפּילן אַביסל פֿײַער, אַביסל האַרץ און דער עיקרשט קערנדיקע שיל־דערונג פֿון אַ כאַראַקטער. בלױז די לעצטע סצענע, די גסיסה־סצענע איז געװען האַמעטנע. איך האָב זיך נישט װילנדיק דערמאָנט די גסיסה־סצענע פֿון סאַראַ בערנאַרד אין „דער קאַמעליען־דאַמע” און אין „דער הײליקער טערעזע” פֿון קאַטול מענדעס און דער פֿאַרגלײַך איז געװען װי צװישן גראָבן לײװנט און פֿײַנעם, פֿײַנעם זײַדנס.

אין די אַנטראַקטן האָט מיך אױפֿגעזוכט דער אַלטער פֿישזאָן און מיטן שאַרפֿן שפּיר־נאָז פֿון אַן אַקטיאָר, װאָס דערשפּירט די שטימונג פֿון אַ קריטיקער פֿאַר צען מײל, האָט ער דערשפּירט, אַז די אױפֿפֿירונג האָט אױף מיר געמאַכט אַ בעסערן אײַנדרוק; דער אַלטער אַקטיאָר האָט גע־שײַנט ממש פֿון גדולה, עס איז געװען די פֿרײד פֿון אַ דירעקטאָר און דאָס גליק פֿון אַ פֿאָטער, װאָס האָט נחת פֿון זײַן גראָטענער פֿאַמיליע,

וואָרום די אַלע הויפּטשפּילער פון אַ. פישזאָנס טרופּע זענען געווען די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע. די טרופּע איז געווען פישזאָנס משפחה.

די שטימונג האָט זיך ביי מיר געענדערט; עס איז דאָך עפּעס אַזוינס, פון וואָס עס קען אויסוואַקסן אַ טעאַטער. אמת דאָס שטיק איז אַ גע־שטשאָבעטע. איר זעט די גראָבע שטעך, איר זעט די נעט, אָבער די שוישפּילער האָבן דאָך געמאָלט כאַראַקטערן. עס איז דאָך פּאָרט געווען צוזאַמענשפּיל; איך האָב געזען בילדער, דראַמאַטישן אויפבּרויז און עט־וואָס, וואָס סטאַניסלאַווסקי רופט „גוטראַ״, נישט אינגאַנצן אין סטאַניס־לאַווסקיס זינען, אָבער דאָך האָט דאָ און דאָרטן זיך געלאָזט פילן אַ שטילע נאָטע, וואָס ווירקט אַן ווערטער.

י. גאָרדינען האָט די טרופּע געשפּילט גוט.

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען דאָס מערקווירדיקסטע, וואָס איר זעט נישט אין קיין אַנדערן טעאַטער, און נעמלעך — גאָרדין איז גע־וואָרן נוסח; אַלע טרופּעס, סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע שפּילן גאָרדינען מיט איין נוסח.

אומעטום די זעלבע קליידונג, גרים, באַוועגונגען און אַפילו אינטאָ־נאַציע, עפּעס ווי איינער וואָלט געגעבן אַ מוסטער, ווי אַזוי צו שפּילן גאָרדינען און אַלע האָבן עס בלינד און קנעכטיש נאָכגעמאַכט. קיינער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו מאַכן די מינדסטע ענדערונג, אויפ־פאַסן די ראָלע אַביסל אַנדערש, צו אָנטאָן אַפילו אַן אַנדער קאַפּאָטע און צו מאַכן אַן אַנדער באַוועגונג.

דער דאָזיקער פאַרשטיינערטער נוסח, האָב איך שפּעטער איינגעזען, איז געווען דאָס גרעסטע אומגליק פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם טעאַטער; ער איז פאַרגליווערט געוואָרן אין דעם גאָרדין־נוסח און האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון אים. יאָרנלאַנג זענען ראָלן פון עלטערע ייִדן געשפּילט געוואָרן אין דעם נוסח פון נחומצי חנה־דבורהס אין „מירעלע אפרת״; יאָרנלאַנג האָט כאַסיע זיך אָפּגעשלוקערצט אין אַלע ייִדישע פאָלקס־מיידלעך, וועלכע זענען געשפּילט געוואָרן אין ייִדישן טעאַטער; יאָרנלאַנג איז יעדער שיינער ייִד געווען אַ קאָפּיע פון שלמון, יעדע גע־טרייע דינסט אַ קאָפּיע פון מכלהן און יעדע שלעכטע שנור אַ קאָפּיע פון שיינדעלען.

אָבער, ווי געזאָגט, האָט אויף מיר די אויפפירונג פון „כאַסיע די יתומה" געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

איך האָב זיך באַקענט מיט די מיטגלידער פון פישזאָנס טרופּע; אַלע טיפּישע אַקטיאָרן, זאָרגלאָזע וואַנדערער, ווי דער פּאַטריאַרך אַברהם פישזאָן אַליין.

גערעדט האָבן אַלע מיט מיר רוסיש און מיט דער טיפּיש־אַקטיאָרישער פריינטלעכקייט, ווען זיי רעדן מיט אַ קריטיקער.

דער אַלטער פישזאָן אַליין האָט שוין דעמאָלט נישט געשפּילט; אין יענע שווערע צייטן האָט יעדער טעאַטער געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער פלינקן און בריהשן מענטשן צו „נעמען שטעט", ד"ה באַקומען דער־לויבענישן פון יעדער אָרטיקער מאַכט צו שפּילן יידיש טעאַטער און צו באַזאָרגן די טרופּע מיט צענזורירטע עקזעמפּלאַרן. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט: מען האָט באַדאַרפט קענען צוקומען צו די העכסטע טשינאָווניקעס, ריידן מיט זיי און פאַררייידן זיי די ציין. מען האָט באַ־דאַרפט קענען פון אַ גאַנצער פּיעסע מאַכן צען בלעטלעך דייטשן דיאַ־לאָג (דער פאַרבאָט צו שפּילן טעאַטער אין יידיש איז נאָך נישט אָפּ־געשאַפט געוואָרן) און לאָזן עס צענזורירן. הכלל, מען האָט געדאַרפט קענען זיך אַריינגנבענען דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, קענען אַלע הינטער־טירן, וויסן אַלע שוואַכקייטן פון אַלע גוברנאַטאָרן, פּאָליציימייסטערס און זייערע משרתים; מען האָט באַדאַרפט מיט קלענערע טרינקען, שפּילן אין קאָרטן און פאַרלירן ביי זיי געלט, מיט גרעסערע האָט מען באַדאַרפט קענען ריידן, מולירן די ציין און אַמאָל צושטעלן זיי געמיינע פאַרגע־ניגנס. און אין דעם האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף דער עלטער דער אַל־טער פישזאָן אַליין. ער איז געווען דער פלינקסטער צו „נעמען שטעט". אַ שטאָט, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע פעסטונג קעגן אַלע יידישע טרופּעס און קיינער האָט זי נישט געקענט נעמען, האָט זי אַ. פישזאָן „געשטורעמט" און שטענדיק זי באַצוווּנגען.

נאָר אַמאָל פלעגט אין אים אויפלעבן דער אַקטיאָר און ער פלעגט אַרויסטרעטן אין דער ראָלע פון באָבע יאַכנע, איז עס פאַר אים געווען אַ יום טוב און אויך פאַר אַלע זיינע אַלטע פריינט און פאַרערער.

34

דאָס „מוראַנאָווער שטעלכל" און „עליזעאום"

איך בין געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין ספּעקטאָרס נייע צייטונג „די נייע וועלט".

געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון ספּעקטאָרס צייטונג, האָב איך באַזוכט דעם מוראַנאָווער טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון קאָמפּאַנייעץ.

שטעלט מיך ספּעקטאָר פאָר פאַר אײנעם, ווי זיין שטייגער: „אונד־זער נייער מיטאַרבעטער דאָקטאָר קאַפּעל. ער קלייבט זיך אייך זען; ער איז גאָר אַ מאדים אין טעאַטער". דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון טעאַטער, קאָמפּאַנייעץ.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענטש פון מיטעלן וווקס, פיין באַ־בייכלט, מיט אַ שווערער גאָלדענער קייט איבערן בייכל און מיט אַ גוטן, פּשוטן שמייכל.

— אויב אַזוי — זאָגט דער דירעקטאָר — לאָמיר נעמען אַ שנאַפּס.

און מיר שטייען שוין ביים בופעט, און מיין דירעקטאָר ליידיקט אויס איין גלעזל נאָכן צווייטן און באַשטייט, אַז מיר זאָלן טון דאָס נעמ־לעכע. איך פּרוביר צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן טעאַטער. איך שטעל אים אַ פראַגע, באַקום אָבער אַזאַ ענטפער: „נעמט נאָך אַ שנאַפּס". איך פּרוביר ווייטער אַריינציען דעם דירעקטאָר אין אַ שמועס, אָבער

ער לויבט זייער די געבראָטענע לעבערלעך; איך קען נישט צוקומען צו אים מיט אַ שמועס וועגן טעאַטער.

דער מוראַנאָווער טעאַטער האָט געשמט מיט אַן אָפּגעלאָזנקייט אין אַלע פּרטים. עס האָט געהייסן אין די ליטעראַרישע קרייזן „דאָס מוראַ־נאָווער שטעלכל“.

דאָס איז געווען אַן עלנטע הילצערנע געביידע, עפּעס אַ ריכטיק שטעלכל, פאַרטאַטשיש צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער, קיין הובל, קיין פאַרב און קיין אַנדערע עלעמענטאַרע באַפּוצונג־מיטלען האָבן זי נישט אָנגערירט.

אַזאַ חושכדיקן און אַזאַ פּרימיטיוון בנין האָט מען געקענט זען בלויז אין די סאַמע פאַרוואָרפענע קליינע שטעטלעך. דער דלות, די אָפּגעלאָזנ־קייט און די שרייענדיקע געשמאַקלאָזיקייט האָבן געוואַלדעוועט פון אַלע ווינקעלעך.

ווען איר זענט אַרייַן אין טעאַטער, זענט איר אַרייַנגעפאַלן אין אַ פאָדערשטעלכל, אַ לאַנגן און אַן אומגעלומפּערטן, ווו עס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער „פאָיע“ מיטן בופעט. אַ פּאָר גוטה־למותדיקע לעמפּלעך האָבן באַלויכטן דעם דאָזיקן „פאָיע“.

פון „פאָיע“ זענט איר אַרייַנגעפאַלן גלייך אין טעאַטער גופא. דאָס טעאַטער האָט געהאַט די אַרכיטעקטור פון אַ הונט־ביידל; קיין סטעלע, קיין מיט עפּעס פאַרדעקטע ווענט. דער דאַך איז געווען די סטעלע און די ווענט — נאַקעט, מיט זייער גאַנצן אינגעווייד, מיט די לייסטן, דרענג־גער, צו וועלכע די ברעטער זענען צוגעשלאָגן. דאָ האָט איר געזען דעם סקעלעט פון דער געביידע מיט זיינע נאַקעטע ריפּן, מיט זיין נאַקעטן שאַרבן און מיט אַלע אַרומגעגריזשעטע ביינער.

די זיץ־פּלעצער — הויקערדיקע, פאַרשטויבטע און אָפּגעטרעפּעטע שטולן. איין טייל פון דער געביידע איז געווען אָפּגעצאַמט מיט נישט־געהובלטע דרענגער און דאָרט זענען געווען די שטיי־פּלעצער, ביליקע פּלעצער, דוכט זיך — צו צען קאָפּיקעס אַ פּלאַץ.

אַ קויטיקער פאָרהאַנג, וואָס איז אַמאָל געשמאַקלאָז געווען גע־פאַרבט, האָט אייך געגעבן אָנצוהערעניש, אַז דאָס איז אַ בינע.

ביי דער זייט פונעם אָרעמסטן טייל פון דעם יידישן געטאָ איז גע־

שטאַנען אַט דער דאָזיקער טעמפּל. הינטערן טעאַטער זענען שוין קיין געביידעס נישט געווען. עלנט איז געווען די אומגעבונג פון דעם דאָזיקן טעאַטער.

קאַמפּאַנייעץ איז געווען דער סאַמע אַפּגעלאָזנסטער טעאַטער־דירעקטאָר. אַליין אַן אַקטיאָר פון גאָר אַ קליינעם ראַנג, האָט ער נישט געשפּילט. ער פלעגט שפּילן נאָר איין מאָל אין סעזאָן צו זיינס אַן ערן־אָוונט, עפּעס איין ראָלע, וואָס ער האָט אַמאָל אויסגעלערנט. נאָך נישט קיין אַלטער מענטש אין יענער צייט, האָט ער שוין קיין שום אַקטיאָרישע אַמביציעס נישט געהאַט. ער איז בכלל געווען פרעמד און ווייט פון דעם ענין טעאַטער.

אויב מיט זיין שטיק איבעריקע צונג האָט ער נישט געקענט שפּילן, איז ער דערפאַר געווען אַ בריה דורכצוקומען מיט „גאַטשאַלסטווע״, צו קריגן דערלויבענישן, צו פאַבריצירן „צענזורקעס״ און איבערהויפּט אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס פון דער פאָליציי אויף זיין פּייער־פּאַסטקע.

ווען איר פלעגט אריינקומען אין טעאַטער, פלעגט איר כסדר זען קאַמפּאַנייעצן שטיין ביים בופעט מיט אַ פּריסטאַוו אָדער מיט אַן אַנדער היטער פון דער אָרדענונג. דאָרט, ביי אַ פלעשל שנאַפּס, פלעגן אַלע טענות און תביעות אַראָפּגעשווענקט ווערן. קאַמפּאַנייעץ איז געווען אַזוי געוווינט צו מאַכן אַלץ גוט מיט אַ שנאַפּס, אַז ער האָט פּרובירט אָפּט אויך די קריטיק אויף דעם אופן „גוט צו מאַכן״.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון קאַמפּאַנייעצעס ווייב, אַ טעכטערל און נאָך עטלעכע עלנטע אַקטיאָרן. מאַדאַם קאַמפּאַנייעץ, נאָך גאַנץ יונג דעמאָלט, איז געווען אַ פּרוי פון פאַבלהאַפטע דימענזיעס, ממש אַ קאָלאָס. אָבער דאָס האָט איר נישט געשטערט צו שפּילן די זיבעצן־יעריקע יתומהלעך פון דעם מוראַנאָווער רעפּערטואַר.

בכלל האָט דער טעאַטער נישט געוווּסט פון שוועריקייטן. דראַמע איז דראַמע, און אויב אָפּערעטע — איז אָפּערעטע. די פראַגע פון שטים, פון מוזיקאַלישקייט, פון אַקטיאָרישקייט, פון דעקאָראַציעס און פון אַנדערע אַזעלכע עלעמענטאַרע פראַגן, האָט דאָרטן נישט עקזיסטירט.

דאָרט, אין דעם דאָזיקן טעאַטער, פלעגט פירן די גאַנצע פאָרשטעלונג דער אומגליקלעכער סופלאָר פון זיין ביידל. זיין שטים האָט איר

געהערט דייטלעך און קלאָרער פאַר די שטימען פון די אַקטיאָרן. און אַמאָל, אַז אַן אַקטיאָר האָט פאַרגעסן זיך צעווייַנען אָדער צעלאַכן, פלעגט עס פון סופלאָר־ביידל געטון ווערן פאַר אים.

דער עולם, דער טיפּיש מוראַנאָווער עולם, איז געווען דער פּרי־מיטיווסטער אויף דער וועלט. מיידן און בחורים פון די סאַמע פינצטערע וואַרשעווער קעלער־וווינונגען זענען געווען די באַזוכער פון דעם דאָזיקן טעאַטער. ביי דער פאָרשטעלונג פלעגט זיך דער עולם האַלטן זייער היי־מיש. מען פלעגט קנאַקן סעמעטשקעס, שמועסן און גאָר נישט עלעגאַנט „מאַכן דעם הויף" די דאַמען. די דאַמען פון זייער זייט, פלעגן קאָקעטיש קוויטשען און אַמאָל אַרויס מיט אַזאַ שפּראַך, אַז דאָס בלוט פלעגט אייך אַ קלאַפּ טון אין געזיכט.

די בייזסטע קריטיק פלעגט צו דעם דאָזיקן טעאַטער נישט צושטיין. ער האָט נישט געלייענט, אַפילו די שוישפּילער און דער דירעקטאָר גופא האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל האָבן פון זיי און וואָס מען מאָנט ביי זיי.

עס איז געווען אַ שטעלכל, וואָס האָט געגעבן פּרנסה עטלעכע אַק־טיאָרישע פאַמיליעס. סיי דער דירעקטאָר און סיי די שוישפּילער זענען נישט געווען להוט נאָך שפּילן טעאַטער. אין סאַמע מיטן סעזאָן האָט יעדע אַנדערע טרופּע געקענט באַקומען דעם טעאַטער אויף אַ חודש צייט און אויף מער. די מוראַנאָווער טרופּע האָט גערן אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ פאַר אַן אַנדערן, ווער עס האָט נאָר געגעבן עטלעכע גראָשן פאַר באַנוצן זיך מיטן טעאַטער.

דער מוראַנאָווער טעאַטער איז געווען די נעסט, דער אַזיל פון די לומפּן־פּראָלעטאַריער פון דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע, און דאָ האָבן שוישפּילער־אַמביציעס נישט געגריזשעט איינע די אַנדערע. דאָ האָט מען זיך נישט געקריגט פאַר ראָלן, דאָ האָט מען נישט געחלומט וועגן דערפאָלגן, וועגן טריומפן. דאָ זענען געווען די סאַמע אַרונטערגעקומענע פון דער פּראָפעסיע. די איינציקע וואָס האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל אַמבי־ציע, איז געווען מאַדאַם קאָמפּאַנייעץ. זי איז באַשטאַנען דערהויפּט אין שפּילן יתומהלעך, אָבער דאָס איז אויך נישט געווען אַזוי שאַרף. זי איז געווען אַ מוטער פון אַ האַלב־טוץ קינדער, אַ גוטע מוטער, אַ גוטע באַ־

לעבאָסטע און דאָרט, אין אירע היימישע פיר ווינקעלעך האָט זי זיך גע־שפּירט אפשר בעסער, ווי אויף דער סצענע.

**
*

מיט וואָס פאַר אַ שטימונג בין איך אַרויס פון טעאַטער, איז לייכט זיך פאָרצושטעלן.

געוווּנדערט האָט מיר בלויז די גלייכגילטיקייט פון מיין באַגלייטער, פון מיין רעדאַקטאָר, מ. ספּעקטאָר. ער איז אָפּגעזעסן די גאַנצע פאָרשטעלונג גאַנץ געמיטלעך. אמת, אין די אַנטראַקטן, ביים שפּעדיקן בופעט, האָט ער זיך געפילט פיל געמיטלעכער, אָבער אין טעאַטער האָט ער זיך אויך נישט געפילט שלעכט.

איך בין געזעסן אין טעאַטער און עס האָט מיר כסדר געהויבן פון אָרט. איך האָב מיר גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז „מיין פאָלק", מיי־נע ייִדן, זאָלן זיך ווילן אין אַזאַ מיסט. איך בין יאָרן לאַנג געווען אָפּ־געריסן פון די ייִדישע מאַסן, און דאָרט, אין דער פרעמד, אויס בענקע־ניש נאָך אַ ייִדיש לעבן, נאָך אַ ייִדישער אַטמאָספערע, זענען די ייִדן אין מיין פאַנטאַזיע געווען די שענסטע מענטשן אין דער וועלט.

און איצט האָב איך „מיינע ייִדן", פאַר וועלכע איך האָב זיך אין בלוט געקריגט מיט אַסימילאַטאָרישע סטודענטן און מיט אַלע נישט־פאָלקסטימלעכע מענטשן, דערזען ביי אַ שווידערלעכער קאָרעטע.

טעאַטער איז דאַן געווען מיין „אידעע פיקס", איך האָב געמוזט עפּעס טון, היינט ווי הויבט מען דאָ אָן? אַ כינעזישע וואַנט, אַ פעסטונג פון ווילדקייט און עם־הארצות דאַרף איך דורכברעכן. אַ פינצטער יאוש כאַפּט מיך אַרום.

**
*

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געגאַנגען זיך באַקענען מיטן דריטן ייִדישן טעאַטער — מיטן טעאַטער „עליזעאום".

ווייטער איז מיין באַגלייטער דער גוטער מ. ספּעקטאָר.

דער טעאַטער „עליזעאום" איז אין אַ האַלבן קעלער. ווידער פאַלט איר אַריין אין אַ בופעט און אַ ריח פון אַלע ייִדישע מאכלים גיט אייך

אַ האָק אין נאָז. דער טעאַטער, אַ קליינער, אָבער האָט שוין דעם אויסזען פון אַ טעאַטער. אַ פּוילישער, האַלב־מאָדערניסטישער טעאַטער איז ער געווען, זענען געבליבן די ווענט פון אַמאָל מיט אַביסל געשמאַק באַ־מאָלט. ווו־נישט־ווו וואַרפט זיך דורך אַ שטיקל באַרעליעף. דער פּאָר־האַנג איז פון אַ טעאַטער און אַביסל ציכטיק ווערט דער טעאַטער גע־האַלטן.

מ. ספּעקטאָר שטעלט מיר פאָר פאַר איינעם פון די צוויי דירעק־טאָרן, ה. עפּלבערג. פאַר מיר שטייט אַ הויכער ייִד, מיט אַ באַלעבאַטיש בייכל, מיט אַ געשוירן געלב־גרוי בערדל, מיט קאַלטע אויגן און מיט אַ קאַלטן שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ רויט פּנים. די רויטקייט איז אַ געדיכטע, אַ גלאַנציקע און זעט אויס ווי אַ פלעק.

ה. עפּלבערג איז נישט קיין אַקטיאָר. ער איז אַ באַלעבאַטישער מענטש. ער איז שוין געווען אַ סוחר, אַ דרוקער, ער איז אַ דראַמאַטורג. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ טעאַטער־וואָכנשריפט, קאַלענדאַרן, — הכלל, אַ מענטש, וואָס האָט אַ שייכות צו ליטעראַטור.

איז פאַר אים אַ נייער „דאָקטאָר״, ווי מ. ספּעקטאָר האָט מיך כסדר פאָרגעשטעלט, נישט קיין בער, אַ שרייבער אַוודאי קיין חידוש נישט, ער איז דאָך אַליין אַ שרייבער. ער האַלט זיך מיט גראַבלעכער ווערדע, ער איז שוין נישט קיין טעמפּער ציניקער, ער איז כלומרשט אַ סקעפּטיקער. ער איז אַ האַרטער ייִד פון די, וואָס זענען כסדר זיכער ביי זיך, בפרט אַז זיין טעאַטער איז דער דערפאָלגרייכסטער אין וואַרשע.

זיין טעאַטער האָט טאַקע דאָס אויסזען פון אַ טעאַטער. זיין שטרענג אויג גיט אַכטונג אויף אַלץ. ער איז באַפעלעריש מיט די אַרומיקע, שטרענג צו די אַקטיאָרן און צו די באַדינער. אַקטיאָרן שטייען פאַר אים מיט דרך־ארץ און אַפילו מיט אַביסל מורא. ער קוקט אויף זיי פון אויבן־אַראָפּ, רעדט מיט די געציילטע ווערטער: יאָ, נישט, גיט קורץ אַ ברי, אַ שטאָך און פאַרטיק מיט זיי. ער איז אַ באַלעבאַטישער ייִד, קוקט ער בעצם מיט ביטול אויף די קאָמעדיאַנטן; עמי־הארצים, פּוסטע קעפּ און טויגעניכטסן זענען זיי פאַר אים.

איך הויב אָן צו רעדן מיט אים וועגן זיין טעאַטער — ער איז שוין אַן אלטער הינער־פרעסער. אים רייצט נישט קיין זאַך אין טעאַטער, ער

איז נישט קיין אַקטיאָר און דאַנקט גאָט וואָס ער האָט אים אויסגעהיט פון דעם. ער איז אַ שריפטשטעלער און מאַכט אויך פון דעם קיין ווען נישט. ער איז בכלל אַ ייִד מיט כאַראַקטער, שרעקט זיך נישט פאַרן גע־דרוקטן וואָרט; ער האָט שוין מיט פרצן געהאַט אַ געראַנגל אין דער פרעסע פאַר פרצעס אַ שאַרפע קריטיק אויף זיינס אַ שטיק. ער האָט שוין אַמאָל אַרויסגעפירט אַ רעצענזענט פונעם טעאַטער. ער איז נישט פון יענע, וואָס לאָזן זיך שפייען אין קאַשע; מען שפילט טעאַטער פאַרן עולם, נישט פאַר די עטלעכע משוגענע אינטעליגענטן, וואָס ווילן דאָס טעלערל פונעם הימל. מען דאַרף צאָלן דירה־געלט, מען דאַרף צאָלן די באַד־יונ־גען, די אַקטיאָרן, און פאַר אַנאָנסן אין די צייטונגען. דאַרף מען געבן דאָס, וואָס דאָס פובליקום וויל. ווען דאָס פובליקום וועט משוגע ווערן און וועלן פרצעס דראַמעס, וועט ער זיין דער ערשטער, כאָטש ער איז צע־קריגט מיט פרצן, וואָס וועט בעטן אים מחילה און נעמען ביי אים זיינע דראַמעס. דערווייל וויל עס קיינער נישט. מעג פרץ זיצן אין דערהיים און נישט קומען אין זיין טעאַטער. און בכלל וואָס ווייסן די יאָלדן, די רעצענזענטן פון טעאַטער? „איך ווייס אין מיין מינדסטן פינגער מער פון טעאַטער ווי זיי אין זייער גאַנצן קאָפּ״.

אויב איך האָב בדעה צו שרייבן וועגן טעאַטער, איז אדרבא. ער מיינט אָבער, אַז עס זענען דאָ בילכערע זאַכן וועגן וואָס צו שרייבן. ער זאָגט מיר פאָראויס, אַז ער פערזענלעך רעכנט זיך ווייניק מיט קריטיק. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָפן אַ ייִדישן טעאַטער־דירעקטאָר אין אַ פאַרטיקער געשטאַלט.

ער איז געווען אַ האַרטער טעאַטער־דירעקטאָר, האָט געמאַכט געלט און געפירט זיין טעאַטער מיט אַ טאַלק, און אויב איר ווילט, מיט אַ טאָן אויך. פאַרט אַ מענטש מיט אַביסל כאַראַקטער, פאָרט אַ באַלעבאַטישער ייִד. זיין גדולה האָט געדויערט ביז דעם סאַמע אויסברוך פון דער מלחמה. נאָך דער מלחמה איז ער געקומען קיין אַמעריקע און געוואָלט ווערן, אין ניו יאָרק, אַ טעאַטער־דירעקטאָר, עס האָט זיך אים אָבער נישט איינגע־געבן. ער האָט געעפנט אַ קליין שפייז־קרעמל; עס איז אים נישט געגאַנ־גען גוט. ער האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. זיינע אַמאָליקע אַקטיאָרן האָבן געוואָלט מאַכן פאַר אים אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג. מען האָט זיך

אויך געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל מיטהעלפן, און דער, וואָס האָט מיט מיר איינגעטענהט, אַז איך זאָל צולייגן אַ האַנט צו דעם, האָט זיך פּלוצלונג מיישב געווען און אויסגעשריגן: „איך ווייס נישט, פאַרוואָס לייג איך אייז אַ וועלט פאַר אים! ער פלעגט דאָך אונדז באַהאַנדלען געמיין און גראָב"...

ער איז געשטאָרבן דאָ אין ניו יאָרק, אין גרויס עלנט.

מיט אַלע זיינע חסרונות איז ה. עפּלבערג געווען אַ טיכטיקער טעאַטער־דירעקטאָר. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ גוטע טעאַטער־טרופּע און גאַנץ אָפט נישט געקאַרגט קיין געלט צו מאַכן אַן אויפפירונג מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנט.

זיין טרופּע איז באַשטאַנען, אין פאַרשידענע סעזאָנען, פון די פאָלגנדיקע שוישפּילער: ראַפּעל און מאַדאַם ראַפּעל, מאַדאַם שלאָסבערג, אסתר נעראָסלאַווסקי, אבעלמאַן, קליין, דראַנאָוו, לערמאַן, עפּלבוים, ברוין, בערמאַן, לאַנדוי, סאַמבערג און אַנדערע. דאָס זענען געווען די בעסטע אָפּערעטן־קרעפטן און אַ טייל פון זיי גוטע דראַמאַטישע שוישפּילער.

צווישן די אַקטן האָט מיך ה. עפּלבערג באַקענט מיט זיין דעמאָלטיקן הויפּט־שוישפּילער און זיין שותף, מיט ראַפּעלן. דאָס איז געווען אַ שוישפּילער מיט אַ וווּנדערלעך אַקטיאָריש געזיכט. זיין פּנים האָט געהאַט אַ פיינעם בלאַס־מאַטן קאָליר, אַ פיינע שאַרפע אָדלער־נאָז, אַ זייער עלעגאַנטן שטערן און אַ שאַרף קליין מויל. דאָס איז בלויז געווען דאָס געזיכט. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צום פיינעם געזיכט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אויף אַ פלעגעיִשן קערפּער איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אַ פרעמדער שיינער קאָפּ. דער קערפּער איז געווען שווער און ווינקלדיק, די הענט עפּעס האַלב־קיילעכדיק געבויגן און שווער באַוועגלעכע און די פיס — דאָס נעמלעכע: שווערע און קלאָציקע.

ער איז געווען דער עיקר אַ דראַמאַטישער אַקטיאָר, אָבער מיט גאַנץ מיטלמעסיקע פעיִקייטן. פונדעסטוועגן איז ער קיינמאָל נישט געווען גראָב און באַנאַל אין אַ ראָלע.

זיין פרוי איז געווען די סוברעטין, אָבער זי איז אויך געווען די הויפּט־שוישפּילערין פון דראַמאַטישע ראָלן. אַ מאָגערע פרוי מיט ווינקלדיקע באַוועגונגען, אָבער מיט אַביסל טעמפּעראַמענט.

אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער „עליזעאום"־טרופּע איז געווען אבעל־

מאַן, אַ הויכער מאַנספּאַרשוין מיט אַ שטרענגן ערנסטן פּנים. ער האָט געגאָלטן פּאַר אַ באַלעבאַטישן מענטשן, צווישן די אַקטיאָרן איז ער גע־ווען דער כלומרשט געבילדעטער און פלעגט זיך האַלטן באַזונדער פון דער אַקטיאָרישער מאַסע. אַלס אַ זעלטענע אויסנאַם, איז זיין פרוי קיין אַרטיסטין נישט געווען.

דער דאָזיקער אבעלמאַן, מיט זיין גאַנצער געבילדעטקייט און אַר־טיסטישקייט, איז געווען דער שונדיסטישסטער אַקטיאָר, וואָס איך האָב אַ מאָל געזען. שפּעטער איז מיר אויסגעקומען פעסטצושטעלן, אַז גראָד די האַלבע אינטעליגענטן אין דער אַקטיאָרישער מאַסע זענען די ערגס־טע שונד־אַקטיאָרן.

אבעלמאַן איז געווען דער הויפּט־„זינגער״. ער פלעגט ארויסטרעטן נאָר אין די אַלטע היסטאָרישע אָפּערעטן. האָט ער געזונגען, איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, כאָטש ער איז געווען אַ הילצערנער זינגער נאָר ווען ער פלעגט אָנהויבן שפּילן, איז עס געווען ממש שוידערלעך; ער פלעגט שרייען ווי אַ באַנומענער און באַוועגן זיך ווי איינער, וואָס ליידט פון דער קראַנקייט פון הייליקן וויטע. ווען ער פלעגט זיך „צעדראַמאַטע־ווען״, פלעגט די מאָרדע ביי אים טאַנצן און די אונטערשטע ליפּ פלעגט מאַכן די טשיקאַווסטע העוויות.

דאָס זענען געווען די הויפּט־שוישפּילער, מיט וועלכע איך האָב מיך צום ערשטן מאָל באַקענט אין דעם טעאַטער „עליזעאום״.

געשפּילט האָט מען דאַן אַ היסטאָרישע אָפּערעטע און איך האָב צום ערשטן מאָל געזען, ווי יידישע היסטאָריע זעט אויס אין יידישן טעאַטער.

ווי געזאָגט, האָט דער טעאַטער „עליזעאום״ געהאַט, מער אָדער וויי־ניקער, אַן אויסזען פון אַ טעאַטער. אַ דאַנק דער גראַבער, סוחרישער טיכטיקייט פון זיין דירעקטאָר ה. עפּלבערג.

עפּלבערג איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן אַראָפּ־ברענגען די „סטאַרס״ פון די אַמעריקאַנישע טעאַטערס. ער איז אויך גע־ווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם אַמעריקאַנישן רעפּערטואַר אַריבער־געבראַכט אויף דער וואַרשעווער יידישער בינע. וועגן דעם אָבער ווייטער.

35

דער קולטור־ניוואָ פון די יידישע אַקטיאָרן

דאָס איז געווען דאָס שוישפּילערישע פאַרמעגן פון די פיר טרופּעס, וואָס איך האָב געטראָפן אין וואַרשע אין 1909. נישט זייער גרויס איז געווען דאָס פאַרמעגן און נישט זייער גרויס זענען געווען זייערע שאַפונגס־מעגלעכקייטן. אָבער דער דאָזיקער אָרעמער קינסטלערישער מענטשן־מאַטעריאַל האָט אַפילו דאָס מינימום פון זיינע מעגלעכקייטן נישט אַרויסגעבראַכט: די עם־הארצותדיקע רעזשי, די וויסטע אויס־טייטשונג, דאָס כאַאָטישע צוזאַמענשפּיל און בכלל די הפקרדיקע באַציִונג האָבן פאַרחושכט און פאַראָרעמט אַפילו דאָס ביסעלע שוישפּילערישע אייגנס.

אין דעם פּרט פון רעזשי איז געווען פּשוט הימל־שרייענדיק. האַ־מעטנע פּלאָנטערניש אויף דער סצענע, קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר קאָמפּאָזיציע, קיין אויג פאַר גרופּירונגען, אַפילו די איינציקע פּערזאָנען פּלעגן זיך האַלטן און באַוועגן אויף דער סצענע קעגן אַלע געזעצן פון איינפאַכער לאָגיק.

ווען עס פלעגט זיך אויפהויבן דער פאָרהאַנג, פלעג איך ממש אויפ־שפּרינגען פון מיין אָרט פון עקל. עפּעס ברודיקע, פוילנדיקע ליילעכער אָנשטאָט ווענט, געהויקערטע מעבל אָנגעוואָרפן אָן אַ ברעקל אָרדענונג און סימעטריע, פּאַפּירענע לבנות וואָס הענגען אויף אַ גרויסן שטריק,

ביימער וואָס טאַנצן, הימלען וואָס קנייטשן זיך און זענען צעריסן, פּענצ־טער, טירן משונהדיקע, און אַלץ איז עפּעס נישט צוגעקייטלט איינס צו דעם אַנדערן, איין וואַנט־ליילעך מיטן אַנדערן וואַנט־ליילעך, אַ חוץ דעם איז איין וואַנט פון איין קאָליר און די צווייטע וואַנט פון אַן אַנדער קאָליר.

די גרעסטע קוריאָזן האָט איר געקענט זען אין אַ פּיעסע, וואָס קומט פאָר אין אוקראַינע, למשל: דער הינטערגרונט איז געווען אַן איטאַליע־נישער פּייזאַזש, איר האָט געזען אַ לבנה אין אַ העלער טאָג־באַלייכטונג. הכלל — איר האָט געקענט זען די טשיקאַווסטע חידושים.

איך האָב אין אַ קורצער צייט אַרום איינגעזען, אַז ביי אַזאַ צושטאַנד פון טעאַטער איז גאָרנישט שייך צו זיין אַ טעאַטער־קריטיקער, ווי ביי אַנדערע טעאַטערס. די ייִדישע טעאַטער־קריטיק דאַרף זיין אַ דרדקי־מלמד, דאַרף לערנען אלף־בית, סיי מיט די אַקטיאָרן און סיי מיטן פּוב־ליקום; די ייִדישע טעאַטער־קריטיק דאַרף זיין אַ קעמפנדיקע; די ייִדישע טעאַטער־קריטיק דאַרף גאָר ערשט אָרגאַניזירן די עפנטלעכע מיינונג אַרום טעאַטער.

איך האָב אָנגעהויבן איינטענהן מיט מיין אָפיציעלן רעדאַקטאָר מ. ספּעקטאָר וועגן דעם, אַז מען מוז זיך נעמען צום טעאַטער ערנסט, מען דאַרף אָנהייבן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דער הפקרות וואָס הערשט אין אים, מען דאַרף זיך ווענדן צו דער ייִדישער עפנטלעכקייט, אַז זי זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער לאַגע פון טעאַטער, מען דאַרף איר קלאָר מאַכן די וויכטיקע קולטורעלע פונקציע פון טעאַטער, הכלל, די צייטונג דאַרף זיך אָפּגעבן ערנסט מיט דער טעאַטער־פראַגע.

מיין גוטער רעדאַקטאָר מ. ספּעקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנ־דערט און דערשראָקן; ער האָט נישט פאַרשטאַנען פּשוט וועגן וואָס איך קאָך זיך אַזוי, און האָט מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל.

ער האָט זיך ביי מיר געבעטן און איינגעטענהט מיט מיר, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג און בכלל וואָס האָט מען צו די אָרעמע אַקטיאָרן און צו די אָרעמע דירעקטאָרן; זיי אַרבעטן, נעבעך, שווער און ביטער אויף זייער שטיקל ברויט; זיי גיבן דעם עולם מער, וויפל ער פאַרדינט, און בכלל... דאָ לאָזט זיך אַריין מיין גוטער ספּעקטאָר אין מבי־

נות־זאָגעריי און עס קומט אַרויס, אַז עס איז אַ מחיה צו זיצן אין ייִדישן טעאַטער: מען זעט אַ דראַמע, אַ טענצל, מען הערט אַ לידל, — וואָס זאָלן די אַקטיאָרן נאָך טון?

איך האָב געהאַט די פרייהייט צו שרייבן אין „דער נייער וועלט" וואָס איך וויל, אָבער דאָס איז פאַר מיר געווען ווייניק, איך האָב געוואָלט אָרגאַניזירן אַ גרופּע שרייבער און מיט זיי צוזאַמען אָנהויבן שטורעמען די טעאַטער־פראַגע און אויף דעם איז מ. ספּעקטאָר בשום אופן נישט איינגעגאַנגען.

***

סוף זומער האָבן מיר איבערגעלעבט אַ גרויסן ליטעראַרישן יום־טוב. עס איז געקומען צו גאַסט קיין וואַרשע דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים. דאָ האָבן מיר דערזען דאָס מערקווירדיקסטע: די זעלבע מאַסע, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ ברען אויף אַן עלנטן שונד־ראָמאַן, האָט אויפגענומען דעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג און מיטן ברענענדיקסטן ענטוזיאַזם. די גאַנצע ייִדישע וואַרשע איז אַרויס באַגעגענען דעם אַלטן שריפטשטעלער. דער אַרבעטער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין אַרבעט, דער קרעמער זיין קראָם און דער סוחר זיינע מסחרים. די קאָכעדיקע, האַנדלענדיקע ייִדישע וואַרשע האָט איין אַ וואָכעדיקן טאָג געמאַכט יום טוב.

אין מיין לעבן האָב איך נישט געזען אַזאַ גרויסע, באַגייסטערטע און יום טובדיקע ייִדישע מאַסע.

די פּוילישע באַפעלקערונג האָט זיך איינפאַך דערשראָקן פאַר אַזאַ נאַציאָנאַל־ייִדישער דעמאָנסטראַציע. פאַרוואונדערט און צעטומלט האָט זי געפרעגט: וואָס איז?

איך אָב פּרובירט אַ רעדט טון מיט מענדעלען וועגן דער לאַגע אין אונדזער טעאַטער און געוואָלט אָנטאַפּן ביי אים, צי וואָלט ער צוגעשטאַנען צו אַ ברייטער אַקציע פאַרן ייִדישן טעאַטער. אָבער דאָ האָב איך זיך, ליידער, אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט. מענדעלע איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ענין טעאַטער, אַז איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך דאַרף נישט פאַרלירן קיין איבעריק וואָרט.

מיט פרצן איז עס אויך צוגעגאַנגען שווערלעך; ער האָט שוין אי־בערגעלעבט אַ פּעריאָד פון קאַמף און אינטערעס פאַר דעם יידישן טע־אַטער, און פרץ איז נישט געווען פון די מענטשן, וועלכע זאָלן זיך לייכט צוריקקערן צו אַלטע ליבעס; ער האָט באַדאַרפט האָבן פרישע, צאַפּלדיקע איבערלעבונגען. אַגב איז ביי אים געווען דענסטמאָל איינער פון זיינע קורצע אַפּאַטיע־פּעריאָדן. פון צייט צו צייט, מיינסטנס נאָך אַ פּעריאָד פון ברויזנדיקער טעטיקייט, פלעגט זיך אַריינשניידן אין זיין לעבן אַ קור־צער פּעריאָד פון אַפּאַטיע, און דאַן איז ער געווען קאַלט און סקעפּטיש צו אַלץ.

אַזוי אַרום איז מיין טעאַטער־טעטיקייט געווען באַגרענעצט אין דער צייט בלויז אויף רעצענזיעס וועגן די עלנטע אויפפירונגען אין די יידי־שע טעאַטערס; פון צייט צו צייט פלעג איך דורכלאָזן אַ גרעסערן אַרטיקל.

דאָס איז געווען צופעליק און נישט סיסטעמאַטיש.

איינמאָל, גאַנץ אומגעריכט, באַקום איך פון י. ל. פּרצן אַ קורץ צעטעלע, ווי זיין שטייגער. ער בעט מיך קומען צו אים, ער האָט גויטיק צו דורכרעדן זיך מיט מיר וועגן אַן ענין. צו דער באַשטימטער צייט בין איך געזעסן ביי פּרצן אין זיין באַקאַנטער ווינונג, צעגלאַנע 1.

קורץ: י. ל. פּרץ וויל האָבן אַן אַרטיקל פון מיר פאַר זיין צווייטן זאַמלבוך „יידיש" און דווקא וועגן טעאַטער.

מיר האָבן אָנגעהויבן לופטערן טעמעס. מיר האָבן געוואָלט אַ טע־מע, וואָס זאָל זיין אַקטועל, וואָס זאָל עפּעס אָנרירן דאָס לעבן פון דעם יידישן טעאַטער; איך האָב פאָרגעלייגט אַן אַרטיקל וועגן יעקב גאָרדי־נען. איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם יידישן טעאַטער באַפרייען פון דעם גאָרדין־היפּנאָז. איך האָב געהאַלטן ממש פאַר אַן אומגליק, אַז איין דראַמאַטורג זאָל באַהערשן אינגאַנצן דעם טעאַטער. און די לאַגע איז פּאַקטיש געווען אַזאַ: גאָרדין האָט אַזוי באַהערשט דעם יידישן טעאַ־טער אין רוסלאַנד, אַז עס האָט געהייסן, אויב נישט גאָרדין, איז צוריק צו דער אָפּערעטע, צוריק צו דער ווילדער מעלאָדראַמע.

גאָרדינס טויט האָט געטראָפן דעם יידישן טעאַטער ווי אַ דונער. עס איז געווען אַ קלאָרע שטימונג אין די טעאַטער־קרייזן: אַ סוף, מען

דאַרף זיך איצט נעמען צו די פּאַפּירענע קרוינען און צו די הילצערנע שווערדלעך.

ווען מיר פלעגט אויסקומען צו רעדן מיט יידישע אַקטיאָרן וועגן גאָרדינען, פלעגן זיי זיך צעוויינען ווי קליינע קינדער, ווי קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם טאַטן, דעם שפּייזער.

זיי האָבן נישט געגלויבט און פּשוט נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַן אַנדערער קען פאַרנעמען זיין אָרט. ליטעראַטור האָט ביי זיי גע־הייסן גאָרדין, טעאַטער האָט ביי זיי געהייסן גאָרדין, אַלץ גאָרדין.

אסתר־רחל האָט געכליפּעט ווי אַ קינד, ווען זי האָט גערעדט וועגן גאָר־דינען, און מיטן גרעסטן ערנסט האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס איז אויס מיטן יידישן טעאַטער. די דאָזיקע שטימונג האָט געשטאַרקט נח פּרילוצקי מיט זיינע אַרטיקלען: נאָך גאָרדינען — כלו כל הקיצין. איינס נאָך דעם אַנ־דערן זענען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען אין „אונזער לעבען" וועגן דער אַלמעכטיקייט פון גאָרדינס טאַלאַנט און וועגן דעם, אַז דער יידישער טעאַטער איז פאַריתומט געוואָרן אויף אייביק.

מען האָט געמוזט צעזייען די דאָזיקע פינצטערע שטימונג, מען האָט געמוזט צעטרייבן די שווערע וואָלקנס און צוועקשטעלן גאָרדינען אויף זיין ריכטיק אָרט.

איך האָב געהאַלטן, אַז גאָרדין איז בלויז דער איבערגאַנג פון דער אָפּערעטע צו דער דראַמע. איך האָב לחלוטין נישט געוואָלט לייקענען זיי־נע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער. איך האָב געהאַלטן, אַז די גאָרדין־עפּאָכע האָט דער יידישער טעאַטער שוין דורכגעמאַכט און ער דאַרף מאַכן אַ טריט ווייטער.

מיך האָבן דערהויפּט געשראָקן דער גאָרדין־נוסח, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין טעאַטער; איך האָב געזען, אַז אין אַנדערע פּיעסן שפּילן די יידישע אַקטיאָרן אויך גאָרדינען. איך האָב געהערט, אַז די יידישע אַקטיאָרן רעדן מיט גאָרדינס שפּראַך אַפילו אין פּריוואַט לעבן און אַז אין דעם יידישן לעבן זענען זיי בלויז נחומצי חנה־דבורהס, ראַ־פּאָפּאָרטס, טראַכטענבערגס, וולאַדימירס, ווילדע מענטשן און משכילישע מטורפים.

י. ל. פּרץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער טעמע. פּרץ האָט

ממש פיזיש נישט געקענט אַריבערטראָגן גאָרדינען און האָט אָפּגעלייקנט אינגאַנצן זיינע פּאַרדינסטן פאַרן טעאַטער. ער האָט געטענהט, אַז פריִער איז דער ייִדישער טעאַטער געווען פּשוט פאָלקסטימלעך, אמת — פּרימי־טיוו־פאָלקסטימלעך, אָבער פון האַרצן, פון דעם גאַנצן מהות פון דער ייִדישער מאַסע איז עס אַרויסגעוואַקסן; גאָרדין האָט געבראַכט דעם רו־סישן אָסטראָווסקי אין דעם ייִדישן טעאַטער, מיט די רוסישע לעבנס־קאָנפליקטן, מיטן רוסישן דראַמאַטיזם אין ייִדישע קאָפּאָטעס.

איך האָב אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און זיך ווייטער פאַר־נאַנדערגערעדט מיט י. ל. פּרצן וועגן אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַק־ציע פאַרן ייִדישן טעאַטער. דאָ איז פּרץ אַביסל אויפגעלעבט געוואָרן און מיר פייערלעך צוגעזאָגט צו גיין מיט מיר „ביזן לעצטן טראָפּן בלוט".

אָבער דער קלוגער פּרץ האָט זיך באַלד געכאַפּט:

— דורך וועלכע צייטונג וועלן מיר אָנפירן די אַקציע? ספּעקטאַטאָר וועט נישט איינגיין אויף דעם, „אונזער לעבען" אויך נישט און דער „היינט" אַוודאי און אַוודאי נישט.

ער איז געווען גערעכט. איך האָב עס באַלד אויך איינגעזען און מיר זענען געבליבן ביידע אַזעלכע איינזאַמע און אומבאַהאָלפענע.

אָבער לאַנג אין יאוש האָט פּרץ נישט געקענט זיין.

באַלד עפענען מיר „די ליטעראַרישע געזעלשאַפט" (אַזאַ חברה איז געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג מיטן רעכט צו עפענען אָפּטיילונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד. די געזעלשאַפט האָט זיך ווין געווענדט צו פּרצן, ער זאָל נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן אַן אָפּטיילונג אין וואַרשע).

פּרצעס אָפּטימיזם און האַפּערדיקייט האָבן מיך נישט אָנגעשטעקט. איך האָב געזען, אַז דערווייל זענען מיר די צוויי איינציקע, וואָס נעמען די טעאַטער־פּראַגע נאָענט צום האַרצן. קיין איינציקער פון די וואַרשע־ווער שריפטשטעלער האָט זיך מיט דער פּראַגע נישט אינטערעסירט, אַפילו דער גרעסטער עולם־הזהניק און וועלטלעכסטער צווישן זיי, ה. ד. נאָמבערג, איז געווען קאַלט און פרעמד צו דער פּראַגע. אַש איז נאָך געווען דאַן יונג, אומגעהובלט און מוראַדיק נישט־געזעלשאַפטלעך. אָבער

איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב סוף כל סוף געוווּנען פּרצן אויף מיין זייט.

**
*

דערווייל זענען אָנגעקומען די ימים טובים און פון די דריי וואַר־שעווער טעאַטערס האָט עס אַ פּלייץ געטון מיט אַ מבול פון שונד. איך האָב מיט פּרצן באַזוכט די טעאַטערס און אונדזערע יסורים און פאַר־צווייפלונג זענען געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן.

לכבוד יום טוב האָט מען געגעבן דעם עלנטסטן רעפּערטואַר, די שמוציקסטע לידלעך, די סאַמע חלבנע וויצן. לכבוד יום טוב זענען אַלע אַקטיאָרן געווען הייזעריק און דאָס פּובליקום — אַלמעכטיקער גאָט! — דער סאַמע אָפּפאַל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די ערשטע רייען האָבן כסדר פאַרנומען די אַלפאָנסן מיט זייערע „כלות", גנבים, „ווילע יונגען" און דאָס מענטשלעכע פּסולת פון די וואַרשעווער הינטערגעסלעך.

פאַר מיר איז עס געווען אַ נייע אַנטדעקונג: איך האָב זיך ערשט דערוווּסט, אַז דער יידישער טעאַטער שטיצט זיך און האַלט זיך טיילווייז אויף דעם דאַזיקן עולם.

שפּעטער האָב איך שוין געזען, אַז דער דאָזיקער עולם איז זייער אינטים מיט אַ טייל אַקטיאָרן. זיי זענען גוטברודעריש מיט אַ טייל אַק־טיאָרן און צו זייערע בענעפיסן (ערן־אָוונטן) טראָגט דער דאָזיקער עולם אונטער די אַקטיאָרן די שענסטע מתנות: זייגערס, רינגען, זילבערנע לעפל און גאָפּל.

אין דער דאָזיקער צייט האָב איך געמאַכט אַ שטילע אויספאָר־שונג וועגן דער אַזוי גערופענער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג פון די אַקטיאָרן און וועגן זייער קולטורעלן מצב. דער רעזולטאַט פון מיין אויספאָרשונג איז געווען לערך אַזאַ: כמעט אַלע אַקטיאָרן זענען געוועזענע בעלי־מלא־כות, בלויז געציילטע האָבן געשטאַמט, אַזוי צו זאָגן, פון באַלעבאַטישע פאַמיליעס. די סאָציאַלע אָפּשטאַמונג פון די שוישפּילערינס איז געווען נאָך אַ נידעריקערע. אָן אויסנאַם זענען געווען די זינגערינס; זיי זענען שוין אַרויס פון בעסערע פאַמיליעס.

וועגן דעם קולטורעלן מצב האָט די אויספאָרשונג געגעבן נאָך מער טרויעריקע רעזולטאַטן: 50 פּראָצענט פון די שוישפּילערינס זענען פּשוטע אַנאַלפאַבעטן, זיי האָבן פּשוט פון קיין אלף־בית אויף דער וועלט נישט געוווסט. דאָ זענען די זינגערינס ווייטער געווען אַן אויסנאַם; זיי האָבן אַלע אַביסעלע געלערנט, כמעט אַלע האָבן געקענט רוסיש און אַביסל יידיש.

צווישן די מענער זענען, אמת, קיין אַנאַלפאַבעטן נישט געווען. אָבער דאָס, וואָס מען רופט עמי־הארצים, זענען געווען איבער 50 פּראָצענט. שרייבן האָט געקענט נאָר אַ קליינער פּראָצענט. מיט דער יידישער ליטעראַטור, מער אָדער ווייניקער, באַקאַנט זענען געווען בלויז איינצלנע.

זייער פּריוואַטער לעבנס־שטייגער איז געווען אַ שוידערלעך־קליינבירגערלעכער. דער מעת־לעת איז ביי אַלעמען כמעט אַוועק אין עסן, שלאָפן און אין קאָרטן־שפּיל. קיין שום אַנדערע אינטערעסן האָבן זיך נישט אַריינגעריסן אין זייער לעבן.

אַלע טרופּעס זענען באַשטאַנען פון פּאָרלעך. דעם שוישפּילערס פרוי האָט געמוזט זיין אַן אַקטריסע, צי זי האָט געהאַט טאַלאַנט אָדער פעיקייטן, צי נישט. די ווייבער זענען געווען פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיט קאָכן פאַר די מענער עסן און אין אָוונט פלעגט מען פאַרלאָזן דאָס טעפּל און גיין שפּילן טעאַטער.

קיינער פון די מענער און פון די פרויען האָט זיך נישט געקענט קליידן ווי געהעריק: די מענער פלעגן אַרומגיין ווי אָפּגעלאָזענע באַלעבעסלעך און די פרויען האָבן זיך געקליידט ווי קליינשטעטלדיקע דינסט־מיידלעך. אַן אויסנאַם זענען ווייטער געווען די זינגערינס און די, וואָס זענען געקומען פון באַלעבאַטישע פאַמיליעס.

די געזעלשאַפט, די מענטשן, מיט וועלכע די שוישפּילער זענען געקומען אין באַרירונג, זענען געווען דאָס פּסולת, דער אָפּפאַל פון דער יידישער וואַרשע. ליטעראַטן און אינטעליגענטן האָט מען אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט. מ׳האָט פאַר זיי עפּעס מורא געהאַט און מייסטנס זיי פּשוט פיינט געהאַט. די אַלע האָבן געהייסן „יאָלדן״, „אינטעליגענטלעך״, „שרייבאַרעס״ אאַז״וו. אַז זיי פלעגן זיך אַמאָל צונויפקומען מיט ליטעראַטן, זענען זיי גע־

ווען ממש שטומע, זיי האָבן מורא געהאַט צו רעדן. ס׳זענען געווען בלויז עטלעכע, וועלכע זענען געווען די „אָפּיציעלע״ רעדנערס מיט די ליטעראַטן, מייסטנס זענען עס געווען ליבערט און זשעליאַזאָ, וועלכע מ׳האָט זייער ליב געהאַט אין די ליטעראַרישע קרייזן און וואָס האָבן געקענט ווי עס איז שמועסן, און אַמאָל אַפילו וויכוחן מיט זיי.

כמעט קיינער פלעגט נישט אַריינקומען צו פּרצן אין הויז, אַפילו נישט צו יעקב דינעזאָנען.

איך האָב זיך אַמאָל דערשלאָגן צו דעם, אַז מען זאָל אַראַנזשירן אַ געמיטלעכן צוזאַמענקום צווישן מיר און די אַקטיאָרן. מען האָט זיך לאַנג מיישב געווען, לאַנג געקווענקלט, צום סוף איז עס געשען. מיר זע־נען זיך צוזאַמענגעקומען: איך האָב געוואָרט, אַז עמעצער זאָל עפענען דאָס מויל, אָבער שטיל, שטום און אָנגעברוגזט זענען אַלע געזעסן. איך האָב אָנגעהויבן רעדן און זיך גענומען אַרויסרופן זיי אויף אַ שמועס. דאָס האָט זיך אָבער מיר נישט איינגעגעבן. בלויז ליבערט און זשעליאַ־זאָ האָבן גערעדט. די פּרויען האָבן די מיילער נישט געעפנט, ווי ווילדע האָבן זיי מיך אָנגעקוקט, ווי אַ פרעמדן, וואָס איז געקומען עפּעס אויס־שפּיאָנירן.

אַברהם קאַמינסקי איז געשטאָרבן אין די ערשטע יאָרן פון דער טעפּל־לעפּל־געשפּרעכן. ווייטער זענען זיי נישט געגאַנגען.

36

אסתר־רחל קאַמינסקי

נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען „איינגעאַרבעט" אין מיינע רעדאַק־ציאָנעלע פליכטן און האָב געהאַט פרייע צייט און אַ קלאָרן קאָפּ, האָב איך זיך ווידער גענומען צוקוקן צום יידישן טעאַטער.

קאַמינסקיס טרופע איז דאַן געקומען צוריק פון אַ צווייטן טור איבער רוסלאַנד. אין פעטערבורג האָט מען ווייטער אויפגענומען די טרופע מיט באַגייסטערונג, אָבער שוין נישט אַזוי ווי צום ערשטן מאָל. די טרופע איז געקומען כמעט מיט דעם זעלביקן רעפערטואַר און אַפילו די נייע שטיק, וואָס די טרופע האָט באַוויזן אויפצופירן, זענען געווען איבער־חזרונגען, סיי אין דעם אופן פון שפילן און סיי אין דעם מעטאָד פון אויפפירונג.

מען האָט געפייערט אין פעטערבורג דעם 15־יעריקן שוישפילערישן יובילייי פון אסתר־רחל קאַמינסקי מיט שיינע רעדעס און שיינע מתנות און מען האָט אָפּגעלאָזט די טרופע שוין מיט אביסעלע שטראָפרייד און מיט אָנצוהערענישן, אַז מען דערוואַרט בעסערע און נייערע אויפפירונגען.

די טרופע איז שוין פון דעם ערשטן דערפאָלג געווען אַזוי גוט ווי אַ צעפאַלענע. פון דעם צווייטן דערפאָלג האָט זי זיך שוין קוים געהאַלטן צוזאַמען. פון פעטערבורג האָט די טרופע געמאַכט אַ רייזע איבער די גרעסערע רוסיש־יידישע שטעט, ווי וויטעבסק, מינסק און אַנדערע.

טריומף אומעטום, ווו די טרופע באַווייזט זיך. מען לייגט נאָך אַלץ

גרויסע האָפענונגען אויף איר: זי וועט בויען, שמידן די צוקונפט פון אַן אמתן יידישן טעאַטער. קיינער ווייס נישט, אַז די טרופּע איז שוין אַ צעפאַלענע; אַז אין דער שטיל, פירט אסתר־רחל קאַמינסקי, דער „שטערן" און טאַקע דער רוקנביין פון דער טרופּע, אונטערהאַנדלונגען מיט אַן אַמעריקאַנער טעאַטער־דירעקטאָר וועגן גאַסטראָלירן אין אַמעריקע.

די טרופּע קומט צוריק קיין וואַרשע, גיט עטלעכע ספּעקטאַקלען, קאַמינסקי פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. די גאַנצע טרופּע בלייבט אויף דער גאַס, קען זיך פאַר קיין זאַך נישט נעמען, ווייסט נישט וואָס אָנצוהויבן און וואָס צו טון.

האָט נאָך יעדערער אָפּגעשפּאָרטע פּאָר גראָשן פון די טריומפן, עסט מען, שלאָפט מען, שפּילט מען אין קאָרטן און מען וואַרט אויף אַ נס.

ביים צוריקקומען פון דער טרופּע קיין וואַרשע האָב איך זיך באַקענט צום ערשטן מאָל מיט דער יידישער „ליטעראַרישער טרופּע", וואָס האָט דאַן נאָך געשמט סיי אין דער יידישער און סיי אין דער פרעמדער וועלט.

קאַמינסקיס טרופּע, אָדער „די ליטעראַרישע טרופּע", איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע שוישפּילער: אַברהם קאַמינסקי, אסתר־רחל קאַמינסקי, זייער קליין טעכטערל רעגינאַ קאַמינסקי (זי האָט געשפּילט קינדערראָלן. צו אַכצן־ניינצן יאָר האָט זי אָנגעהויבן שפּילן ראָלן פון אינזשעניידראַמאַטיק, האָט אַרויסגעוויזן אביסל טאַלאַנט, זי איז אָבער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן אין עלטער פון בערך 21 יאָר), יעקב ליבערט, זיין פרוי, זשעליאַזאָ, זיין פרוי, וויסמאַן, זיין פרוי יערמאָלינא, סעראַצקי און עדעלמאַן.

אַברהם קאַמינסקי איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן ווּקס, מיט קאַלטע גלעזערנע אויגן, מיט אַ קרענקלעכן געלב־מאַטן געזיכט־קאָליר, מיט אַפּאַטישע באַוועגונגען און עפּעס מיט אַ נודנער וויינענדיקער שטים.

ער איז געווען אַ טיפּישער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט זיין פרוי אסתר־רחלען אַרויסגערוקט און געמאַכט איר דעם גרויסן נאָמען, ווייל ער איז געווען איר דירעקטאָר. ער איז געווען זיכער, אַז ער קען יעדע שוישפּילערין אַזוי אַרויספירן אין דער וועלט; דאָס איז זיין טאַלאַנט.

לעבן זיין טאַלאַנטפולער פרוי האָט ער אויסגעזען אַ דערשלאָגענער און ער איז בעצם געווען אַ פאַרביטערטער. ער האָט זי אַליין רעקלאַמירט, האָט זיך כסדר געגריזשעט מיט די איבעריקע אַקטיאָרן וועגן אַ ביסעלע אַ גרעסערן פּלאַץ אויף די אַפישן פאַר אסתּר־רחלען, אָבער קיין באַזונדערע באַוווּנדערונג פאַר זיין פרויס טאַלאַנט און קיין באַזונדערע פאַרגעטערונג פאַר איר האָט ער נישט געהאַט; די אַלע זאַכן זענען אים געווען פרעמד.

דער טרופּע האָט ער קיין גוטס נישט געטון. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער אַליין האָט ביי דער ערשטער געלעגנהייט צעבראָכן די טרופּע, ווייל דער גאַנצער אויפטו, כאָטש ער האָט דעם גאַנצן קרעדיט גענומען פאַר זיך, איז אים נישט געווען נאָענט און טייער.

ווי אַלע יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן, האָבן אַלע מוזעס געמוזט זיין אים אונטערטעניק. האָט ער אויך געשריבן אָפּערעטעס, מעלאָדראַמעס און קאָמעדיעס; פון אַלע זיינע דראַמאַטישע ווערק איז דאָ בלויז איין קאָמעדיע, „יידישע אַקטיאָרן אויף דער רייזע״, וועגן וועלכער מען קען רעדן מער אָדער ווייניקער ערנסט. עס איז אַ קאָמעדיע פון דעם לעבן פון יידישע אַקטיאָרן אין די גאָר שלעכטע צייטן פון דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, ווען יידישע אַקטיאָרן האָבן געוואַנדערט, מערסטנס צו־פוס, ווי גאַסן־קאָמעדיאַנטן, פון שטאָט־צו־שטאָט. עס איז אַ פריילעכע קאָמעדיע מיט אַלע טריקן פון אַ קאָמעדיע. זי איז גוט געשריבן און דאָס האָט ביי זייער פיל געוועקט דעם צווייפל, אַז אפשר איז א. קאַמינסקי נישט דער גאַנצער פאַרפאַסער פון דער דאָזיקער קאָמעדיע, צי שטעקט נישט דאָ, לכל הפחות — בנוגע דער שפּראַך, די האַנט פון אן אמתּן ליטעראַט. די אַלע איבעריקע פאַרפאַסונגען זיינע זענען עלנטער שונד און עס לוינט זיך נישט וועגן זיי צו פאַרלירן אַ וואָרט.

אברהם קאַמינסקי איז געשטאָרבן אין די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אסתּר־רחל, „די יידישע דוזע״, איז געווען הויך געוואַקסן, זי איז אָבער געווען קנאָכיק, ביינערדיק, ווי אַ פרוי, וואָס אַרבעט שווער פיזיש. ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט צום ערשטן מאָל, איז זי געווען נאָך פאַר דער „צווייטער יוגנט״, ערב דעם אַזוי גערופענעם „געפערלעכן

עלטער״, אָבער זי האָט שוין אויסגעזען ווי אַן אַלטע, אָפּגעלעבטע פרוי. מידקייט און רעזיגנאַציע זענען געלעגן בולט אויף איר פּנים.

אַ ייִדישע פרוי איז געשטאַנען פאַר מיר, אַ מוטער באַלאָדן עפּעס מיט די פּשוטע, אייביקע לעבנס־זאָרגן, קימערנישן און מיט גרויע טאָג־טעגלעכע עגמת־נפשן. אַ ווייב פון אַ האָרטן מאַן און אַ מוטער, וואָס האָט אַ האַלב טוץ מאָל געקימפּעט און ביים לעבן דערהאַלטן בלויז דריי קינ־דער, אַ פרוי, וואָס דאָס שווערע לעבן האָט דערשלאָגן די ליידנשאַפט און האָט געקילט דאָס הייסע בלוט, מיט וועלכן די נאַטור האָט זי גראָד נישט געוואָלט באַליידיקן, זי האָט עפּעס אַליין, ממש בידים, דערשטיקט איר פרויען־רייץ. זי האָט געהאַט אַ פּאָר קלוגע אויגן, אָבער עס זענען געווען די דאָזיקע אויגן, וואָס איר באַגעגנט מיינסטנס ביי די ייִדישע אשת־חילטעס. זיי קוקן אויף אייך מאַנכבעליש און איר פאַרגעסט, אַז פאַר אייך זיצט אַ פרוי.

איך דערמאָן זיך דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט איר האַלטונג און באַנעמונג ביי מיין ערשטן באַזוך ביי איר.

אָט רעד איך צום ערשטן מאָל מיט אַ באַרימטער ייִדישער אַרטיס־טין; עס רעדט די אייביקע ייִדישע מאַמע; זי רעדט וועגן אירע קינדער, וועגן איר ייִנגעלע, וואָס שפּילט פידל; זי וויל מאַכן פון אים אַ מענטשן, איז פידל־שפּילן אַ תכלית? נאָר זאָל ער. זי רעדט פון אירע טעכטערלעך, עפּעס מיט אַ באַהאַלטענעם שרעק פאַר זייער צוקונפט. זי דערציילט וועגן אירע טריומפן אין פּעטערבורג און אין אַנדערע שטעט אַזוי אומ־באַהאָלפן, האָט נישט קיין ווערטער צו שילדערן די טריומפן און קיין אינערלעכע עכטע פרייד צו באַטעמען זי.

איך וויל אַרויסבאַקומען פון איר, וואָס זענען אירע מיינונגען וועגן די פּיעסן, וואָס זי שפּילט, ווי פּאַסט זי אויף אירע ראָלן. זי איז קלוג, האָט אַ גלייכן פּשוטן שכל, אָבער נישט אַזוי רעדט אַ קינסטלערין וועגן קונסט־פראַגן. עפּעס מיט וואָכעדיקע ווערטער רעדט זי וועגן דעם. אָפּט, זייער אָפּט, גיט זי אַ בליק מיט אַ ציטאַטע פון יעקב גאָרדינס אַ פּיעסע, קלינגט עס ריכטיק ווי די באָבע אונדזערע האָט ציטירט עפּעס פון צאינה וראינה, מיט דער זעלביקער גאָטספאָרכטיקייט און מיט דעם זעלביקן ניגון.

קיין שוונג, קיין קאַפּריז און קיין בליץ האָב איך נישט באַמערקט אין איר שמועס.

וויל איך וויסן, צי זי איז צופרידן, צי בענקט זיך נאָך עפּעס גרעסערס, צי שטרעבט זי צו עפּעס העכערס.

און דאָ באַקום איך לערך אַזאַ איינדרוק: גאַרדין איז געווען איר משיח, ער איז דאָס העכסטע און דאָס בעסטע פאַר איר. ער האָט זיך אויסגענומען און איצט איז ער געשטאָרבן... דאָ צעווייִנט זי זיך און הויבט אים אָן צו באַקלאָגן, ווי אַלע עלטערע פרויען באַווייִנען אַ ליבן בר־מינן: אונדזער טאַטע איז ער דאָך געווען, אונדזער שטאָלץ און אונדזער האָפענונג; אויף וועמען האָט ער אונדז איבערגעלאָזט; עלנטע יתומימלעך זענען מיר דאָך איצט, שעפעלעך אָן אַ פּאַסטוך!

זי ווישט די טרערן און פּלוצלונג, אָן קיין שום איבערגאַנג, ווערן די טרערן אויסגעטריקנט מיט אַ טיכעלע און זי הויבט אָן רעדן מיט אַ קלאָרער שטים:

— „גאָרדינען האָבן מיר שוין אָפּגעשפּילט, קיין אַנדער גאָרדין זעט זיך נישט. ער, גאָרדין, איז דאָך אַזוי רייך און געשמאַק; אַ שטיקל עברי זיינע צעגייט ממש אין מויל, איטלעכס וואָרט האָט אַ מחיהדיקן טעם. איר פילט עס לאַנג אין מויל און עס ווילט זיך אייך נאָך אַזעלכע ווערטער... אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, דער טאַטע אונדזערער״.

אַמאָל כאַפּט זיך ביי איר אַרויס אַ קלוגע און טיכטיקע באַמערקונג וועגן אַ ראָלע, וועגן אַ פּיעסע, אָבער נישט פּאָלירט, נישט שפּילעוודיק ווערט עס אַרויסגעזאָגט. קאַנטיק און וואָגיק גייט עס אַרויס.

אָבער ווונדערלעך איז איר ייִדיש. עס איז דער פּשוטער און גוטער פאַרבנרייכער ייִדיש. קערנדיק און מיט גערדיכטע קאָלירן גייען ביי איר אַרויס די ייִדישע זאַצן, מיטן געזונטן חוש און אינטויִציע ווערן געשטעלט אויפן ריכטיקן אָרט פּינטעלעך, קאָמעס, פראַגע־צייכנס און אויסגעשריי־צייכנס. זי קען אַ וואָרט מאַכן קורץ, אייליק און האַסטיק; זי קען אים אויך געבן אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ, זי קען עס פאַרשפּיצן און פאַרקיילעכדיקן, אָבער אַלץ צו פאָלקסטימלעך.

דאָס איז געווען דער הויפּט־חן אין איר שפּילן.

איר בעסטע ראָלע איז אָן ספק געווען „מירעלע אפרת״. איך ווייס

נישט נאָך אַ ייִדישע שוישפּילערין, וואָס זאָל רעדן אַזוי פּליסיק, אַזוי נאַטירלעך און אַזוי פאַרביק, ווי אסתר־רחל קאַמינסקי האָט גערעדט אין איר „מירעלע אפרת״.

איר מירעלע איז נישט געווען גענוג אַריסטאָקראַטין; אפילו נישט גענוג פיינע און ברייטע ייִדישע באַלעבאָסטע. איר מירעלע איז געווען אַביסל אַן אויפגעקומענע גבירטע, אַביסל אַ צו איינפאַכע ייִדענע, מער זאַגערקע, מער בריה אויף אויסטענהן זיך, ווי ליידנדיקע מוטער; זי איז געווען מער דעספּאָטישע שוויגער ווי „וועלט־פרוי״, מער בירגערלעך־מיושבדיק ווי קאַפּריזנע־פּריציש, מער פאַרעקשנט, ווי באַליידיקטער שטאָלץ, און מער מאַנסביל ווי פרוי אין האַלטונג.

בכלל האָט איר מירעלע זיך וויניק באַנוצט מיט מימיק און באַוועגונג; דער שטראַמער הילוך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, דאָס קלאַפּן מיטן שטעקן, עטלעכע קאָמבינאַציעס מיטן נאָז־טיכל — דאָס אינגאַנצן איז געווען מירעלעס „שפּיל מיטן קערפּער״.

אָבער ווען מירעלע האָט אָנגעהויבן מאָראַליזירן, מוסר־השכלען, באַקלאָגן זיך און רעדן וועגן ליבע צו קינדער פון עלטערן און וועגן דער אומדאַנקבאַרקייט פון קינדער, איז אסתר־רחל געווען גלענצנד. דאָס דאָזיקע זאָגעכץ האָט געהאַט ווונדערלעכע ייִדישע קאָלירן. זאָגערינס פון דורות, מאַמעס פון דורות האָבן באמת געקענט ווונדערלעכע עברי. אָפּט זאָג איך מיר, אַז זאָגעכץ גוטע, ווי אסתר־רחל האָט עס געקענט, איז און דאַרף זיין אַ באַזונדער שטריך אין אונדזער שוישפּיל־קונסט.

וואָס האָט אייך נישט דערמאָנט דאָס דאָזיקע זאָגעכץ, — עס האָט אייך דערמאָנט די תחינות, צאינה וראינה, קו הישר און אַנדערע הייליקע ספרים, אויף וועלכע די ייִדישע פרוי האָט זיך דורות־לאַנג דערצויגן.

מירעלע איז געווען די גרעסטע און בעסטע ראָלע אירע. זי האָט נישט געהאַט קיין זין פאַר קליידונג, פאַר פאַרבן און פאַר ליניעס, אָבער איר מירעלע איז געווען פּרעכטיק געקליידט, אַ מאַיעסטעטישע זאָגערין, עפּעס אַ גרויסער בעל־דרשן אין פרויען־קליידונג איז געשטאַנען פאַר אייך.

איר שטים איז געווען אַביסל געבראָכן. אַזעלכע שטימען האָבן פּראָ־

פעסיאָנעלע רעדנער און יידישע בעל־תפילות. עפּעס אַ באַהאַלטענע הייזעריקייט, וואָס פּאַסט גראָד פאַר רעדנעריי און צום דאַווענען, פאַר אויסטענהן זיך אין גאַס פאַר גרויסע מאַסן, דאָס האָט פאַרמאָגט איר שטים; קיין שפּיל, קיין רייץ, קיין צאַרטקייט, קיין וואַרעמקייט, אָבער פאַר זאָגן האָט זיך איר שטים וווּנדערלעך געפּאַסט.

זי האָט געשפּילט יונגע ראָלן, ווי, למשל, כאַסיע די יתומה, אסתרקע אין „דער שחיטה״, טאַמאַרע אין דוד פּינסקיס „יענקל דער שמיד״ א״אַ, און דאָ האָט זי איר פּריציייטיקע אַלטקייט נישט געקענט באַהאַלטן. זי האָט נישט געקענט די פּרויען־סודות און אַפילו נישט די פּראָפעסיאָנעלע סודות פון גרים און קליידן־זיך, ווי אַנדערע שוישפּילערינס אין אירע יאָרן ווייסן זיי.

שפּילנדיק דאָס בלוט־יונגע ווייבל טאַמאַרע אין „יענקל דער שמיד״, האָט זיך ביי איר פאַרקאָטשעט דער אַרבל פון פּעניואַר און די אַלטע האַנט האָט אָפּגעלייקנט דעם גאַנצן גרים. זי האָט נישט געקענט פאַרמאַסקירן איר קנאָכעדיקייט, די שפּיציקייט פון אירע עלנבויגנס און די ווינקלקייט פון אירע אַקסלען.

עס איז געווען אַ יידישע קליינבירגערלעכע פרוי, וואָס האָט אַמאָל דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן, אַן אָרעמע און פינצטערע יוגנט, ביטערע מיידלשע יאָרן און נאָך ביטערערע ווייבלשע יאָרן, וואַנדערנדיק מיט איר ווייניק ריטערלעכן מאַן און מיט איר נאָך ווייניקער ריטערלעכע קאָלעגן איבער שטעט און שטעטלעך.

אַן אָנגעווייטאָגטע, מיט אַ האַרץ פול מיט קלעמעניש און שטילער פאַרביטערונג, האָט זי גוט און שאַרף געשילדערט אירע שוועסטער פון איר מערכה, אירע שוועסטער פון איר סאָציאַלן שטאַנד.

האָט זי אָבער באַדאַרפט אַביסל זיך חנדלען ווי אַ יונגע פרוי, אַביסל קאָקעטירן אָדער לאַכן, איז זי געווען אומבאַהאָלפן. די ליכטיקע שטיפעריש מאָמענטן אין אַ זייער שווער און פינצטער לעבן האָט זי נישט געקענט שילדערן.

קליין, ענג און שמאָל איז געווען איר וועלט, אָבער דאָ האָט זי זיך געפונען. דאָ זענען אירע איבערלעבונגען געווען עכטע, אירע שילדערונגען קלאָרע און אמתע. זי האָט זיך נישט באַדאַרפט אָנשטרענגען

שפּילנדיק די מענטשן אירע, נאָענט און ליבלעך זענען זיי איר געווען.

איך פלעג זיך אָפט וווּנדערן: ווי אַזוי איז עס מעגלעך מיט אַזאַ לערד אָרעמער שוישפּילערישער טעכניק, מיט אַזאַ פאַרנאַכלעסיקונג פון פלאַס־טיק, מימיק און אַנדערע עלעמענטאַרע שוישפּילערישע מיטלען, צו דער־גרייכן אַזאַ עפעקט? שפּעטער האָב איך איינגעזען. אַז די ייִדישע פרוי, דערהויפּט די מוטער, דאַרף גאָרנישט אָנקומען צו די דאָזיקע מיטלען. עס איז דאָ עפּעס אַן אינערלעכע וואַרעמקייט, אַן אינערלעכע ווייכקייט, וואָס זאַפּט זיך איין אין וואָרט און דורך אים קומען זיי צום אויסדרוק.

איר גרויסער דערפאָלג איז געקומען פאַר איר אומדערוואַרט. זי איז פון אַן עלנטער וווּנדערנדיקער קאָמעדיאַנטקע געוואָרן אַ באַרימטע שוישפּילערין; מיט אַמאָל איז זי פון געדיכטער גרויקייט אַריינגעפאַלן אין פּעטערבורגער גלאַנץ, מיט אַמאָל איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן פון נייע מענטשן, מיט וועלכע זי האָט זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט, מיט מענטשן פון אַן אַנדער קלאַס און דערציִונג. גרויס־שטאָטישע טעאַטער־קריטיקער, גרויס־שטאָטישע טעאַטראָמאַנען, ייִדישע אַריסטאָקראַטן און נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדישע סטודענטן האָבן זי געפייערט. די דאָזיקע קליינשטעטלדיקע פרוי האָט אַפילו נישט געקענט גענוג רוסיש צו פאַר־שטיין אירע נייע באַוווּנדערער. ווען צוזאַמענריידן זיך מיט זיי אין רו־סיש האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין.

אָבער קלוג איז זי געווען אסתר־רחל קאַמינסקי; און איינגעבוירע־נעם טאַקט האָט זי פאַרמאָגט און זי האָט זיך פאַרט נישט פאַרלאָרן, ווי די אַנדערע פּרויען און מענער פון איר טרופּע, וועלכע האָבן פּשוט נישט געוווּסט ווי אַ פוס צו שטעלן אין דעם נייעם לעבן, וואָס האָט זיך פאַר זיי פּלוצלונג געעפנט...

זי איז געוואָרן שטאָלצער, באַוווּסטזיניקער, זעלבסטשטענדיקער און דרייסטער. אויף די באַנקעטן פלעגט זי פּשוט ייִדישלעך ענטפערן אויף די רעדעס און טאָסטן און דער פרעמדער עולם איז געווען אין גרויסער באַגייסטערונג פון דער דאָזיקער פאָלקס־פרוי.

שווער איז איר געווען זיך צוצופּאַסן מיט ייִדישע שרייבער און האַלטן זיך ווי עס פּאַסט פאַר דער גרויסער ייִדישער שוישפּילערין. אין דער קעגנוואַרט פון פּרץ פלעגט זי זיך אינגאַנצן פאַרלירן.

י. ל. פרץ האָט מיר איינמאָל איבערגעגעבן וועגן אַ צוזאַמענקום מיט איר. ער האָט זי בשום אופן נישט געקענט אַריינצוּיען אין אַ טעאָרעטיש־טעאַטראַלישן שמועס און ער אַליין האָט נישט געקענט אָנשלאָגן אַזאַ טאָן, וואָס זאָל זיין צוגעגנגלעך פאַר איר קולטורעלער אַנטוויקלונג.

אין מיינע שמועסן מיט איר פלעגט אויך זיין עפּעס אַ פאַרלוירנקייט, סיי פון מיין זייט און סיי פון איר זייט. זי האָט זיך נישט געקענט אויפ־הויבן צו מיין „אינטעליגענטישער" באַנעמונג פון טעאַטער. פונדעסטוועגן האָבן מיר די שמועסן מיט איר אָפּט פאַרשאַפט פאַרגעניגן. איך פלעג אָפט איבערראַשט ווערן פון איר איינגעבוירענעם, נישט געשליפענעם, אָבער געזונטן שכל־הישר. איך פלעג אָפט באַוווּנדערן, ווי זי נעמט אויף מיטן אינסטינקט טעאַטער־פּראָבלעמען, ווי פּשוט אָבער ריכטיק זי אור־טיילט וועגן אַ פּיעסע, וועגן אַ כאַראַקטער אין אַ פּיעסע און ווי קלאָר זי באַנעמט דעם גאַנצן מצב פונעם יידישן טעאַטער.

ווען די דאַזיקע פרוי וואָלט כאָטש אין די לעצטע יאָרן געהאַט אַרום זיך בעסערע און אינטעליגענטערע מענטשן, וואָלט זי מיט איר ווונדער־לעכער צופּאַסונג־פעיִקייט געוואָרן געשליפענער, פיינער און ראַפינירטער... זי האָט זיך אָבער נישט געקענט באַפרייען פון איר פּריִערדיקער סביבה. זי איז אין איר טאָג־טעגלעכן לעבן געווען אַרומגערינגלט פון מענטשן ווייטע און פרעמדע פון קולטור.

זי האָט דאָך געפילט, אַז דער דערפאָלג אירער פאַדערט פון איר העכערע שוישפּילערישע אויפטוען. זי קען נישט בלייבן בלויז ביי גאָר־דינען. זי מוז זיך אויפהויבן אויף אַ שטאַפּל העכער. זי האָט זיך אָנגע־נומען מיט דרייסטקייט און אָנגעפּאַנגען שטודירן איבסענס „נאָראַ", זו־דערמאַנס „היימאַט". דאָס איז אָבער נישט געווען פאַר אירע כוחות. איר נאָראַ איז געווען אַ יונגע מירעלע אפרת. טראַגיש איז געווען צו זען, ווי מירעלע אפרת טאַנצט אַ טאַראַנטעלע, ווי מירעלע וויל אָננעמען איי־ראָפּעיִשע מאַנירן.

איר האָט נישט געזען די טראַגעדיע פון נאָראַ. איר האָט געזען די טראַגעדיע פון אַ יידישן שוישפּילער, וואָס איז אַזוי הילפלאָז.

אין „היימאַט", ווו זי האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ באַוווּסטער איי־ראָפּעיִשער אַרטיסטין, איז זי געווען נאָך אומבאַהאָלפענער; עס איז נישט

געווען די דאָזיקע עלעגאַנץ, די דאָזיקע נישט־איינגעהאַלטענע קאַפּריזן פון צעפּיעשטשעטער וועלט־אַרטיסטין און עס זענען נישט געווען דער שטורם און די פרייהייט, וועלכע זענען פאַר דער דאָזיקער העלדין געווען אַזוי נאַטירלעך.

אַ יידישע פרוי, וואָס האָט קיינמאָל אין איר לעבן קיין גרויסע שטורמס נישט איבערגעלעבט. זי האָט חתונה געהאַט, געהאַט קינדער, געוואָרן אַ מוטער און אַן אשת־חייל. זי איז נישט געווען ווי די ברויט־געבערין פון אונדזערע זיידעס. די באָבעס אונדזערע אָבער האָבן געהאַט מענער גרויסע לערנער און האָבן זיך געיחוסט מיט דעם; זי האָט אַפילו דאָס אויך נישט געהאַט.

צו איר גרויסן שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זי איז געווען זייער אַ גוטע קאָלעגין. זי איז געווען איבערגעגעבן אירע חברים־שוישפּילער, זי האָט ליב געהאַט די טרופּע, וואָס מיט איר איז זי אַזוי באַרימט געוואָרן. און ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן איר, וואָלט זי די טרופּע קיינמאָל נישט פאַרלאָזט.

זי האָט כסדר געוואָלט האָבן אַ רעזשיסער אין איר טרופּע און מיט גרויס דרך־ארץ און דאַנקבאַרקייט האָט זי זיך באַצויגן צו מאַרק ארנ־שטיין, וועלכער איז געווען נאָענט צו דער טרופּע און פלעגט פון צייט צו צייט רעזשיסירן אירע אויפפירונגען.

מאַרק ארנשטיין איז געווען אפשר דער איינציקער ליטעראַט, וואָס האָט געקענט צוגיין צו די דאָזיקע פרימיטיווע קינסטלער, איינלעבן זיך מיט זיי, שטעלן זיך מיט זיי, אַזוי צו זאָגן, אויף איין ברעטל און רעדן מיט זיי אויף זייער שפּראַך. אָבער ער האָט אַפילו נישט געקענט איינ־גאַנצן זיך אַריינפלייזן אין דער טרופּע; ער איז פאָרט געווען אַן אַנדע־רער. אָט האָט ער זיך מיט זיי צוזאַמענגערעדט, איינגעלעבט, אָבער מיט־אַמאָל דערזעט ער, אַז אַ טיפער תהום ליגט צווישן זיי און אים. גייט ער אַוועק, קומט צוריק און גייט ווייטער אַוועק. אסתר־רחל האָט ליב גע־האַט דעם דאָזיקן אינטעליגענטן מענטשן; ער איז דאָך געווען דער איינ־ציקער, וואָס זי האָט באַגעגנט אין איר לעבן, דער איינציקער אינטעלי־גענט, מיט וועלכן זי האָט געקענט זיין היימיש.

אין דעם צעפאַלן פון דער „ליטעראַרישער טרופּע" איז זי געווען

צום ווייניקסטן שולדיק. די דאָזיקע קלוגע, און בעצם באַשיידענע פרוי, וואָלט זיך אַליין באַנוגנט מיטן גליק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. זי וואָלט קיין גרעסערע גליקן נישט געזוכט. אָבער איר מאַן, קאַמינסקי, האָט פאַר איר געזוכט גרעסערע גליקן. און אַ ייִדישע פרוי איז זי געווען. אַ מאַן איז אַ מאַן, האָט זי פאַרלאָזן איר „אין האַרצן איינגעבאַקענע טרופּע" (אירע ווערטער), געפאָרן איינמאָל אין אַמעריקע, געקומען צוריק און ווייטער געשפּילט מיט זיי אַלס גאַסט; ווייטער אַוועקגעפאָרן און ווייטער געשפּילט מיט זיי. זי האָט זיך געטיילט: צוויי ווינטער־סעזאָנען געשפּילט אין אַמעריקע און צוויי זומערן אין וואַרשע מיט איר אַמאָליקער טרופּע.

אין אַמעריקע האָט זי נישט געהאַט דעם קינסטלערישן דערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט אין רוסלאַנד. דערפאַר איז דער מאַטעריעלער דערפאָלג געווען גרויס פאַר אירע השגות. זי פלעגט קומען פון אַמעריקע אַ מידע, אַ צעשרויפטע, אָבער דערפאַר מאַטעריעל עפּעס זיכערער.

די השגות אירע זענען שפּעטער געוואָרן אַביסל גרעסער, אָבער זי האָט שוין נישט געקענט ווידער זיך צונויפקומען מיט אירע אַמאָליקע חברים. זי איז געוואָרן אַ „סטאַר". איר מאַן, וואָס איז מיט איר געווען אין אַמעריקע, האָט דאָרט געכאַפּט דעם שניט. ער האָט אויסגעבויט אַ טעאַטער, וואָס הייסט „קאַמינסקיס טעאַטער". דאָרט האָט די גוטע אסתר־רחל באַדאַרפט „סטאַרעווען" און פירן אַ ברייט לעבן אַלאַ טאָמאַשעווסקי אין יענע יאָרן...

דער דאָזיקער טעאַטער איז געווען דאָס גרעסטע אומגליק אין איר קאַריערע; עס איז אַן אומגליקלעכע געביידע, איבערגעבויט פון אַ צירק. די אַקוסטיק איז אַ שוידערלעכע, קיין דראַמע קען מען דאָרט נישט שפּילן; אין די ערשטע צען רייען הערט מען נאָך עפּעס, וואָס מען רעדט אויף דער בינע. פון דער צענטער ריי אָן הערט מען קלאָר קיין וואָרט נישט.

זי האָט פּרובירט אויפטרעטן אין איר אייגענעם טעאַטער, אָבער באַלד האָט זי דערפילט, אַז אין דעם טעאַטער קען דער גרעסטער גאון קיין „סטאַר" נישט זיין.

דער סוף איז געווען, אַז איר מאַן, אַברהם קאַמינסקי, האָט גענומען דעם טעאַטער אין זיינע הענט, האָט אָנגעהויבן אויפפירן די סאַמע ווייסטע אָפּערעטעס פון זיין אייגענער און פון אַמעריקאַנער פאַבריקאַציע.

אסתר־רחל איז געבליבן עפּעס אַרויסגעשטויסן.

אין אַמעריקע האָט מען זי מער נישט גערופן. נאָך די צוויי איינלאַ־דונגען איז קיין דריטע נישט געקומען. דאָ אין דערהיים האָט זי נישט קיין טעאַטער; פון איר אַמאָליקער טרופּע האָט זי זיך אינגאַנצן אָפּגע־ריסן און צו אָרגאַניזירן אַ נייע טרופּע איז קיין ענערגיע נישט געווען. אַגב איז דאַן אויפגעקומען די בהלה אויף אַמעריקאַנער אָפּערעטעס. „דאָס פּינטעלע ייִד" איז צוויי יאָר נאָכאַנאַנד נישט אַראָפּ פון אַ האַלבן טוץ ייִדישע טעאַטערס אין רוסלאַנד און פּוילן. דראַמעס האָט דער עולם אויפ־געהערט צו באַזוכן. אַזוי ארום האָט איר שטראַלנדיק גליק אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, וואָס ווייטער — אַלץ טונקעלער און טונקעלער.

פּערזענלעכע פאַמיליען־יסורים, דער טויט פון דער יונגער טאָכ־טער און דער דורכפאַל פון דעם טעאַטער האָבן אויף איר נאָך מער אַרויפגערוקט די אַלטקייט. זי פלעגט נאָך זיין שטאַרק, פון צייט צו צייט פלעגט זי אַרויסטרעטן אין וואַרשע, אָבער מערסטנס פלעגט זי אַרומפאָרן איבער די פּראָווינץ־שטעט, פלעגט מיט אָרטיקע טרופּעס גיך איינשטודירן גאָרדינס רעפּערטואַר. אַגב האָט מען עס נישט באַדאַרפט איינשטודירן, וואָרום וועלכער ייִדישער אַקטיאָר האָט נישט געשפּילט נחומצי חנה־דבורהס און אַנדערע ראָלן פון גאָרדינס פּיעסן?

און מערקווירדיק: נישט קוקנדיק אויף איר אַרטיסטישער אומטע־טיקייט, איז איר נאָמען געווען זייער גרויס. זי איז געווען זייער באַליבט. עפּעס איז זי געווען דער שענסטער אויפבליץ פון אַ שיינעם אָנהויב אין ייִדישן טעאַטער.

און נאָך מערקווירדיקער איז דאָס, וואָס נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט קיין נייע טריומפן, ענלעך אויף די אַמאָליקע, שוין קיינמאָל נישט געהאַט, איז זי נישט אַריינגעפאַלן אין יאוש, האָט קיין טענות צו דער וועלט נישט געהאַט. זי איז, פאַרקערט, געוואָרן געלייטערטער, שע־נער און עפּעס איידעלער.

ווען איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט שפּעטער, האָב איך געזען פאַר זיך אַ ליבע מוטערלעכע מירעלע אפרת. אַ קלוגער שמייכל האָט באַ־שטראַלט איר געזיכט. מילד און רעזיגנירט האָבן געקוקט אירע אויגן. די כמעט יונגע פרוי איז געוואָרן עפּעס אַ שיינע ליבע באָבע.

זי איז געווען אַ וווּנדערלעכע יידישע פֿאָלקס־פֿרוי. ביי אַנדערע פֿעלקער קומען אויף פֿון פֿאָלק אַזעלכע וווּנדערלעכע געוויקסן, זיי האָבן פֿיל זון, פֿיל ליכט, גוטע און קלוגע גערטנער היטן זיי אָפּ און מאַכן זיי וואַקסן און בליען... ביי אונדז האָט זיך באַוויזן אַ ווילדע, אָבער פּרעכטיק בלימל. עס האָט זיך אַביסל פֿונאַנדערגעבליט, האָט עס געהאַט ווייניק זון, ווייניק ליכט און קיין קלוגער גערטנער איז גאָרנישט געווען. האָט עס אַ בלי געטון און איז פֿאַרוויאַנעט געוואָרן.

יעקב גאָרדין איז געווען איר גייסטיקער פֿאָטער, איר העכסטער גייסטיקער חיות; גאָרדין האָט זי פֿון שטויב אויפֿגעהויבן צו רום, אָבער דער זעלביקער גאָרדין האָט איר פֿאַרצאַמט דעם וועג צו אמתער טעאַטער־קולטור און צו ווייטע קינסטלערישע האָריזאָנטן. ער איז געווען דער דראַמאַטורגישער שולמייסטער, וואָס קען געבן זיינע תלמידים דאָס עלעמענטאַרע, אָבער נישט קיין שווונג, נישט קיין אויפֿברויז און נישט קיין קינסטלערישן אומרו. שולמייסטעריש קלאָר איז ער געווען, ביזן סאַמע גרונט האָט מען אים דורכגעגומען און דאָרט האָט זיך אַלץ געענדיקט.

פֿאַר אסתר־רחלען איז גאָרדין געווען נישט בלויז אַ דראַמאַטורג, איר גייסטיקייט האָט זי געשעפּט פֿון זיינע דראַמען.

יעקב ליבערט איז געווען דער דראַמאַטישער שוישפּילער אין דער „ליטעראַרישער״ אָדער קאַמינסקיס טרופּע, אָדער ווי מען רופֿט עס דער „העלדן־ראַליסט״. ער איז געווען דער צווייטער זייל פֿון דער טרופּע.

ער איז באמת אַ שוישפּילער מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, מיט אַ שטאַרקער בויגיקער דראַמאַטישער שטים. אַ האַלב־פּרימיטיווער מענטש, איז זיין דראַמאַטיזם נישט זייער פֿאָלירט, נישט זייער געשליפֿן, דערפֿאַר אָבער זייער זאַפֿטיק און קערנדיק.

ער פֿאַרמאָגט אַ פֿיינעם קאָפּ מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, אָבער פֿון די ליפּן אָן איז שוין זיין קערפּער שווער און שלעכט געפֿורעמט. דער האַלדז איז קורץ, די פּלייצעס צו ברייט און צו פֿליישיק. די ליפּן מאַסיוו, דאָס מויל צו גרויס, די ציין פֿערדיש־געזונט, דער גאַנצער קערפּער איז קורץ און פּירקאַנטיק, ווי די מייסטע יידישע טונקעלע מאַנסבילן איז

ער געניגט צו פּעטקייט, איז ער אַביסל באַבייכלט, דאָס וואָס פּאַסט לחלוטין נישט פאַר אַ העלדן־ראַליסט.

בטבע אַ געזונטער יידישער פאָלקס־מענטש, שטרענג־אָרנטלעך אויפן בירגערלעכן שטייגער, בעל־גופיש און אין פּריוואַטן לעבן אויך נישט זייער ראַפינירט, — פלעג איך אָפּט ממש שטוינען, ווען איך פלעג אים זען אויף דער סצענע אין זיינע גוטע ראָלן; דאָ איז געווען ערטער־ווייז פיינקייט און אַפילו אַביסל ראַפינירטקייט; דאָ איז געווען אָפט גאַנץ טיפע באַנעמונג פון דער ראָלע און אַפילו אַמאָל אייגנאַרטיקע אויס־טייטשונג.

אויף דער בינע האָט זיין קורצער, פליישיקער קערפּער באַקומען באַוועגלעכקייט, זיין געזיכט שפּילט און זיינע זשעסטן זאָגן עפּעס.

דער ליבסטער שוישפּילער פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן יידישן טעאַטער, איז געווען זשעליאַזאָ. קליין־געוויקסיק און טרוקן, פלעגט ער אויף דער סצענע זיך ממש פאַרוואַנדלען אין אַן אַנדערן: ווייכקייט, האַרציקייט פלעגט אַרויסשטראָמען פון אים.

ער איז געווען אפשר דער ערשטער יידישער אַקטיאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן פּאָזיטיוו צו שילדערן דעם יידישן רב, דעם פרומען יידישן מענטשן. זיינע רבנימלעך זענען באמת געווען ליבע, האַרציקע תמימים, קינדישע ריינקייט און מאָראַלישע לויטערקייט גיסן זיך צונויף.

די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט, טיילוויז אונטער דעם איינפלוס פון י. ל. פּרץ, געענדערט איר באַציִונג צום יידישן רב, צום פרומען יידן, פלעגט זיך ממש תיותן מיט זשעליאַזאָס זיידענע רבנימלעך און סתם האַרציקע און קרישטאָלענע יידעלעך.

זשעליאַזאָ איז געווען י. ל. פּרצעס ליבלינג. אים האָט זיך געדוכט, אַז זשעליאַזאָ איז בכוח צו פּערזאָניפיצירן אַלע זיינע צדיקים, רבנים און פיינע חסידים.

ווען דער דאָזיקער זשעליאַזאָ וואָלט געלעבט אַ נאָרמאַל קינסטלע־ריש לעבן, ד״ה ווען ער וואָלט כסדר געהאַט דעם ריכטיקן טעאַטער, וואָלט ער באמת זיך אַנטוויקלט צו איינעם פון די פיינסטע יידישע שוי־שפּילער. אָבער דאָס איבערגיין פון איין טרופּע אין דער אַנדערער, דאָס

כסדרדיקע וואַרפֿן זיך פֿון ליטעראַטור צו שונד, די אייביקע וואַגלענישן האָבן אים געשטערט צו ווערן דאָס, וואָס אַלע האָבן דערוואַרט פֿון אים.

ווייסמאַן איז געווען דער קאָמיקער אין דער טרופּע. ער איז עס געווען דער נייער „ליטעראַרישער" קאָמיקער; ער האָט שוין כלומרשט געאיידלט דעם גראָבן קאָמיזם פֿון דעם יידישן טעאַטער. ער איז געווען באַליבט און געגלאַלטן פֿאַר דעם פֿיינעם קאָמיקער.

ווי אַזוי דער דאַזיקער אָנגעגאָסענער, שוווער־לייביקער, העלפֿאַנ־טיש־אומבאַוועגלעכער און פֿאַרשלאָפֿענער מענטש איז געקרווינט געוואָרן פֿאַרן בעסטן יידישן קאָמיקער, פֿאַרשטיי איך ביזן היינטיקן טאָג נישט. די איינציקע ראָלע, וואָס איז געווען אַביסל עכט, איז געווען די ראָלע פֿון נחומצי חנה־דבורהס, ווייל ער איז אַליין געווען אַ נחומצי.

דערפֿאַר איז געווען זיין פֿרוי יערמאָלינע אַ פֿענאָמענאַלע דערשיי־נונג: אַ פֿינצטערע יידענע, אַ פֿולשטענדיקע אַנאַלפֿאַבעטין, מיט דער באַ־נעמונג פֿון אַ סעדעכע, פֿלעגט זי וווּנדערלעך שפּילן די ראָלן פֿון בייזע, שעלטנדיקע, צאַרנדיקע און מיט קלעמעניש אָנגעלאָדענע יידישער ווײַ־בער.

משונהדיק הויך און מאָגער, העסלעך און כמעט אָפּשטויסנדיק, פֿלעגט זי אויף דער סצענע אין אירע ראָלן אימפּעטן, פֿלעגט זי אָנהויבן שיטן מיט דיבורים, פֿלעגט דאָס טעאַטער ממש געדיכט ווערן פֿון בייז־קייט און פֿלעגט פֿאַרפֿלייצט ווערן פֿון אַ מבול פֿון רשעותדיקע ווערטער.

ס. עדעלמאַן איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ פֿאַרבלאָנדזשעט שעפּעלע צווישן די דאָזיקע פּשוטע , פּרימיטיווע און פֿינצטערע פֿאָלקס־מענטשן. זי איז געקומען פֿון אַ באַלעבאַטישער פֿאַמיליע, האָט באַקומען אַן עלעמ־טאַרע רוסישע בילדונג און בכלל שוין געווען אַ מיידל מיט נאָגענישן, ווי יעדע מער אָדער וויניקער אינטעליגענטע מיידל אין יענער צייט. שטשופּ־לע, אָבער מיט אַביסל גראַציע, איז זי געווען עפּעס אַ זיידן פֿעדעמל אין דעם געוועב פֿון דער טרופּע. אַ פֿעיִקע שוישפּילערין, איז זי געווען פֿיי־נער ווי אַנדערע פֿרויען אין האַלב־דראַמאַטישע און האַלב־כאַראַקטער ראָלן. אַביסל אַן איינזאַמע אין דער טרופּע, האָט זי געהאַט וויניק געלעגנהייטן אַרויסצורוקן זיך.

סעראַצקי, אַ יונגער מענטש, שיין געבויט, מיט אַ שטיקל חוש פֿאַר

קליידן זיך, דערצו אַ „לירישער" זינגער, איז געווען דער ליבהאָבער אין דער טרופּע.

די דאָזיקע שוישפּילער זענען געווען דער קערן פון דער בעסטער יידישער טרופּע.

קליינע ענדערונגען אין דער צוזאַמענשטעלונג פון דער דאָזיקער טרופּע פלעגן אָפט פאָרקומען. עס פלעגט צוקומען אַן אַנדער אַקטיאָר, עס פלעגט זיך אָפּרייסן איינער, אָבער אין אַלגעמיין איז דער אַנסאַמבל פון דער טרופּע געווען כמעט דערזעלבער.

37

די קורצע שותפות פון ליטעראַטור און טעאַטער

נאָך די ימים טובים האָט זיך געעפנט די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט". עס איז געווען די ערשטע פאַרזאַמלונג. עס ווערט אויסגעקליבן דער פרעזידיום: פרץ — פאָרזיצער, י. דינעזאָן — קאַסיר און איך, צו מיין גרעסטער איבערראַשונג, בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר.

אין פרצן איז אויפגעשטורעמט געוואָרן אַ תהום פון פרישע ענערגיע. אין אַזעלכע צייטן פלעגט ער ווערן יונג, וויציק, שאַרף און אַזוי מונטער, אַז ער פלעגט אַלעמען אָנשטעקן מיט זיין יוגנטלעכקייט און ברויזנדיקער ענערגיע.

אין דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" האָבן מיר געהאַט אַ שטילן שותף, דעם האַלב־לעגאַלן, סאָציאַליסטישן „בונד".

אויף דער ערשטער זיצונג איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויפן טיש די טעאַטער־פראַגע. עס איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק פון אַלע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַ ריי פאָרלעזונגען וועגן טעאַטער.

מיט דעם ערשטן אַרויסטריט האָט מען מכבד געווען מיך.

מיין ערשטע פאָרלעזונג איז געווען וועגן אַברהם גאָלדפאַדען. פרץ איז געווען פאָרזיצער און אין דעם קליינעם זאַל איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ.

איך האָב דערזען, אַז אויפן טעאַטער גופא האָב איך קיין שום ווירקונג נישט געהאַט, האָב איך אָבער לעזער פּאַר טעאַטער־קריטיק יאָ געשאַפן. מיך האָט איבערראַשט און גערירט די אויפנאַמע פון דעם עולם, מיינסטנס יונגעלייט אין קליינע היטעלעך און קאַפּאָטעס.

פּרץ איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט קוים באַרויִקט דעם עולם.

זיינע עטלעכע קורצע, בליצנדיקע אַריינפיר־ווערטער וועגן טעאַטער האָבן צעהיצט דעם עולם און אויך מיך, און מיין ערשטע פּאַרלעזונג איז, אומגעריכט פאַר מיר אַליין, אַראָפּ גוט.

צו יענער צייט איז שוין אסתר־רחל קאַמינסקי געווען אין אַמעריקע און איר גרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען „פּאַראייניקטע" און זיך געגרייט צו עפענען דעם ווינטער־סעזאָן.

דריי פאָרשטייער פון די „פּאַראייניקטע" זענען געקומען צום פּרעזידיום פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט", אָדער ריכטיקער, צו פּרצן און צו מיר, אַז מען זאָל זיך פאַרבינדן מיט זיי; עס הייסט — זיי ווען ווייטער אָנהאַלטן די ליניע פון דער „ליטעראַרישער טרופּע", זיי ווילן שפּילן ליטעראַטור און „געבן דעם בעסערן עולם אמתע קונסט". מיר זאָלן זיך ווענדן צו דער יידישער געזעלשאַפט נאָך שטיצע, מיר זאָלן זיין זייערע ראַטגעבער. בכלל, אַ בונד זאָל געשלאָסן ווערן צווישן טעאַטער און ליטעראַטור.

פּרץ האָט עס אויפגענומען מיט ווייניק ענטוזיאַזם.

איך האָב אָנגעהויבן שטעלן פראַגן וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די טרופּע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז צו יעדער צייט קען זי איבערלאָזן די „ליטעראַטור" און איבערגיין לייכט צו דער אָפּערעטע.

די שלוחים האָבן אויפן אָרט געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז טאַקע זייער כוונה; מען מוז זיין גרייט אויף אַלץ. וועט גיין ליטעראַטור, וועלן אַפילו די זינגער שפּילן ליטעראַטור; אויב, חלילה, נישט, וועלן די דראַמאַטישע שוישפּילער אַפילו מוזן זינגען.

קיין וועלכע עס איז אָפּמאַכן זענען, פאַרשטייט זיך, נישט געשלאָסן געוואָרן; קיין קלאָרע צוזאָגן זענען אויך נישט געגעבן געוואָרן. עס איז

בלויז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די „פאַראייניקטע" קענען זיך מיישב זיין מיט אונדז וועגן דעם אוסוואַל פון פּיעסן, און אויב מיר וועלן אַוועקשטעלן די טעאַטער־פּראַגע געזעלשאַפטלעך, וועלן מיר אַרויסשטעלן די „פאַראייניקטע" אַלס אַ טרופּע, וועלכע די יידישע געזעלשאַפט דאַרף שטיצן.

און טאַקע דאָ באַלד האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זיין די יועצים בנוגע דעם אויסוואַל פון אַ פּיעסע.

איך וועל דערציילן דעם דאָזיקן פאַל, ראשית — ווייל ער איז פאַר זיך אַליין אינטערעסאַנט, אָבער דער עיקרשט צו באַווייזן, ווי פאַלש עס זענען געווען די באַשולדיקונגען פון נח פּרילוצקין אין אַ גאַנצער ריי פּאַמפלעטן, באשר בכן מיר האָבן אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף גאָרדינען און אַז מיר האָבן זיינע פּיעסן באָיקאָטירט.

די מעשה איז געווען אַזוי: ה. ד. נאָמבערג האָט דאַן איבערגעזעצט גערהארדט הויפּטמאַנס באַרימטע דראַמע „פורמאַן הענשל". ווען די „פאַראייניקטע" האָבן זיך אָרגאַניזירט און אַנגעהויבן צוזאַמענשטעלן אַ רעפּערטואַר, האָט פאַר זיי ה. ד. נאָמבערג פאָרגעלייגט זיין איבערזעצונג. די „פאַראייניקטע" האָבן אויסגעהערט און איבערראַשט דערקלערט, אַז זיי האָבן אַזאַ יידישע פּיעסע פון י. גאָרדין, „די שבועה" הייסט זי, ווייסן זיי נישט דעריבער וואָס צו טון.

ה. ד. נאָמבערג, פאַרשטייט זיך, האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אויפפירן דעם אָריגינאַל און נישט גאָרדינס באַאַרבעטונג. די שוישפּילער האָבן זיך געקוויינקלט און האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט געבן.

מען איז געקומען צו אונדז, מיר זאָלן פּסקענען די דאָזיקע האַרבע שאלה. נישט פּרץ און נישט איך האָבן געקענט „די שבועה". די „פאַראייניקטע" האָבן געהאַט איין געשריבענעם עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער פּיעסע. איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך אַלע צונויפקומען און דורכלייענען גאָרדינס „שבועה".

אין אַ האַרבסט־טאָג, באַלד ווי פּרץ איז פריי געוואָרן פון זיין אַרבעט אין דער גמינע, זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין דעם מוראַנאַווער טעאַטער („ערמיטאַזש") און מיר האָבן דורכגעלייענט „די שבועה".

און נאָך אַ קורצן וויכוח צווישן אונדז האָבן מיר געראָטן די „פאַר־

איינִיקטע" אויפצופירן „די שבועה" און נישט דעם אָריגינאַל „פורמאַן הענשעל".

פּרצן איז, אמת, שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן גאָרדינס באַאַר־בעטונג. ער האָט געפונען, אַז זי איז פלאַך און אַז די גאַנצע זאַפטיקייט פון דער דראַמע איז אויסגעטריקנט געוואָרן דורך דער באַאַרבעטונג.

אָבער מיר אַלע האָבן איינגעזען, אַז דער אָריגינאַל איז אַ צו האַר־טער נוס פאַר יידישע שוישפּילער. די באַאַרבעטונג איז גראָד צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע יידישע אַקטיאָרן.

פּרץ און אַפילו נאָמבערג האָבן עס באַלד איינגעזען און האָבן מסכים געווען אַז „די שבועה" איז פּאַסנדיקער. די אַקטיאָרן זענען געווען זייער צופרידן און אַביסל אויך איבערראַשט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיי איינ־שטימיק געראַטן צו נעמען זיך באַלד פאַר דער אויפפירונג פון גאָר־דינס „שבועה".

מיט חשק און מיט פרישן ברען האָבן די „פאַראייניקטע" גענומען שטודירן „די שבועה" און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי געגעבן אַ גאַנץ גוטע אויפפירונג. די זינגערין פון דער טרופּע, גורעוויטש, איז געווען אַ גוטע פּאַטשטאַרקע, אָבער באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער דאָזיקער פּיעסע זשעליאַזאָ (ער האָט דאָרט געשפּילט אַ טייערן, האַר־ציקן און פּשוטן יידל), י. ליבערט און נאָך.

אָבער צו אונדזער אַלעמענס אַנטוישונג האָט די פּיעסע נישט גע־האַט קיין גרויסן דערפאָלג ביים עולם. דער עולם האָט אָנגעפילט די צוויי אַנדערע טעאַטערס, ווו מען האָט געשפּילט אָפּערעטעס און מע־לאָדראַמעס.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די „פאַראייניקטע" האָבן זיך געראַטעוועט מיט אַן אָפּערעטע.

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן עס געטון מיט אַ שווערן געמיט, און ווייטער — האָבן זיי זיך איינגאַנצן נישט אָפּגעזאָגט פון זיי־ערע גוטע שטרעבונגען; זיי האָבן מיט אַ געוויסער עקשנות אויך אויפ־געפירט נייע דראַמעס און אָפּגעפרישט זייער אַלטן רעפּערטואַר.

נישט פאַרשטענדלעך איז אונדז געווען די פאָלגנדיקע דערשיינונג: דער עולם האָט ארויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן אינטערעס צו אונדזערע פאַר־

לעזונגען אויף טעאַטער־טעמעס. עס איז געווען אַ מסוכנדיקע שטויסעניש אויף אונדזערע פאַרלעזונגען וועגן טעאַטער. אין דער זעלבער צייט אָבער פלעגט יעדע בעסערע אויפפירונג אין יידישן טעאַטער זייער שוואַך באַזוכט ווערן.

עס איז געווען קלאָר, אַז מיר האָבן געשאַפן אַ ברייטן קרייז לעזער פון טעאַטער־קריטיק, אָבער לחלוטין נאָך נישט קיין קרייז פון גוטע טעאַטער־באַזוכער.

איך האָב געזען, אַז נישט בלויז צווישן פיו־ער זענען דאָ אָפט נאה דורשים און גאָר קליינע נאה מקיימים, נאָך מער געפינט מען עס צווישן דער מאַסע, וואָס ווערט אָנגעצונדן פון אַ רעדע און פון אַן אַרטיקל, זי האָט אויך ליב צו הערן שיינע דרשות, אָבער מקיים זיין וואָס עס ווערט געזאָגט אין די דרשות פאַרגעסן זיי...

מען האָט שטאַרק געלייענט מיינע טעאַטער־אַרטיקלען, אָבער מען איז געגאַנגען זען דווקא די ביליקסטע, דווקא די שונדיסטישע מעלאָדראַמעס און אָפּערעטעס.

אָפט פלעגן זיך אין רעדאַקציע אָפּשפּילן ממש קאָמישע סצענעס:

אין רעדאַקציע לויפט אַריין אַ יונגער מענטש, ער וויל זען מיך, אָדער דעם רעדאַקטאָר. איז עס נישט קיין שווערע זאַך. זע איך אים, אָדער ראָזענפעלד.

— וואָס ווילט איר זאָגן עפּעס גוטס?

— איך בין נעכטן געווען אין יידישן טעאַטער און איך בין אייך געקומען זאָגן, אַז מען פאַרסמט די יידישע מאַסע מיטן ערגסטן שונד, איר דאַרפט עס וויסן, איר קעמפט דאָך פאַר אַ בעסערן טעאַטער.

דער יונגער מענטש רעדט ממש מיט שרעק, אַזוי ווי ער וואָלט געפילט, אַז מען האָט אים ממש פאַרסמט.

אַמאָל פלעגט קומען אַ גאַנצע דעלעגאַציע.

— פאַרוואָס גייט איר זען אַזעלכע סם־המות־דיקע שטיק?

איז די דעלעגאַציע אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער עס געפינט זיך איינער אַ דרייסטער און ער ווייסט פאַרוואָס ער איז געגאַנגען זען די שונדישע פּיעסע; ער איז געגאַנגען זען, כדי צו קענען אַגיטירן מיט אונדז צוזאַמען קעגן שונד...

אָבער מיר האָבן געזען ממש ווי יעדע ביליקע מעלאָדראַמע, אָדער שונדישע אָפּערעטע ברענגט אַ גרויסן עולם אין טעאַטער, און אַ פאַר־שטעלונג, וואָס האָט בלויז די קלענסטע שייכות צו ליטעראַטור ברענגט קיין עולם נישט.

און ווען עמעצער פון אונדז האָט גערעדט יועגן טעאַטער, איז דער זאַל געווען געפּאַקט מיטן עולם, וואָס באַזוכט דעם שונדישן רעפּערטואַר, און ער אַפּלאָדירט אונדז מיט אַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם...

מעגלעך, אַז אונדז האָבן זיי טאַקע פאַרשטאַנען, אָבער די ליטעראַ־רישע דראַמעס און קאָמעדיעס האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, אָדער די דאָזיקע פּיעסן האָבן זיי נישט פאַרכאַפּט.

קיין חידוש איז עס אייגנטלעך נישט — אַ גוטער טעאַטער מוז האָבן אַן עולם מיט אַ בעסערן געשמאַק און מיט אַ היפּשער קולטור.

יאָ, דער פּשוטער עולם איז ערשט דער אמתער נאה דורש און נישט קיין נאה מקיים.

פון דער אַנדער זייט זענען געווען „ליטעראַריש־ע" פּיעסן, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ דערפאָלג, דערהויפּט ווען אסתר־רחל קאַמינסקי איז אויפ־געטראָטן אין זיי, אָדער אַן אַנדער באַוווּסטער אָדער באַוווּסטע שוישפּי־לערין איז אויפגעטראָטן?

און אחרי ככלות הכל קען מען נישט פעסטשטעלן געווי פאַרוואָס אַ שטיק נעמט אויס און פאַרוואָס זי נעמט נישט אויס.

דאָס טעאַטער־פּובליקום איז אַן אַלטע רעטעניש.

דאָס וועט אייך זאָגן יעדער טעאַטער־מענטש: מען ווייסט קיינמאָל נישט אויף וועלכער וועלט מען איז מיט אים.

דער געשמאַק פון עולם איז די גרעסטע מיסטעריע אין טעאַטער.

38

„דער פריינד" און דער טעאַטער־שטורעם אין 1910

„די נייע וועלט", „מיין צייטונג", איז אָפּגעלאָזן געוואָרן. ספּעקטאָר איז געוואָרן אָפּהענגיק און דערהויפּט איז געוואָרן אָפּהענגיק זיין געלט־שותף, אַ ייִד אַ סוחר. אַן אַפּאַטיע האָט אַרומגעכאַפּט אַלע מיטאַרבעטער און איך האָב זיך אויך אָנגעשטעקט מיט איר.

איך האָב געשריבן זייער פיל, אָבער איך האָב נישט געהאַט די זעלבע זיכערקייט און פעסטקייט, ווי אין די ערשטע חדשים.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוויסן מיר זיך, אַז דער פּעטערבורגער „פריינד" קלייבט זיך אַריבער קיין וואַרשע. די ערשטע ייִדישע צייטונג איז אין פּעטערבורג געווען ווייט און אָפּגעריסן פון דעם ייִדישן לעבן. אָגב, אין תחום זענען אויפגעקומען ייִדישע צייטונגען און מען האָט שוין נישט געקענט וואַרטן אויפן „פריינד", וואָס פלעגט אָנקומען אין די ייִדי־שע ישובים אויפן צווייטן, אָדער דריטן טאָג.

באַלד נאָכדעם דאַזיקן קלאַנג איז טאַקע אַראָפּגעקומען קיין וואַר־שע דער אַרויסגעבער פון „פריינד" ש. ראַפּאַפּאָרט.

אויפן צווייטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין וואַרשע האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט ביי פּרצן. פּרץ האָט מיך אַרויסגערופן. עס האָט זיך גע־רעדט וועגן דעם, אַז איך זאָל אַריבער אין „פריינד", וועלכער קלייבט זיך

אַריבער קיין וואַרשע. איך האָב באַלד מסכים געווען, דערוויל פּרינצי־פּיעל, ביז עס וועט קומען ש. ראָזענפעלד און מען וועט רעדן גענויער און באַשטימטער.

עס האָט זיך געקאָכט אין דער קליינער ליטעראַרישער וועלט. די הויפּט־קוואַרטיר פון די ישוב־הדעתן און פאַר דער אויסאַרבעטונג פון אַלע פּלענער איז געווען פּרצעס הויז. פּרץ איז געווען אויפן זיבעטן הימל. „דער פריינד" אין וואַרשע, די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" אויך אין וואַרשע, וואָרום אין פּעטערבורג איז די דאָזיקע געזעלשאַפט גע־שלאָפן און מען האָט פון איר נישט געהערט.

עס איז געקומען ש. ראָזענפעלד און עס איז צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן די רעדאַקציע פון דעם וואַרשעווער „פריינד": פּרץ, אַש, אַברהם רייזען, בעל־מחשבות, נאָמבערג, ש. ראָזענפעלד, א. ווייטער, אַחוץ אַ גאַנ־צער ריי פון אויסערלעכע מיטאַרבעטער מיט גרויסע נעמען.

און דאָ בין איך צום ערשטן מאָל איינגעלאַדן געוואָרן דערהויפּט אַלס טעאַטער־קריטיקער. פאַרשטייט זיך, איך האָב געהאַט אַנדערע אַר־בעטן אין דער רעדאַקציע, אָבער איינגעלאַדן בין איך געוואָרן אַלס טע־אַטער־קריטיקער. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, געווען מיין הויפּט־יחוס.

און דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל גערעדט וועגן אַ פעסטער אומדער־שראָקענער טעאַטער־פּאָליטיק — קאַמף מיטן שונד, שטיצן יעדע ער־לעכע שטרעבונג אין טעאַטער און דער עיקר וועקן דעם אינטערעס פון דער יידישער געזעלשאַפט צו דער טעאַטער־פראַגע.

אין דער רעדאַקציע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעאַ־טער־פראַגע און געהאַט צו איר אַ פעסטע און קלאָרע באַציונג — א. ווייטער.

דער דאָזיקער פיינסטער עקזעמפּלאַר פון אַ יידישן ליטעראַט האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס די ערשטע צייט אויף דער רעדאַקציע. נישט קיין פלינקער זשורנאַליסט, נישט קיין שנעלער אַרטיקל־שרייבער און בכלל נישט זייער קיין רירעוודיקער מיט דער פּעדער, האָט ער אָבער מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט זיין קעגנוואַרט און מיט זיינע קלוגע, שטי־לע און מיושבדיקע שמועסן זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין דער צייטונג ער האָט אַפילו צום אָנהויב געגעבן דעם טאָן, און מען מוז זאָגן — זייער

אַ פיינעם טאָן. ער איז געווען דער טאַקטישסטער מענטש, וואָס איך האָב אַמאָל באַגעגנט צווישן ייִדישע ליטעראַטן. און טאַקט איז דאַן געווען אַזוי נויטיק, וואָרום דער „פריינד״ איז אַריינגעפאַלן אין פוילן אין דער סאַמע פינצטערער צייט, אין דער צייט פון דער פוילישער באָיקאָט־אַגיטאַציע אויף ייִדן.

אין דעם ערשטן נומער „פריינד״, צווישן אַלע אַזוי גערופענע פּראָג־ראַם־אַרטיקלען, איז געווען אויך מיינער אַ פּראָגראַם־אַרטיקל וועגן טעאַטער. עס איז געווען דער ערשטער אַרטיקל, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון דער רעדאַקציע פון דער צייטונג. עס האָט געהאַט דעם אויסזען און דעם טאָן פון אַ רעדאַקציע־אַרטיקל.

דער דאָזיקער ערשטער אַרטיקל האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דעם קליינעם טעאַטער־וועלטל. אפשר איז דאָס וואָרט „שטורעם״ נישט דער ריכטיקער אויסדרוק. עפּעס אַ שרעק איז אַנגעפאַלן אויף די טעאַ־טערס. אין זייער נאַיִוויטעט האָבן זיי עס אויפגעפאַסט זייער פּרימיטיוו — מען קלייבט זיך פּשוט רויִנירן זיי, צו פּאַרמיאוסן זיי אין די אויגן פון פּובליקום, הכלל — אַן אָרגאַניזירטער און סיסטעמאַטישער באָיקאָט רוקט זיך אויף זיי... איך מוז צוגעבן, אַז מיין ערשטער אַרטיקל איז גע־ווען אַביסל צו שאַרף, צו קעמפעריש און צו רייסנדיק.

און ווייטער דאָס נעמלעכע: די לעזער האָבן אויפגענומען דעם אַר־טיקל מיט ענטוזיאַזם, אָבער אויף דעם גאַנג פון טעאַטער האָט עס קיין שום ווירקונג נישט געהאַט.

**
*

די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט״ איז נאָך מער אויפגעלעבט געוואָרן. זי האָט באַקומען אַ צייטונג, וואָס שטיצט זי מאָראַליש און איז גרייט צו גיין מיט איר אין פייער און אין וואַסער.

עס איז געווען די שענסטע צייט אין דעם וואַרשעווער ליטעראַרישן לעבן. וואָס ייִדישע שריפטשטעלער האָבן אונטערגענומען, האָט געהאַט דעם גרעסטן אָפּקלאַנג. די וואַרעמסטע אויפנאַמע פון פּובליקום האָט באַ־געגנט די טעטיקייט פון די ייִדישע ליטעראַטן אין וואַרשע.

די בעלער פון די ייִדישע זשורנאַליסטן זענען אַריין אין מאָדע. עס

איז געווען אַ יחוס אַריינצופאַלן צו יידישע ליטעראַטן אויף אַ מאַסקן־באַל, אויף אַ פאַרלעזונג און סתם אויף אַ צוזאַמענקום מיט זיי.

עס איז געווען אַ פּאַראײניקונג, נישט קיין אָפיציעלע, פון שרייבער, מאָלער, מוזיקער און אַנדערע פאָרשטייער פון יידישער קונסט און קולטור, און ווען מען פלעגט עפּעס אונטערנעמען, זענען פליסיקע און ענערגישע הענט געווען גרייט צו דער אַרבעט.

פילנדיק זיך האַפּערדיק און אַזוי זיכער, איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ זיצונג פונעם קאָמיטעט פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" צו אָרגאַניזירן אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע פאַר אַ בעסערן טעאַטער.

ביי פּרצן זענען די השגות אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ער האָט פאָרגעלייגט פאַר דעם דאָזיקן אַרויסטריט צו באַקומען דעם גרויסן פּרעכטיקן זאַל אין וואַרשע, די „פילהאַרמאָניע". גרויסע השגות ציען נאָך גרויסע מעשים.

עס וואָלט גאָר קיינעם ביז יענער צייט נישט איינגעפאַלן צו גיין בעטן דעם דאָזיקן פּוילישן מוזיק־טעמפּל פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע פאַר אַ יידישער פאַרזאַמלונג, בפרט נאָך אין דער צייט פון פעיקער שנאה צווישן פּאָליאַקן און יידן. האָבן עס אָבער די השגות ביי זיך געפּועלט, איז שוין געווען לייכט צוצוקומען צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג.

און כך הוה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז גענומען געוואָרן דער זאַל פון „פילהאַרמאָניע" פאַר דעם אַרויסטריט פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט".

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן י. דינעזאָנס שרעק, ווען ער האָט דערהערט פּרצעס פאָרשלאַג וועגן דער „פילהאַרמאָניע". ער האָט געוווּנקען צו מיר — למען השם איך זאָל שטימען קעגן: ער האָט געוווּנקען צו אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט, און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט און זיך געבעטן רחמים:

— לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון פּרצן, עס קען אַרויסקומען, חלילה, אַן אומגליק. פּאָליאַקן וועלן, ערשטנס, נישט געבן די „פילהאַרמאָניע"; און אַז זיי וועלן שוין יאָ געבן, וועלן זיי באַפאַלן די פאַרזאַמלונג און גאָט ווייס, וואָס עס קען אַרויסקומען.

און אַזוי האָט ער איינגעטענהט מיט די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט, ער האָט אָבער גאָרנישט געפועלט. די באַגייסטערונג איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט באַשטימט — מיט קאַמף, מיט באַקציינער צו באַקומען די „פילהאַרמאָניע״ פאַר דעם אַרויסטריט.

און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מען האָט גאָר קיין באַקציינער נישט געדאַרפט האָבן. דער פּאַליאַק, דער פּאַרוואַלטער האָט זיך, אמת, גיפּטיק אַ קרים געטון, אָבער אונדזער שליח איז געווען שטאָלץ און ווירדיק; ער האָט געפאָדערט די „פילהאַרמאָניע״ און האָט זי באַקומען.

די שרעקנדיקע האָבן ערשט באַקומען מוט; זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער „פילהאַרמאָניע״.

וויסטע קלאַנגען זענען פאַרשפּרייט געוואָרן: פּאָליאַקן גרייטן זיך, אָרגאַניזירן באַנדעס פון גאַסן־יונגען, עס וועלן זיין הריגות, פון אויער צו אויער האָט מען איבערגעגעבן כלומרשט אונטערגעהערטע שמועסן פון פּאָליאַקן צווישן זיך.

— ייִדן מיט זייער זשאַרגאָן אין „פילהאַרמאָניע״, מיר וועלן זיי באַווייזן...

איך וועל נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע קלאַנגען האָבן אויף אונדז קיין ווירקונג נישט געהאַט; אייניקע זענען געוואָרן אַביסל „ניכטערער״; אַפילו דער רויקער א. ווייטער האָט מיר איינגערוימט, אַז עס איז געווען אַביסל צו לייכטזיניק פון אונדז, אָבער גיין צוריק קען מען נישט.

אַ טייל זענען געקומען מיט אַנדערע פּעסימיסטישע ידיעות: דער ייִדישער עולם וועט נישט קומען אונדז הערן אין דער „פילהאַרמאָניע״, ער וועט מורא האָבן, ער איז בכלל נישט געוווינט צו גיין הערן ייִדישע רעדנער אין דער „פילהאַרמאָניע״.

פּרץ איז געבליבן רויק און פאַרעקשנט; ער האָט ווי אַ צעבאַלעוועט קינד ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט פייער, האָט ער קאַפּריזנע אַרויס־געלאָזט די לאָזונג:

— אין „פילהאַרמאָניע״, אַרויס פון אונטערן אויוון!

אויף שבת בייטאָג, דעם 22טן יאַנואַר 1910, איז באַשטימט געוואָרן דער אַרויסטריט. די אַנאָנס וועגן דעם אַרויסטריט איז געשריבן מיט פּרצעס נישט־דערזאָגטקייט:

ד״ר א. מוקדוני: די אַרטיסטן.
אַ. ווייטער: דאָס טעאַטער און דאָס פּובליקום.
ה. ד. נאָמבערג: פון גאָלדפאַדען ביז לאַטיינער.
י. ל. פּרץ: רעזומע און איבערזיכט.

און אָט איז געקומען דער שבת בייטאָג, אויף וועלכן דער אַרויס־טריט איז געווען באַשטימט. מיר זענען זיך צונויפגעקומען ביי פּרצן אַביסל אויפגערעגטע. מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל פּראָבע — ד״ה פעסט־געשטעלט גענוי, וואָס יעדער האָט צו רעדן.

זייענדיק ביי פּרצן אין הויז זענען געקומען צולויפן יונגע קאָמי־טעטשיקעס און סתם געטרייע מיטגלידער, פאַרסאָפּעטע, אויפגערעגטע און האָבן דערציילט, אַז דער עולם שטורעמט אַיינפאַך די „פילהאַרמאָ־ניע״. דער זאַל איז שוין פול און טויזנטער מענטשן שטייען אין ריי ביי דער קאַסע און די ריי פאַרנעמט די גאַנצע גאַס.

פון די דאָזיקע שטאַפעטן האָבן מיר נישט באַקומען די ריכטיקע פאָרשטעלונג, וואָס עס טוט זיך אַרום דער „פילהאַרמאָניע״. ערשט אַז מיר זענען צוגעקומען נאָענט צו דער גאַס, ווו די „פילהאַרמאָניע״ גע־פינט זיך, האָבן מיר דערזען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אַריבערגעשטיגן די רייכסטע פאַנטאַזיע: די גאַנצע גאַס איז ממש געווען שוואַרץ פון מענטשן. דער ברייטער אַריינגאַנג איז געווען פאַרפּראָפּט. מיר זענען געבליבן שטיין און נישט געקענט מאַכן קיין טריט צום אַריינגאַנג. אָבער באַלד זענען אויסגעוואקסן אַ פּאָר צענדליק צעהיצטע יונגעלייט, סטו־דענטן, אַרבעטער און בחורימלעך אין לאַנגע קאַפּאָטעס, און זיי האָבן גענומען שפּאַלטן דעם ים פון מענטשן און מאַכן פאַר אונדז אַ דורכ־גאַנג. גייענדיק צווישן דעם גרויסן מענטשן־שטראָם, האָבן אונדז אויף יעדן טריט פאַרשטעלט דעם וועג „דעלעגאַציעס״, וועלכע האָבן געפאָ־דערט אין נאָמען פון די טויזנטער, אַז מיר זאָלן זיי געבן די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין זאַל.

י. ל. פּרץ, וואָס פלעגט זיך צעשיינען ממש שטייענדיק פאַר אַ גרויסן עולם און פלעגט ווערן זייער וויציק, שלאָגפאַרטיק און יונג, האָט מיט אַ ברייטן שמייכל און מיט אָנגעצונדענע אויגן געבעטן, אַז מען זאָל אונדז פריער אַריינלאָזן און מיר וועלן שוין זען, וואָס עס לאָזט זיך מאַכן.

די דאָזיקע פּשוטע ווערטער האָבן געווירקט צו באַרויִקן דעם עולם. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ וועג פאַר אונדז און מיר זענען אַריין אין זאַל. און דאָ האָבן מיר ערשט דערזען פאַר זיך עטוואָס גראַנדיעזעס: דער זאַל איז געווען געפּאַקט, און אַפילו אין די דורכגאַנגען זענען געשטאַנען מענטשן: און שטיל איז געוואָרן דער דאָזיקער ים פון מענטשן, ווען מיר האָבן זיך באַוויזן, אַזוי שטיל, אַז עס איז אונדז געוואָרן אַביסל אומהיימלעך.

בלויז פון דער גאַס האָט זיך געטראָגן אַ זשומעריי פון טויזנטער וואַרטנדיקע מענטשן. פּרץ האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון „פילהאַרמאָניע״, און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז מיר קריגן די „פילהאַרמאָניע״ פאַרן צווייטן שבת, כדי צו געבן דעם עולם, וואָס שטייט אויף דער גאַס, די מעגלעכקייט צו הערן אונדז.

פּרצן האָט מען פּשוט אַרויסגעטראָגן צום עולם. ער האָט איבערגעגעבן די דאָזיקע באַשטימונג און געבעטן דעם עולם זיך צעגיין און קומען איבעראַכטאָג שבת אין דער צייט.

דער עולם האָט עס אויפגענומען מיט באַגײַסטערונג און פּרץ איז צוריק אַריין אין זאַל.

ווען פּרץ מיט אונדז, די דריי איבעריקע רעדנער, האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרם, האָט די גאַנצע געביידע ממש אַ ציטער געטון פון דער שטורעמדיקער אָוואַציע.

דאָס זעלביקע, נאָך מיט מער קראַפט, האָט זיך איבערגעחזרט, ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן רעדן. עס האָט גענומען פינף מינוט צייט ביז ער האָט געקענט אָנהויבן.

און פּרץ, פאַר אַזאַ גרויסן באַגייסטערטן עולם איז אַזוי צעוואַרעמט געוואָרן אין זיין אַריינפיר, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן די שטרענגע צעטיילונג פון דער טעמע. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע טעמעס. ער האָט גערעדט אי וועגן דעם רעפּערטואַר, אי וועגן אַקטיאָרן און אי וועגן דעם פּובליקום. גערעדט האָט ער פּאַטעטיש, דערהויבן, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער פלעגט זיך צעוואַרעמען.

מיר, די אַנדערע דריי רעדנער, זענען געזעסן ווי פאַרלאָרענע: ער

האָט פאַרכאַפּט אונדזערע טעמעס. נאָמבערג איז געווען פּשוט ברוגז. בלויז אָ. ווייטער, וואָס האָט געהאַט ממש אַ מיסטישע פאַרערונג פאַר פּרצן, האָט געשטראַלט: „זאָל ער רעדן אויך פאַר אונדז, ער מאַכט עס בעסער, ער ווירקט טיפער...״

וואָס עס האָט זיך געטון אין זאַל, ווען פּרץ האָט געענדיקט זיין רעדע, איז שווער צו באַשרייבן. מיר האָט עס אויסגעוויזן פּשוט ווי אַ היסטעריקע פון אַ גרויסער מחנה מענטשן. די דאָזיקע היסטעריקע האָט זיך איבערגעחזרט אויך ווען פּרץ האָט פאָרגעשטעלט יעדן פון אונדז. דער ערשטער רעדנער בין איך געווען.

און אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז פּרץ האָט אונדז נישט באַגזלט. יעדער פון אונדז האָט געהאַט גענוג וואָס צו זאָגן. איך, וועלכער בין צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַרויסגעטראָטן פאַר אַזאַ גרויס פּובליקום, האָב זיך נישט פאַרלוירן. נאָמבערג אויך נישט, נאָר מיט אָ. ווייטערן איז געשען עפּעס אומאָנגענעמעס: ער האָט פון גרויס אויפרעגונג זיך פאַר־לוירן און נאָך זיין רעדע האָבן מיר אים באַדאַרפט מינטערן הינטער די קוליסן.

39

דער גרויסער טעאַטער־סימפּאָזיום

דריי שעה האָט געדויערט דער סימפּאָזיום. איך וועל אים אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן.

ווען מיר וואָלטן געווען אַביסל אַמעריקאַניש און זיך נישט געשעמט אויסצונוצן די דאָזיקע פאַרזאַמלונג ווי געהעריק, למשל, צו מאַכן אַ געלט־זאַמלונג, וואָלטן מיר געוויס געהאַט די ערשטע סאָלידע סומע פאַר דעם אויפבוי פון אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער אין וואַרשע. אָבער קיינעם פון אונדז, נאַיווע, איז נישט איינגעפאַלן צו פאַרשוועכן אַזאַ גרויסן מאָמענט מיט אַ געלט־זאַמלונג.

די רעדעס זענען בכלל נישט געווען קיין שאַרפע און נישט קיין בייזע. פאַרקערט: וויטאָג און צער איז געווען אין אַלע רעדעס. אין מיין רעדע, למשל, האָב איך געשילדערט דעם אומגליקלעכן מצב פון דעם ייִדישן שוישפּילער. ער, מיט זיין אָרעם וויסן, מיט זיין אָרעמער דערפאַרונג און מיט זיין נישט־אויסגעבילדעטן טאַלאַנט, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס דעם גאַנצן יאָך פון טעאַטער־בויונג. מיר דאַרפן העלפן דעם אָרעמען ייִדישן שוישפּילער אין זיינע בעסערע שטרעבונגען. לאָמיר העלפן די אַלטע שוישפּילער און ממילא וועלן שוין אויפקומען נייע.

אין נאָך אַן איידעלערן און טאַקטישערן טאָן האָט גערעדט אַ. ווייטער. ער האָט כמעט מיט טרערן אויסגעשריגן: אַזאַ אַלט פאָלק און אַזאַ בוידעם־אָרעמקייט אין זיין טעאַטער.

ה. ד. נאָמבערג איז בכלל, לויט זיין נאַטור, געווען זאַכלעך, און ווען

נישט די עטלעכע ווערטער וועגן פּובליקום, די שאַבשאָוויטשעס, אויף וועלכע דער טעאַטער שטיצט זיך, וואָלט זיין רעדע געווען ממש אַ סאַ־לאָן־רעדע.

י. ל. פּרץ איז געווען פייערדיק, בליצנדיק און אין אַזאַ צושטאַנד פלעגט ער סתם נישט באַרירן זאַכלעך וועלכע עס איז פּראָבלעם. ער פלעגט בליצן מיט אַפאָריזמען, מיט קורצע, אָפּגעהאַקטן זאַצן.

דער איינדרוק איז אָבער געווען, אַז מיר האָבן דעם יידישן טעאַ־טער געקעפּט אויף דעם דאָזיקן סימפּאָזיום. אַפּנים, אַז דער גרויסער עולם האָט געוואָלט קעפּן דעם שונד־טעאַטער, ער איז געקומען מיט דער דאָזיקער כוונה אין „פילהאַרמאָניע" און ער האָט אין אונדזערע רעדעס געהערט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט הערן.

אַ שטורעם האָט אויפגעהויבן דער סימפּאָזיום.

דער צווייטער שבת איז געווען נאָך שטורעמדיקער פון דעם ערשטן. דער עולם איז געווען אָנגעצונדן פון די קלאַנגען וועגן די „שטורמישע" רעדעס, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן. און דער אמת איז, אַז דעם צווייטן שבת האָט דער אויפגערייצטער עולם אונדז מיטגעשלעפּט און מיר זע־נען געווען אַביסל שאַרפער.

די באַריכטן פון דער פּרעסע וועגן דעם סימפּאָזיום, אין וועלכע מען האָט, ווער מער און ווער ווייניקער, געשילדערט דעם געוואַלדיקן ענטו־זיאַזם פון עולם, האָבן אויך צוגעגעבן שאַרפקייט דעם אַרויסטריט.

דער רויִקער און איינגעהאַלטענער „פריינד" האָט כמעט די גאַנצע ערשטע זייט אָפּגעגעבן פאַר דעם באַריכט וועגן סימפּאָזיום: „וואַרשע האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען אַזאַ גרויסע און אימפּאָנירנדיקע פאַר־זאַמלונג — האָט דער „פריינד" אָנגעהויבן זיין באַריכט — „די רעפּע־ראַטן האָבן געמאַכט אַן אומגעהייער גרויסן איינדרוק" — דערציילט „דער פריינד" ווייטער. אין „פריינד" איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אינ־האַלט פון אַלע פיר רעדעס כמעט געענוי און דער עיקרשט ה. ד. נאָמ־בערגס טייל פון זיין רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט גערעדט וועגן די שאַבשאָוויטשעס, אויף וועלכע דער יידישער טעאַטער אין וואַרשע שטיצט זיך.

דער סימפּאָזיום וועגן טעאַטער האָט אויפגערודערט די געזעלשאַפט־

לעכע מיינונג. „דער פריינד״ האָט באַטראַכט דעם סימפּאָזיום פאַר אַן אייגענעם אויפטו, מיט וועלכן ער אידענטיפיצירט זיך אינגאַנצן. די אַנדערע יידישע צייטונגען האָבן נישט געקענט פאַרשווייגן דעם סימפּאָזיום, האָבן אָבער שפּעטער — ווער מיט אַ האַלב־מויל און מיט אַ באַהאַלטענעם ביטול און ווער אָפן — אָנגעהויבן אונדז צו אַטאַקירן.

דער ערשטער שאָס איז אָבער געקומען פון דער זייט, פון וועלכער מיר האָבן גאָרנישט דערוואַרט. ער איז געקומען פון דער זייט, מיט וועלכער מיר האָבן זיך האַלב־אָפיציעל פאַרבונדן און וועלכע מיר האָבן געהאַט אינזינען צו שטיצן, ווען די געזעלשאַפטלעכע באַציִונג צום טעאַטער וועט ווערן אַ פּאָזיטיווע.

אין „אונזער לעבען״ זענען די „פאַראייניקטע״ אַרויס מיט אַ ביטערן בריוו קעגן אונדז. אַ חוץ די זילזולים האָט מען אונדז געוואָרפן די באַשולדיקונג, אַז מיר ווילן אויסנוצן דעם טעאַטער פאַר אייגננוציקע מאַטעריעלע צוועקן. דאָס איז געווען אַן אָפענע אָנצוהערעניש, אַז מיר האָבן אין די קעשענעס דראַמעס און מיר ווילן צווינגען דעם טעאַטער ער זאָל זיי אויפפירן. נאָך קלאָרער איז געווען די אָנצוהערעניש וועגן ה. ד. נאָמבערג, וועלכער, ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט פאַרגעלייגט די „פאַראייניקטע״ אויפצופירן זיין איבערזעצונג פון „פורמאַן הענשעל״.

נאָך די „פאַראייניקטע״ איז אַרויס נח פּרילוצקי, וועלכער האָט קוואַליפיצירט די אַרבעט אונדזערע ווי „רעוואָלווער־קריטיק און באַיקאָט־אַגיטאַציע״. און אין יאָר 1921 האָט נח פּרילוצקי, אין אַן אָנמערקונג צו אַן איבערגעדרוקטן אַרטיקל פון יאָר 1910, איבערגעחזרט די זעלבע באַשולדיקונג, דערקלערנדיק, אַז זיין אַרטיקל האָט באַדאַרפט זיין גרעסער, עס פעלט אין אים „אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פון דער קריגערישער קאַמפּאַניע, וואָס איז דעמאָלט פון אַ געוויסער זייט געפירט געוואָרן קעגן (?) דעם יידישן טעאַטער נישט דווקא אויס בלויז ריינע מאָטיוון״.

מיט דער פולסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט דעם ריינסטן געוויסן שטעל איך דאָ פעסט, אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג האָט קיין שום באָדן נישט. איך זאָג עדות פאַר י. ל. פּרצן, פאַר א. ווייטערן (וועגן דער ערלעכקייט פון דעם דאָזיקן שריפטשטעלער וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן) און פאַר נאָמבערגן (פאַר מיין פּערזאָן זאָל אַן אַנדערער עדות

זאָגן), אַז נישט נאָר זיי האָבן נישט געזוכט קיין מאַטעריעלע נוצן פאַר זיך אין דער דאָזיקער קאמפּאניע, זיי האָבן זייערע אָרעמע גראָשנס, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, פאַר דער דאָזיקער קאמפּאניע געגעבן...

איך וויל נישט זאָגן, אַז פּרצן, נאָמבערגן איז נישט געווען וויכ־טיק, אַז מען זאָל זייערע דראַמעס שפּילן אין יידישן טעאַטער; דאָס וואָלט געווען אַן איבערגעטריבענע צדקות פון זייער זייט. אַ צדקות, וואָס גרע־נעצט זיך מיט צביעות אָדער מיט נאָך ערגערס. געוויס האָט פּרץ גע־וואָלט זען זיין „גאָלדענע קייט" אויפגעפירט אין אַ יידישן טעאַטער; גע־וויס האָט נאָמבערג געוואָלט, אַז מען זאָל שפּילן „פורמאַן הענשל", זיין „משפחה" און אַפילו דער איבערטריבן־באַשיידענער אַ. ווייטער האָט אויך געוואָלט זען זיינע דראַמעס געשפּילט. אָבער נישט צוליב דעם האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף. זיי זענען געווען שריפטשטעלער, מענטשן מיט געשמאַק און זייער האַרץ האָט פּשוט געבלוטיקט, זעענדיק דעם יידישן טעאַטער אין אַזאַ שפלן מצב. אַגב, וואָס פאַר אַ מאַטעריעלע נוצן האָט מען געקענט האָבן פון יידישן טעאַטער, ווען ער פירט אויף אַפילו פּרצעס אַ דראַמע? דער דעמאָלסטדיקער טעאַטער האָט כמעט קיין האָנאָראַר נישט געצאָלט.

אויך דוד פרישמאַן איז אַרויסגעטראָטן קעגן אונדז. דאָס איז געווען שפּעטער. די אייביקע שנאה צווישן אים און פּרצן איז געווען שולדיק אין דעם. אָבער דוד פרישמאַן דער שריפטשטעלער, דער מענטש מיטן גרויסן געשמאַק, איז נישט אַרויס מיט אַזעלכע חשדים. ער איז ארויס קעגן דער „היסטעריקע", מיט וועלכער דער קאַמף איז געפירט געוואָרן און דאָ איז ער געווען אַביסל גערעכט. איך מוז עס צוגעבן. אָבער מיר זענען אין דעם נישט געווען שולדיק; די היסטעריקע איז געקומען קעגן אונדזער ווילן. אַגב, איז קאַמף אָן אַביסל היסטעריקע גאָרנישט געמאָלט.

דערצו איז פרישמאַן געווען אַ העברעישער שריפטשטעלער און האָט צום יידישן טעאַטער סתם קיין פּאָזיטיווע שטעלונג נישט גענומען. אים איז דער טומל אויסגעקומען אַביסל אַן אָנגעשרויפטער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי קען מען בכלל זיך נעמען צום האַרצן די „זשאַר־גאָנישע פורים־שפּילעריי".

דוד פרישמאַן האָט אין אַ רייע אַרטיקלען אין „היינט" שאַרף אָנגע־

גריפן פרצן, נאָמבערגן און מיך. אָבער ווי אַ קריטיקער און אַ שריפט־שטעלער איז ער אַרויסגעטראָטן און אַ סך פון זיינע באַמערקונגען זענען געווען ריכטיקע. ער האָט פיל געגרייזט אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון פרצן, אָבער ער האָט אויפגעדעקט פיל ריכטיקע שטריכן אין פרצעס שריפטשטעלערישער פערזענלעכקייט. נאָמבערגן האָט ער כאַראַקטעריזירט ממש געניאַל. פון יענער פאָלעמיק שטאַמט זיין טרעפנדיקע כאַראַקטע־ריסטיק פון נאָמבערגן אַלס „מהיכא תיתי־מענטש". עס איז געווען אַ שטיק אמת אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק. מיך האָט ער אויך שאַרף אָנגעגריפן און איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט זייער געשיקט אַרויסגע־פּישט עטלעכע ציטאַטן פון מיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבן פאַרדינט אויסגעלאַכט צו ווערן. אמת איז, אַז מיט אַרויספּיקן שטיקלעך פון פראַזן קען מען אַלעמען מאַכן לעכערלעך. אָבער בנוגע זייניקע אויסדרוקן אין מיינע ארטיקלען איז ער געווען גערעכט, וואָס ער האָט זיי אויסגעלאַכט.

דוד פרישמאַן האָט זיך אויף דעם עצם ענין נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט בלויז קריטיקירט די פאָרעם.

און איך מוז זאָגן, אַז פרישמאַן האָט אונדז מער ווײ געטון ווי נח פרילוצקי. האָבן מיר פרישמאַנען געצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. אין אַ רייע אַרטיקלען, געשריבן פון נאָמבערגן, אַ. ליטוואַקן און פון מיר, האָבן מיר זיינע אַטאַקעס אָפּגעשלאָגן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער זעלבער מעטאָדע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט. מיר האָבן אויך וועגן עצם ענין נישט פּאָלעמיזירט. מיר האָבן אים אָנגעגריפן אַלס שריפטשטעלער, ד״ה, מיר האָבן אים אויך „כאַראַקטעריזירט" און מיר זענען געווען אין דער זעלביקער מאָס אומגערעכט צו אים ווי ער צו אונדז.

און איך בין זיכער, אַז ווען דוד פרישמאַן וואָלט זיך אומגעקערט צו דעם דאָזיקן ענין מיט צען יאָר שפּעטער, וואָלט נישט געווען קיין סימן פון דער ביטערקייט, וואָס עס איז געווען בשעת דער פּאָלעמיק.

נאָך מער: די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זענען קעגן אונדז שאַרף אַרויסגעטראָטן, האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום זיך אַנטשולדיקט און געוואָרן מיט אונדז די „בעסטע פריינט". די דאָזיקע פּשוטע מענטשן האָבן געקענט לייכט אויפגעהעצט ווערן, אָבער באַלד האָבן זיי איינגעזען, אַז קיינער פון אונדז האָט נישט קיין בייזע כוונות און זיי האָבן געזוכט

אונדזער פריינטשאַפט, צוגעהערט זיך צו אונדזערע עצות און אין ביטע־רע מאָמענטן געפונען פאַר וועמען אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן.

בכלל מוז איך זאָגן, אַז די דאָזיקע פאָלקס־מענטשן האָבן געהאַט אַ געזונטע און זייער אַ פיינע באַציִונג צו דער קריטיק. אַ „שלעכטע" קריטיק האָט זיי, פאַרשטייט זיך, געקרענקט. דאָס איז מענטשלעך און זיי האָבן אַלע מאָל זיך גערעכנט מיט דער קריטיק. אַ גוט וואָרט וועגן וועמענס שפּילן האָט מכפּר געווען אויף אַלץ. אָפט פלעגן זיי גוט „דורכ־שטודירן" די קריטיק, פאַרבעסערן די פעלערן, אויף וועלכע מען האָט אָנגעוויזן, און געבעטן די קריטיקער קומען זען „ווי גייט עס איצט". עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן זייער צופרידנקייט, ווען די ראָלע איז אויסגעבעסערט געוואָרן.

אויף דעם דאָזיקן גראַנדיעזן סימפּאָזיום האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שפּעטער כמעט געהאַט זייער אַ ביטערן רעזולטאַט פאַר מיר פּערזענלעך.

ה. ד. נאָמבערג, וואָס האָט גערעדט נאָר וועגן גאָלדפאַדענען און לאַטיינערן, איז אַוועק אַן אַ זייט און האָט זיך אַריינגעריסן אין א. ווייטערס טעמע — וועגן פּובליקום. ער האָט דערקלערט, אַז דער יידישער טעאַטער שטיצט זיך אויף דער אונטערוועלט, אַז די מעצענאַטן און גייער פון דעם יידישן טעאַטער זענען יענקל שאַהשאָוויטשעס און סתם פאַרברעכער. דער גרויסער עולם האָט אויפגענומען די דאָזיקע אַנטדעקונג מיט גרויל און שרעק. דאָס האָט זיך ווי אַ בליץ צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט און די אויפרעגונג איז געווען מוראדיק. אָבער געהייסן האָט עס, אַז איך האָב עס אויפגעדעקט. דער גאַנצער סימפּאָזיום איז עפּעס פאַרבונדן געוואָרן מיט מיין נאָמען.

און עס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל איך האָב דער ערשטער אויפגעהויבן די טעאַטער־פראַגע שאַרף און אָפן אין דער פּרעסע.

איז ממילא אַלץ צוגעשריבן געוואָרן מיר.

אַז איך האָב עס נישט געקענט זאָגן, איז געווען קלאָר, איך בין אַ גרינער אין פּוילן, האָב נאָך דעם וואַרשעווער טעאַטער־עולם גאָר ווייניק געקענט.

ד״ר א. מוקדוני

דאָס האָט געקענט זאָגן אַ וואַרשעווער, וואָס האָט געקענט גוט דעם ייִדישן עולם, וואָס באַזוכט דאָס ייִדישע טעאַטער.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אונדז אַלעמען איז נישט געווען גאָר אָנגענעם דאָס, וואָס מען האָט אַריינגעשלעפּט אין דעם טעאַטער־קאַמף אַט דעם דאָזיקן עלעמענט, די מענטשן פון דער אונטערוועלט.

אָבער אַפּנים, אַז די ייִדישע אונטערוועלט איז געווען אַ טייל פון דער ייִדישער וועלט, זי איז נישט געווען אינגאַנצן איזאָלירט פון דער ייִדישער וועלט.

40

פּרץ הירשבײן און זײַן טעאַטער

דער שטורעם איז אַריבער, אָבער דער טעאַטער־הימל האָט זיך נישט אויסגעלייטערט. אונדז האָט זיך איינגעגעבן צו שטעלן פאַרן ברייטן עולם די טעאַטער־פּראַגע, אָבער דער טעאַטער גופא איז געבליבן פאַררוקט און פאַרשטויבט אין זיין ווינקל.

דער טעאַטער האָט גאָרנישט געטון צו פאַרבעסערן זיין רעפּער־טואַר, צו אָרגאַניזירן בעסער זיינע אויפפירונגען, און חלילה נישט משום בייזוויליקייט און אויף צו־להכעיס אונדז איז ער געבליבן שטיין אין דעם זומפּ; דער אמת איז, אַז ער האָט נישט געהאַט אין זיין סביבה די נוי־טיקע מענטשן, וועלכע זאָלן אים אַ שטויס טון פאָראויס. אַלע — כמעט אומוויסנדיקע, אַלע — כמעט אָפּגעריסענע פון דער גרויסער טעאַטער־וועלט, האָבן זיי פשוט נישט געוווּסט וואָס צו טון.

פאַר ליטעראַרישע פּיעסן האָבן זיי איינפאַך מורא געהאַט; עס זענען נישט געווען אַזעלכע פּיעסן, וועלכע זיי זאָלן קענען „אויפהויבן". זיי האָבן באַדאַרפט האָבן פאַלקסטימלעכע פּיעסן, פּיעסן אַביסעלע איידעלער פון גאָרדינס, האָבן זיי זיך טאַקע געוואָרפן אויף ליבינס פּיעסן. קיינמאָל איז ליבין נישט געשפּילט געוואָרן אַזוי פיל אין רוסלאַנד, ווי אין יענער צייט. די אַקטיאָרן האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן געפונען אַ ווייכערן, אַ מענטשלעכערן גאָרדין און האָבן מיט חשק אים געשפּילט. אָבער לי־בינס פּיעסן זענען נישט געווען קיין קאַסע־דערפאָלג.

אַגב איז די רעפּערטואַר־פּראַגע נישט געווען דער עיקר. דאָס שפּילן, די מעטאָדע פון אויפפירונגען און די גאַנצע טעאַטער־מאַשין זע־

נען געווען אָפּגעלאָזן, אַלט און פאַרזשאַווערט. עפּעס איזאָלירט, אָפּגעצאַמט און אָפּגעריסן איז דער יידישער טעאַטער געווען פון דער אַרומיקער טעאַטער־וועלט פון רוסלאַנד און פון פוילן, אין וועלכער עס האָט דעמאָלט שוין געקאָכט און געברויזט מיט פרישע נייע ריכטונגען און שטרעמונגען.

עפּעס צופעליק איז אינעם יידישן טעאַטער פאַרשלעפּט געוואָרן אַ שטיקל גראָבע נאַטוראַליסטישע אויפפאַסונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער און פון דעם פּראָווינציעלן רוסישן טעאַטער, און דאָס איז געוואָרן געהייליקטער נוסח. אין וואַרשע זענען געווען גוטע פּוילישע טעאַטערס אין נאָענטער שכנות מיטן יידישן טעאַטער. אין רוסלאַנד האָט דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער אויפגעבליט, מייערכאָלד האָט זיך שוין דאַן געלאָזט הערן אין זיין „קאָמיסאַרזשעווסקיס טעאַטער״. אַפילו אין די גרעסטע רוסישע פּראָווינץ־שטעט, ווי קיעוו, אָדעס און אַנדערע זענען אויפגעקומען נייע טעאַטערס.

נאָך דער דורכגעפאַלענער פּאָליטישער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציע אין דעם גייסטיקן לעבן פון רוסלאַנד, און דערהויפּט אין דעם לעבן פון טעאַטער. אָבער דעם יידישן טעאַטער איז עס נישט אָנגעגאַנגען. ער איז געווען אַזוי איזאָלירט, אַז ער האָט נישט באַנומען וואָס עס קומט פאָר אין זיין וועלט; ער איז געווען אַזוי בלינד, אַז ער האָט נישט געזען וואָס עס קומט פאָר אין זיינע ד׳ אמות.

עס איז געוואָרן קלאָר פאַר מיר אַז דאָס ביסל טעאַטער־אַלטוואַרג אונדזערס קען מען נישט באַנייען, מען קען אַפילו אויך קיין לאַטעס נישט לייגן; עס איז צעפרעסן דורך און דורך. האָב איך איינגעזען, אַז יידישע טעאַטער־קריטיק דאַרף געשריבן ווערן דער עיקר פאַרן פּובליקום, ווייל דאָס פּובליקום קען מען גיכער אויסבילדן, מען קען גיכער שאַפן אַ גוט פּובליקום, ווי אַ גוט טעאַטער. וועט זיין אַ גוט פּובליקום, וועט מען שוין ממילא מיט דער צייט דאַרפן פאַר אים אַ בעסערן טעאַטער. האָב איך מיינע טעאַטער־קריטיקן צוגעפּאַסט מער פאַרן לייענער. איך פלעג ברייט אַרומרעדן די פּיעסע, דאָס שפּילן און אַריינברענגען אין יעדן אַרטיקל טעאָרעטישע מאָמענטן און אַזוי אַרום געמאַכט די טעאַטער־קריטיק פאַר אָנציִענדיקן לייענשטאָף.

און טעאַטער־קריטיק איז טאַקע געוואָרן פאַר דער קורצער צייט אַ וויכטיקער עלעמענט אין די ייִדישע צייטונגען. אַלע צייטונגען האָבן איינ־געפירט טעאַטער־קריטיק אין אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם ווי פריִער.

טעאַטער־קריטיק האָבן אָנגעהויבן לייענען ברייטע קרייזן און איך פלעג באַקומען זייער פיל בריוו פון לייענער. איך האָב געזען באַשיינ־פערלעך די ווירקונג פון טעאַטער־קריטיק אויפן טעאַטער־באַזוכער. אין דער פּראָווינץ אַפילו האָט מען זיך פאַראינטערעסירט מיט טעאַטער. אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַמאַטאָרי־שע קרייזן און מען פלעגט מיך פאַרוואַרפן מיט אָנפראַגעס וועגן רעפּער־טואַר, דערהויפּט וועגן איינאַקטערס. און ווען איך בין ארויסגעפאָרן, סוף 1910, אין די פּוילישע שטעטלעך, בין איך ממש איבערראַשט געוואָרן פון דעם גרויסן אינטערעס צום טעאַטער, וואָס איז אויסגעוואקסן אין אַ לערך זייער קורצער צייט.

„אונזער קרייז" האָט געמוזט איינזען, אַז די אַטאַקעס אויף דעם עקזיסטירנדיקן טעאַטער וועלן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן נישט ברענ־גען. די אַקטיאָרן וועלן דורכן שם־המפורש פון קריטיק נישט ווערן מיט־אַמאָל ראַפינירטע קינסטלער, די דירעקטאָרן וועלן מיטאַמאָל נישט ווערן קיין ליבהאָבער פון ריינער קונסט. אויף דעם דאָזיקן טעאַטער דאַרף מען האַלטן בלויז אַן אויג, אַז ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן נידעריקער פון זיינע אָרעמע מעגלעכקייטן, אַז ער זאָל נישט פאַרביליקן דאָס ביסל גוטס, וואָס ער פאַרמאָגט, און זאָל כאָטש זיין אַביסעלע ריינער און אָנשטענדיקער.

פאַרן בעסערן טעאַטער־עולם, וואָס האָט זיך באַוויזן, דאַרף מען זען שאַפן אַן אַנדער טעאַטער, אַ טעאַטער פון נייע מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון שונד און האָבן שוין בעסערע באַגריפן וועגן טעאַטער.

פּרץ האָט שוין געהאַט אַרום זיך אַ בינטל אינטעליגענטע אַמאַטאָרן פון די פריִערדיקע יאָרן. אַגב האָט ער שוין לאַנג אַנטדעקט אַ נייעם טאַ־לאַנט. דאָס איז געווען דעם סקולפּטאָר קראַטקאָס פרוי, אַן אײדעלע, שטשופּלע, עכט ייִדיש־פּוילישע סילועטן־מיידל, און מיט איר האָט ער געוואָלט אָנהויבן דעם נייעם טעאַטער. פּרץ האָט אַלעמאָל געהאַט פאַר־טיגע רפואות פאַר אַלץ.

איך בין געווען קאַלט צו די דאָזיקע אַמאַטאָרן. מיין מיינונג איז געווען, אַז מען דאַרף דערוייל אַרויספישן פון די יידישע טרופּעס די בעסערע עלעמענטן (אַגב זענען שוין דאַן געווען אַ היפּשע צאָל פון יונגע אינטעליגענטע שוישפּילער אין די טרופּעס) און פון זיי צוזאַמענשטעלן אַ טעאַטער.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער אַ שווערע אויפגאַבע, דעריי־בער האָט מיין פּלאַן אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַסטישער; אַגב, האָט פּרץ גע־האַלטן, אַז פאַר די, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון שונד, איז קיין רפואה נישטאָ. זיי זענען שוין פאַרסמטע אויף אייביק, און ער איז געווען בעצם גערעכט.

מיר האָבן נאָכגעגעבן פּרצן און אויסגעווירקט אַן אויפטריט פאַר מאַדאַם קראַטקאָ אין מוראַנאָווער טעאַטער; אויפגעטראָטן איז זי, דוכט זיך, אין פּרצעס אַן איינאַקטער „עס ברענט״. מאַדאַם קראַטקאָ האָט מיט איר לופטיקער פיגורל און מיט איר ראַפינירטקייט געפּאַסט פאַר דער ראָלע, אָבער איר שטים איז געווען שוואַך און אירע באַוועגונגען צו מיק־ראָסקאָפּישע און אַבסטראַקטע. מיר איז פון ערשטן מאָל קלאָר געוואָרן, אַז מאַדאַם קראַטקאָ וועט ווייטער פון אַ פּיקאַנטער אַמאַטאָרין זיך בשום אופן נישט אַנטוויקלען. פּרץ אַליין האָט עס מסתמא אויך איינגעזען, ווייל נאָך דעם דאָזיקן פּרווו איז ער שוין מער נישט באַשטאַנען אויף זיין פּלאַן.

אַביסל אַנטוישט פון דעם ערשטן פּרווו, האָבן מיר אַביסל אַראָפּ־געלאָזט די הענט.

אָבער ממש ווי צו דער האַנט האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז ערגעץ אין אָדעס, אָדער אין איר אומגעגנט, שפּילט מיט גרויס דערפאָלג אַ טרופּע, אָרגאַניזירט פון פּרץ הירשביין, וועלכע די רוסישע פּרעסע רופט „יידישער קונסט־טעאַטער״.

און איינמאָל פאַרנאַכט בין איך אַרויסגערופן געוואָרן צו פּרצן. איך האָב שוין דאָרט אויך געפונען י. דינעזאָנען, און ביידע זענען עפּעס אַזוי גוט אויפגעלייגט; זיי האָבן עפּעס אַ געוואַלדיקע איבערראַשונג פאַר מיר.

קורץ, פּרץ לייגט פאַר פאַר מיר אַ בינטל אויסשניטן פון רוסישע פּראָווינציעלע צייטונגען וועגן פּרץ הירשביינס טרופּע. קליינע נאָטיצן

זענען עס געווען, אַזעלכע נאָטיצן, וואָס הייסן ביי אונדז „פּובליסיטי" און ווערן געדרוקט מיט שטערנדלעך. אין רוסלאַנד האָבן אַזעלכע נאָטיצן נישט געטראָגן דעם דאָזיקן באַליידיקנדיקן נאָמען, זיי האָבן געהייסן „רע־צענזיעס".

פּרץ, מיט זיין האַסטיקייט, לייגט פאָר, אַז מיר זאָלן אויסשרייבן די טרופּע קיין וואַרשע. מען דאַרף עס פאַרלייגן דער „ליטעראַרישער גע־זעלשאַפט", זי זאָל עס טון.

און אומר ועושה: באַלד גייט אַוועק אַ בריוו צו פּרץ הירשביינען, אַז ער זאָל קומען מיט זיין טרופּע קיין וואַרשע.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט פּרץ הירשביין אַליין פירן די אונ־טערהאַנדלונגען. אין די ערשטע שמועסן מיט אונדז האָט ער צעקייט וואָס מיר זענען אויסן, און ער האָט אונדז שטאַלץ דערקלערט, אַז ער האָט נישט בדעה צו קומען דאָ האַלטן אַן עקזאַמען. ער האָט אַ טעאַטער, וואָס האָט שוין אַ פעסטע רעפּוטאַציע און ער איז מסכים צו קומען קיין וואַרשע גאַסטראָלירן. ער וועט אויך מסכים זיין צו באַקומען פון וואַר־שעווער קרייזן מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע, כדי ווייטער אָנצו־פירן זיין טעאַטער.

נאָך די פייערלעכע דעקלאַראַציעס פוןביידע צדדים איז מען צו־געגאַנגען צו דער פּראַקטישער זייט פון דער אונטערנעמונג און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די טרופּע מיטן גרויסן און זיכערן נאָמען, האָט נישט אויף הוצאות צו קומען קיין וואַרשע. פּרץ הירשביין איז אייגנטלעך געקומען פאַראויס צו קריגן רייזע־הוצאות פאַר זיין טעאַטער.

אין געלט־ענינים איז פּרץ געווען זייער אַ לייכטער מענטש. עס איז באַלד געשאַפן געוואָרן די נויטיקע סומע. זי איז איבערגעגעבן געוואָרן הירשביינען און ער איז אַוועקגעפאָרן ברענגען זיין טעאַטער.

פאַר מיר איז די שלעכטע מאַטעריעלע לאַגע פון הירשביינס טרופּע בעצם קיין נייס נישט געווען. איך געדענק נישט, ווו איך האָב אויס־געלייענט די ידיעה, אַז די טרופּע פון פּרץ הירשביין האָט נישט צו באַ־צאָלן פאַרן טעאַטער אין אָדעס, און אויב מען וועט איר נישט קומען צו הילף, וועט זי זיך פאַנאַנדערפאַלן. איך האָב די דאָזיקע ידיעה נאָך פריער

געלאָזט איבערדרוקן אין „פריינד״ און איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס עס איז געווען אַזאַ איבערראַשונג פאַר פרצן און דינעזאָנען.

איך דערצייל עס, ווייל דערנאָך איז אויף מיר ארויפגעוואָרפן געוואָרן די שולד פאַר דעם פונאַנדערפאַל פון פרץ הירשביינס טרופּע. דער אמת איז, אַז הירשביין איז געקומען קיין וואַרשע אַ פאַרצווייפלטער. וואַרשע האָט באַדאַרפט אַרויסראַטעווען זיין טרופּע, מאַטעריעל זי שטאַרקן, אַז זי זאָל קענען ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט, און פאַרוואָס הירשביין האָט נישט דערציילט וועגן דער אמתער לאַגע, אין וועלכער זיין טרופּע געפינט זיך, איז פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלעך.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז הירשביין געקומען מיט זיין טרופּע. מיר האָבן זיך באַקענט מיט איר און צו אונדזער פרייד איז גאָר קיין ברעג נישט געווען. נישט אויף דער בינע, אין פּריוואַט־לעבן, האָט די טרופּע געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען. א. ווייטער, למשל, איז צוגעפאַלן צו דער טרופּע מיט זיין גאַנצער שטילער וואַרעמקייט. פרץ דאָס נעמלעכע. פון דעם גוטן און נאַיוון י. דינעזאָן איז גאָר קיין רייד נישט, און אפילו איך בין געווען זייער אָנגענעם איבערראַשט.

מיר האָבן דערזען פאַר זיך יונגע, לעבעדיקע מענטשן, גאָר נייע פאַרן יידישן טעאַטער. דער גרעסטער טייל האָט געהערט צו דער גוטער און ליבער אויטאָדידאַקטישער יידישער אינטעליגענץ. די פרויען זענען געווען אַלע, מער אָדער ווייניקער, געבילדעט, אַלע האָבן דורכגעמאַכט אַ שול, אייניקע אַפילו אַ רוסישע מיטלשול. אַלע זענען געווען באַלייענט אין דער רוסישער ליטעראַטור. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַפילו געקענט גוט העברעיש. אַלע זענען געווען פון אַ העכערן יידישן קלאַס, אַלע זענען געקומען פון גוטע יידישע הייזער, ווו מען גיט זיך אָפּ מיט דערציִונג פון קינדער.

דעם בעסטן איינדרוק פון די פרויען האָבן געמאַכט אויף אונדז: איינע אַ יונגע, אַ טעמפּעראַמענטפולע און טאַקע אַ טאַלאַנטפולע מיידל אָרלאָווסקאַיאַ (זי איז שפּעטער אַריבער צו דער רוסישער בינע) און די צווייטע — לאה נעמי (איצט שוין לאַנג אין אַמעריקע). ווייטער זענען געווען סלאַווין (יעקב בן־עמיס פרוי), ראָסין, דאַלסקאַיאַ און אַנדערע. פון די מענער האָבן געמאַכט אויף אונדז אַ גוטן איינדרוק דער דאַן גאָר

יונגער און שעמעוודיקער יעקב בן־עמי און זיין שטענדיקער חבר לאַזאַר פריד. דאָס זענען אַלץ געווען נייע מענטשן. פון דעם אַלטן טעאַטער זע־נען געווען: זילבערבערג, ש. קוטנער און אַ צוויי־דריי אַנדערע. הכלל — די מענטשן, אויף וועלכע מיר האָבן אייגנטלעך געוואַרט, אַז זיי דאַרפן עס קומען און באַנייען און אָפּפרישן דעם יידישן טעאַטער — זענען געקומען.

„דער פריינד", וואָס איז געווען זייער קאַרג אויף „פובליסיטי" און וואָס באַקומען ביי אים אַ וואַרעם וואָרט אין אַוואַנס, איז געווען גאָר פון די אוממעגלעכע זאַכן, האָט דאָ עובר געווען אויף זיינע פרינציפּן און האָט אויפגענומען די טרופּע מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט.

די אַנדערע צייטונגען האָבן געפירט אַן אַנדער ליניע, נישט, חלילה, קיין פּרינציפּיעלע. עס האָט געהייסן, אַז פּרץ מיט זיין חברותא, מיטן „פריינד" טומלען, דאַרף מען זיין אַביסל איינגעהאַלטן.

דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס פאַר דער „נייער" טרופּע איז גוט צוגעגרייט געוואָרן דורכן „פריינד", מיט וועלכן מען האָט זיך שטאַרק גערעכנט בכלל און בפרט אין טעאַטער־ענינים.

פּרץ, דינעזאָן און אַ. וויטער האָבן געיום טובט. איך האָב זיך גע־האַלטן אַן אַ זייט. אַלס קריטיקער האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אָפּ־צוּוואַרטן אַביסל מיט מיינע סימפּאַטיעס, ביז איך וועל זען די טרופּע שפּילנדיק.

און אָט איז די ערשטע פאָרשטעלונג, דאָס „מוראַנאָווער שטעלכל" זעט אויס גאָר יום טובדיק. דער בעסטער וואַרשעווער עולם האָט אָנ־געפילט דעם טעאַטער. די יוגנט, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט", איז געווען אויפגערעגט פון דערוואַר־טונג. פּרץ, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר, איז געווען אַזוי אויפגערעגט אַז ער האָט נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. אָט דאַרף זיך אויפ־הויבן דער פאָרהאַנג. אָדער מיר גייען אַרויס ווי זיגער, אָדער מיר פאַלן דורך און מיר זענען די באַזיגטע. אַזוי אייגנטלעך איז דער ענין אויפ־געפאַסט געוואָרן פון אַלעמען און פון אונדז אַליין.

דעם ערשטן אָוונט איז געגאַנגען „מיטן שטראָם" פון שלום אַש און שלום עליכמס „מענטשן".

ענדלעך הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. פּרץ, וואָס איז געזעסן לעבן

מיר האָט ממש אַ קרעכץ געטון פון ביטערער אַנטוישונג. די בינע איז געווען אויסגעשטעלט אַזוי געשמאַקלאָז, אַזוי נישט סימעטריש און אַזוי גרוי־פעדאַנטיש, אַז מען האָט פשוט געמוזט אַראָפּלאָזן די אויגן. דאָס שפּילן איז געווען נישט בעסער, עפּעס צעצויגן, צעשמירט און אונטער־געשטראָכן אַפּאַטיש איז געגאַנגען דאָס שפּילן. נודנע, לאַנגע און נישט־אויסגעפּילטע פּאַוזן האָבן פשוט געווירקט אויף די נערוון. די שוישפּילער האָבן אַרומגעוואַנדלט אויף דער בינע ווי שאָטנס אין סאַמע דראַמאַטישע מאָמענטן און מען האָט זיך לאַנגזאַם, בנעימותדיק אָוועקגעזעצט.

מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט, אַז דאָס שטיק זאָל זיך ענדיקן. פּרץ האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. ער איז געבליבן זיצן און זיך נישט אויפ־געהויבן פון זיין אָרט אין דער גאַנצער צייט פון דער הפסקה.

און אָט הויבט מען אָן שפּילן שלום עליכמס „מענטשן" און עס ווערט גאַנץ אינטערעסאַנט. די בינע זעט גאָר אויס אַנדערש. טירן אויף אַן אָרט, די קיך גוט און קלאָר אויסגעשטעלט, די אַקטיאָרן שפּילן, גאָר אַנדערע אַקטיאָרן. די כאַראַקטערן זענען גוט געשטעלט. קלאָר און בולט זענען זייערע שטריכן און דאָס גאַנצע שפּיל האָט, אמת, אַ לאַנגזאַמען טעמפּ, אָבער אַ דורכגעטראַכטן און אַ לאַגישן.

יעקב בן־עמי שפּילט דעם עקאָנאָם גאָר אייגנאַרטיק. אַ פּולן, אַ שווערלייביקן, אַן אַפּאַטישן מענטשן שילדערט ער... דער צאָרן זיינער פּלאַצט אַרויס ווי אַ פּאַרע פון אַ שטאַרק פאַרמאַכטן קעסל.

און אַלץ איז געבונדן און געקייטלט. אַלץ האָט אַ בעסערן טאָן, אין אַלץ לאָזט זיך פילן טעאַטער.

דאָס איז געווען דוד הערמאַנס רעזשי.

נאָך דער פאָרשטעלונג, וואָס האָט געדויערט לאַנג, בין איך אַוועק אין רעדאַקציע און אָנגעשריבן אַן אויספירלעכע רעצענזיע און אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען שוין אין „פריינד" זי געלייענט. דאָס איז געווען אַזאַ נייס אין דער יידישער פּרעסע, אַז מען האָט עס באַוואונדערט. די אַנדערע אויפפירונגען זענען אויך רעצענזירט געוואָרן באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג. הכלל, מיר זענען געוואָרן אייראָפּעיש.

דאָס איז געווען בלויז די באַציִונג פון „פריינד" צו דער טרופּע. די אַנדערע צייטונגען האָבן זיך נישט געאיילט מיט זייערע רעצענזיעס.

זיבן פאַרשטעלונגען האָט געגעבן הירשביינס טרופּע. די ווייטער־דיקע פּיעסן זענען געווען יושקעוויטשעס „די שטאָט", הייערמאַנס „געטאָ", הירשביינס „די נבלה", דוד פּינסקיס „שעפּטעל", „יחוס" פון שלום אַש, די שוין דערמאָנטע פאַרשטעלונג און נאָך אַ פּיעסע.

די אַנדערע אויפפירונגען זענען געווען כמעט אַלע ענלעך אויף דער אויפפירונג פון אַשס „מיטן שטראָם".

מיט יעדער פאַרשטעלונג איז די אַנטוישונג אונדזערע געוואָרן אַלץ ביטערער און שמערצלעכער. עס איז געווען אַ טרופּע פון אַ יונגער, פעיִקער און ענטוזיאַסטישער יידישער יוגנט, אָבער אַן אומגליקלעכער דילעטאַנטיזם האָט זי געפירט אומבאַהאָלפן.

איך וויל דאָ איבערגעבן אַ פּאָר שטעלן פון מיינע צוויי אַרטיקלען, — ביידע אַ סך־הכל פון די זיבן פאַרשטעלונגען, — כדי נישט צו פאַר־לאָזן זיך אויף מיין גאַנצן זכרון.

אין „פריינד" האָב איך געשריבן: „אַזאַ יונגע טרופּע מוז האָבן אַ טיכטיקן טעאַטראַל פאַר אַ פירער, גראָד ווייל זי איז יונג און נישט־דערפאַרן".

אין דעם וואָכנבלאַט „דער שטראַל" האָב איך געשריבן: „דעם יידישן טעאַטער פעלט אַ רעפּערטואַר, אַ רעזשי און אַ גוט פּובליקום. דער „ניי־ער" טעאַטער (הירשביינס טרופּע), וואָס האָט גאַסטראָלירט אָקאָרשט אין וואַרשע, האָט איינעם פון די ערשטע צוויי פעלערן יאָ באַזייטיקט. דער רעפּערטואַר איז אַ נייער, אָבער די „רעזשי" איז די זעלביקע. אַ פּוב־ליקום אַ גוטס איז געווען אויף די פאַרשטעלונגען; עס איז געקומען מיט גרויסע האָפענונגען און מיט גערעכטע פאָדערונגען — און עס איז אַוועק ביטער אַנטוישט".

„דער „נייער" טעאַטער האָט בלויז גוטע כוונות, שיינע שטרעבונ־גען, ער איז אָבער נישט ביכולת צו פאַרווירקלעכן קיין איינע פון זיי".

„די טרופּע וויל געבן אַ רעזשי אָן אַ רעזשיסער. די רעזשי איז די־לעטאַנטיש, נישטאָ קיין רמז אויף אַ סיסטעם (ריכטונג). נישט נאָר אין פאַרשידענע שטיק, נאָר אין יעדן אַקט פון דער זעלביקער פּיעסע זעט איר פאַרשידענע רעזשיִען. אין איין אַקט פילן זיך די „עצות" פון אַ מיור־שבדיקן, קאַלטן און לאַנגזאַמען מענטש. לאַנגזאַם, מיט שלעפּעדיקע

טריט באַוועגט זיך די האַנדלונג; אויף דער בינע פירט זיך אַלץ ווי אין אַ חלום, די אַרטיסטן באַוועגן זיך ווי לונאַטיקער, מען מאַכט לאַנגע און נודנע פּויזן. אין דעם אַנדערן אַקט פילן זיך די „עצות״ פון אַ היציקן מענטשן; איז א געלויפעריי אויף דער בינע, מען שלינגט די פּראַזע איילִיק, מען באַוועגט זיך נערוועז, איינער כאַפּט ביים אַנדערן די רעפּליקע און מען גייט אָפּ פון דער סצענע ווי צעדולטע. אין דריטן אַקט אַרבעטן ביידע בעלי־עצות: לעבן היץ און קעלט אין נאָענטער שכנות״.

דער אויספיר איז געווען, אַז פּרץ הירשביין האָט אונדז געוויזן, אַז עס איז דאָ אַ פּובליקום פאַר אַ בעסערן טעאַטער. דאָס איז אפשר אַ פאַרדינסט, אָבער דעם סוד האָבן מיר זיך דערוווּסט פריִער פאַר אים. לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט באַשטעטיקט אונדזער השערה. אָבער זיין „מיסיע״ האָט זיך מיט דעם געענדיקט.

אויף אַ צוזאַמענקום פון „אייגענע״ מענטשן ביי פּרצן האָב איך געהאַט אויסצושטיין שווערע אַטאַקעס מצד דעם ווייכהאַרציקן י. דינעזאָן, וועלכער איז געווען ווייט פון טעאַטער און האָט געטענהט, אַז מען דאַרף זיין מילד צו דער טרופּע. שווערער איז געווען פאַר מיר די אומצופרידנקייט פון אַ. ווייטערן. דער דאָזיקער מערקווירדיקער מענטש האָט זיך פשוט פאַרליבט אין דער יוגנט פון דער טרופּע און אים האָט וויי געטון מיין שאַרפע קריטיק. אַגב האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט די טרופּע זאָל זיך צעפאַלן.

דער איינציקער, וואָס האָט געהאַלטן מיט מיר, איז געווען פּרץ. די דאָזיקע שמועסן, אַגב־אורחא, זענען פאָרגעקומען שוין נאָך די פאָרשטעלונגען. אין דער צייט פון די פאָרשטעלונגען האָט קיינער נישט פּרובירט צו באַאיינפלוסן מיך. איך פלעג בלויז זען, ווי ווייטער לייענט מיינע רעצענזיעס און גייט אַרום אַ צעטראָגענער און ברומט עפּעס פאַר זיך.

די טרופּע האָט געוואָלט פאַר די צען טעג פון איר גאַסט־שפּילן צוגרייטן אַן אויפפירונג פון י. ל. פּרצעס „די גאָלדענע קייט״. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו זאָגן אַ מיינונג וועגן דעם. דער ליבער דינעזאָן האָט געוואָלט אָנטון פּרצן אַ נחת־רוח. עס איז שוין אַפילו אַנאָנסירט געוואָרן די אויפפירונג, אָבער פּרץ האָט אין די לעצטע צוויי טעג געווירקט, אַז מען זאָל עס אָפּרופן.

נאָך די גאַסטראָלן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די געשעפטלעכע זייט פון הירשביינס טרופּע איז געווען נישט בעסער איינגעשטעלט פון דער קינסטלערישער. צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז נאָך דעם גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג פון דער טרופּע, איז די קאַסע פון דער טרופּע געבליבן ליידיק ווי פריִער. די טרופּע איז געבליבן אַזוי אָרעם ווי זי איז געקומען.

מיר האָבן זיך גענומען אויספאָרשן די זאַך און דערקלייבן זיך צו די סיבות און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דעם גרעסטן טייל פון דער הכנסה האָט גאָר קאָמפּאַנייעץ, דער באַלעבאָס פון דער מוראַנאָווער חורבה, צוגענומען. ער האָט, חלילה, נישט באַרויבט די טרופּע אויף אַן אומערלעכן אופן; ניין, ער האָט ביי דער טרופּע פּשוט אויסגענאַרט אַ זייער גינסטיקן קאָנטראַקט פאַר זיך; פאַר דירה־געלט בלויז איז אים באַשטימט געוואָרן אַ העלפט פון דער ברוטאָ־הכנסה.

די לעצטע אַנטוישונג איז געווען די ביטערסטע. מיר האָבן באַשיינפּערלעך געזען, אַז מיט אַזאַ אומגליקלעכער קינסטלערישער און געשעפטלעכער לייטונג איז די טרופּע פאַראורטיילט צום טויט.

נעענטער באַקענענדיק זיך מיט דעם אינערלעכן לעבן פון דער טרופּע, איז אונדזער ערשטער גוטער איינדרוק אויך פאַרשווּנדן געוואָרן. אַ טרופּע פון יונגע קינסטלער, האָט אין איר נישט געהערשט קיין בראַוער, מוטיקער און באַהעמישער גייסט, נאָר עפּעס קליינשטעטלדיקע סענטימענטאַליטעט איז געווען אין דער באַציִונג פון איין שוישפּילער צום אַנדערן. איין טייל האָט געלעבט עפּעס אין אַן אַטמאָספערע פון אַן עקסטערן־גרופּע; דאָס זענען געווען די נייע יונגע קרעפטן. דער צווייטער טייל, וועלכער איז באַשטאַנען פון שוישפּילער פון אַלטן טעאַטער, האָט זיך געלעבט אויף דעם קליינבירגערלעכן שטייגער פון זייערע אַלטע חברים. די צוויי עלעמענטן, די אַלטע און די נייע, האָבן זיך נישט איינגעלעבט. דאָס האָט איר געזען נישט בלויז אינעם פּריוואַט־לעבן פון דער טרופּע, נאָר אויף דער סצענע אויך. די אַלטע אַקטיאָרן, מער „דערפאַרענע" און מיט מער „כאַראַקטער", האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפן שפּילן. די אַלטע, מייןסטנס צווייטע און דריטע ראָליסטן אויף דער סצענע, האָבן „געסטאַרעוועט" אין די אויפפירונגען. זיי האָבן זיך נישט גע־

בויגן אַפילו פאַר דער נעבעכדיקער דילעטאַנטישער רעזשי. זיי האָבן געשפּילט גאַנץ זעלבסטשטענדיק, נאָר אויפן אַלטן שטייגער. פלעגט מען זען, ווי איינער אָדער איינע פון די אַלטע „צעמעלאָדראַמעוועט״ זיך גאָר אויף אַ ווילדן שטייגער און זייער פּאַרטנער, איינער אָדער איינע פון די נייע, דבקעט זיך שטיל, נישט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף זייערע מיט־שפּילערס. די טרופּע האָט נישט געהאַט דאָס קינסטלערישע אויג, וואָס זאָל עס באַמערקן, און די פעסטע רעזשיסערישע האַנט, וואָס זאָל עס באַזייטיקן. אַ חוץ דעם זענען אין דער טרופּע געווען עטלעכע שוישפּילער, וועלכע האָבן פּשוט נישט געהערט צום „פאַך״. גאָר האָפענונגסלאָזע אַמאַטאָרן האָבן זיך „צוגעלאַנטשעט״ צו איר און עס איז נישט געווען קיין באַלעבאָס, וועלכער זאָל האָבן די פעסטקייט אָפּצורייניקן די טרופּע פון זיי. ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט זיך געקענט אַריינכאַפּן אין דער טרופּע.

איך געדענק אַ צוזאַמענקום פון „אונזער קרייז״, אויף וועלכן דאָס אַלץ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן. די בעסטע פריינט פון דער טרופּע האָבן געמוזט צוגעבן, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ מפּיל־קינד, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טויט־געבוירן קינד. דערשלאָגענע זענען מיר זיך פונאַנדער־געגאַנגען. אַ שיינע האָפענונג, אַ פאַרביק זייפנבלאָז האָט געפּלאַצט.

די טרופּע האָט זיך ווי עס איז אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן קיין דווינסק און אין נאָך עטלעכע שטעט, וועלכע מען האָט „געגומען״ פאַר איר.

פאַרשטייט זיך, אַז די טרופּע האָט פאַרלאָזט וואַרשע אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. די מיט ניכטערע שפּייעכץ צוזאַמענגעקלעפּטע טרופּע האָט שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געקומען פּרץ הירשביין צו דערקלערן אונדז, אַז ער קען ווייטער נישט אָנגיין מיט דער אָנפירונג פון דער טרופּע. אויף אַ זיצונג פונעם פּרעזידיום פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט״, וואָס איז פאַרגעקומען אין י. דינעזאָנס ענגן צימערל, האָט מען אויסגעהערט די טענות פון הירשביינען און קיינער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און וואָס צו ראַטן.

הירשביין האָט געפּאָדערט, למשל, אַז נאָמבערג אָדער אַש זאָלן אי־בערנעמען די אָנפירונג פון דער טרופּע.

לפנים האָט עס געהייסן אַזוי: נאָמבערג איז נויטיק אין דער רע־דאַקציע פון „פריינד". מיר האָבן געהאַלטן דעם „פריינד" אַזוי וויכטיק ווי הירשביינס טעאַטער. אַש איז גאָר אין וואַרשע נישטאָ. ער טראָגט זיך ווי אַ שטורמווינט פון פּעטערבורג קיין בערלין און פון בערלין ער־געץ אין דער שווייץ.

קיינער האָט נישט געהאַט די האַרטקייט צו זאָגן הירשביינען דעם ביטערן אמת, אַז מען קען זיין טרופּע נישט אָפּשרייען. אָבער הירשביין אַליין האָט פאַרשטאַנען פון די שטאָמלדיקע ענטפערס, וואָס ער האָט צו טון. ער איז אַוועקגעפאָרן און פונאַנדערגעלאָזט די טרופּע.

די פעיִקע מיטגלידער פון דער טרופּע האָבן זיך באַלד אַריינגע־ריסן אין די פאַרשידענע יידישע טעאַטערס און פון זיי זענען אויסגע־וואָקסן זייער אָנגעזעענע יידישע שוישפּילער, וועלכע האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן טעאַטער. די וויי־ניקער פעיִקע האָבן זיך צוגעטוליעט צו פאַרשידענע טרופּעס און די פּאָר גאָר נישט־פעיִקע זענען אַוועק פון טעאַטער.

41

די אַנטוויקלונג און דער אַמעריקאַנער פּעריאָד

די שטימונג איז שטאַרק געפאַלן אין „אונזער קרייז". פּרץ איז בטבע געווען אַ צאַפּלדיק־טעמפּעראַמענטפולער מענטש: ער האָט זייער שווער איבער־געטראָגן אַ דורכפאַל אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַ דורכפאַל פלעגט אים מאַכן אַפּאַטיש אויף אַ געוויסער צייט, ביז ער פלעגט קו־מען צו זיך און אָנזאַפּן זיך מיט פרישער ענערגיע און ווייטער אָנהייבן צו רודערן. און פּרצעס שטימונג פלעגט זיך באַלד אָפּרופן אויף דינע־זאָנען און די צוויי פלעגן שוין קענען אָנשטעקן די איבעריקע מיט אַפּ־אַטישקייט.

י. ל. פּרץ האָט איבערגעגעבן די פירונג פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" דעם יונגן און ראַדיקאַלן עלעמענט — די בונדיסטן: גראָ־סער, אַ זייער פעיִקער און אַ זייער איבערגעגעבענער אַרבעטער־טוער, וועלכער האָט אָבער כמעט קיין יידיש נישט פאַרשטאַנען, איז געוואָרן דער פאָרזיצער אַנשטאָט פּרצן. מיט פּרצן זענען דינעזאָן און איך אַוועק פון דער פאַרוואַלטונג. די פּאָליציי האָט באַלד דערשמעקט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז די „ליטעראַ־רישע געזעלשאַפט", נאָך אַן איבערפאַל פון דער פּאָליציי, פאַרמאַכט גע־וואָרן.

אַזוי אַרום איז אונדזער בעסטע און וויכטיקסטע טריבונע פאַרן קאַמף פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע הענט.

שטיל איז געוואָרן, שטיל נאָכן גרויסן שטורעם, וואָס מיר האָבן אויפגעהויבן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו דעם „אַלטן" טעאַטער און געזוכט דאָרט עפּעס אויפצוטון. איך האָב בשום אופן ביי זיך נישט געקענט פועלן, אַז מיין „מיסיע" איז בלויז צו שרייבן רעצענזיעס. איך האָב איינגעזען, אַז אַ יידישער טעאַטער־קריטיקער טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער שרייבט פון צייט צו צייט אַ רעצענזיע איבער אַן אויפפירונג. ראשית זענען נייע אויפפירונגען נישט געווען אַזוי אָפט און צווייטנס זענען די מערסטע אויפפירונגען נישט ווערט געווען, אַז מען זאָל זיי נעמען ערנסט און שרייבן וועגן זיי, ווי עס האָט זיך געוואָלט. אַזוי אַרום האָט מיין אינטערעס צום טעאַטער געמוזט זוכן אַנדערע טעטיקייטן אויף דעם טעאַטער־געביט, אַ חוץ די רעצענזיעס, וואָס איך פלעג שרייבן פון צייט צו צייט.

דער טעאַטער, מוז איך זאָגן, האָט נישט קוקנדיק אויף דער מלחמה, וועלכע מיר האָבן אים דערקלערט, געזוכט כסדר שלום צו מאַכן מיט אונדז און געווינען אונדז אויף זיין זייט. קיין ווייטערדיקע קאָנפליקטן זענען נישט פאָרגעקומען, אַ חוץ איין קאָנפליקט, וועלכן נישט איך און נישט די שוישפּילער האָבן גענומען ערנסט.

דער קאָנפליקט איז אַרויסגעקומען אַזוי: איך האָב אָנגעשריבן אַ שאַרפע רעצענזיע וועגן אַן אויפפירונג אין „עליזעאום טעאַטער". די רעצענזיע האָט געמוזט אַרויסרופן די אומצופרידנקייט פון די שוישפּילער, אָבער די שוישפּילער האָבן עס מיר נישט געגעבן צו פילן. גייט אַ נייע פּיעסע אין „עליזעאום" און איך קום אין טעאַטער. עפּלבערג באַגעגנט מיך העפלעך, טראָגט מיר אונטער מיינע בילעטן און איך פאַרנעם מיין פּלאַץ און וואַרט ווי אַלע, אַז דער פאָרהאַנג זאָל זיך אויפהויבן. עס קומט די צייט און דער פאָרהאַנג הויבט זיך נישט אויף. דער עולם ווערט אומגעדולדיק, מען הויבט אָן פּאַטשן מיט די הענט, טופּען מיט די פיס און שרייען מיטן מויל. דער פאָרהאַנג הויבט זיך נישט אויף. עס איז שוין אַ פאַרשפּעטיקונג אויף 15 מינוט. גיי איך אַרויס, געפין עפּלבערגן און פרעג אים, וואָס עס איז געשען. שטאַמלט ער עפּעס, ענטפערט נישט קלאָר און צום סוף זאָגט ער מיר: „די שוישפּילער, דאָס הייסט ראַפּעל.

ווילן נישט שפּילן, ווייל איר זענט אין טעאַטער. זיי האָבן זיך איינגע־שפּאַרט און מען קען מיט זיי גאָרנישט מאַכן״.

אַ קאַלטער מענטש איז געווען דער דאָזיקער עפּלבערג. ער האָט עס מיר קאַלט, אָבער גענוג בייז, איבערגעגעבן.

איך האָב עס אויסגעהערט רויִק, גענומען מיין מאַנטל פון מיין שטול און בין אַרויס פון טעאַטער, זאָגנדיק עפּלבערגן, אַז איך גיי אַוועק אַן פּראָטעסט, ווייל איך וויל עס נישט אַרויסטראָגן פאַרן פּובליקום.

מיין רויִקע האַלטונג האָט מאָדנע געווירקט אויף די שוישפּילער. אייניקע האָבן אַפילו געפּאָדערט, אַז מען זאָל מיך אומקערן, אָבער איך בין שוין נישט געווען אין טעאַטער. דער דאָזיקער אינצידענט איז אַרי־בער שטיל און די שוישפּילער אַליין האָבן געזוכט צו פאַרטושן אים.

צו די ווייטערדיקע אויפפירונגען פון דעם טעאַטער פלעג איך וואַרטן אויף אַן איינלאַדונג און זי פלעגט פון דאַן אָן קומען זייער פּינקטלעך.

**
*

פון סוף 1910 ביז 1913 הויבט זיך אָן אַ פּעריאָד אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער, וועלכן מען קען באַצייכענען נישט אַנדערש ווי אַמערי־קאַנער. דער רעפּערטואַר ווערט דורכאויס אַמעריקאַניש און אַ חוץ דעם האָבן כסדר פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין טעאַטער אַמעריקאַנער אַק־טיאָרן. איינע נאָך די אַנדערע קומען פון אַמעריקע שוישפּילער אויף גאַסטראָלן. עס קומען קלאַראַ יאַנג, מאַשקאָוויטש, לאָבעל, ראָטשטיין, זילבערט, טאָמאַשעווסקי, קעסלער און אַנדערע. דער יידישער טעאַטער ווערט דורך און דורך אַמעריקאַניזירט. מען הויבט אַפילו אָן צו באַנוצן די ענגלישע ווערטער, וועלכע זענען אַריינגעזאַפּט געוואָרן אין אַמערי־קאַנישן יידיש.

בנוגע רעפּערטואַר איז דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן קיינמאָל נישט געווען זעלבסטשטענדיק. ער האָט זיך כסדר געשפּייזט מיט דעם אַמעריקאַנישן רעפּערטואַר. מען האָט כסדר גע־שפּילט לאַטיינערן, הורוויצן, גאָרדינען, פּינסקין, ליבינען און אַמאָל אַנ־דערע, ווי קאָברינען, קאָרנבליטן אאַז״וו. אָבער דער דאָזיקער רעפּער־

טואַר איז דאָך נישט געווען אַמעריקאַניש. נישט לויט זיין אינהאַלט און נישט לויט זיין פאָרעם. לאַטיינערס און הורוויצעס אָפּערעטעס זענען גע־ווען „היסטאָרישע". פון גאָרדינס דראַמעס האָט מען גענומען די, וועלכע זענען נישט געבויט אויף דעם אַמעריקאַניש־יידישן שטייגער: „מירעלע אפרת", „קרייצער סאָנאַטאַ", „די שחיטה", „די שבועה", „מעדעא", „דער יידישער קעניג ליר", „דער מטורף" און אַנדערע זענען דאָך גע־ווען דראַמעס פון דעם רוסיש־יידישן לעבן. דאָס נעמלעכע איז אויך מיט פינסקיס „יענקל דער שמיד", „שעפּטל" און „די מוטער", ז. ליבינס און מיט אייניקע קאָברינס דראַמעס. דער אַמעריקאַנער רעפּערטואַר גופא איז נאָך געווען געבויט אויפן לעבן פון דער אַלטער היים. אַזוי אַרום איז נישט געווען קענטיק, אַז דער רעפּערטואַר איז אַן אַמעריקאַנישער.

קיין אייגענע אָפּערעטעס־שרייבער און דראַמעס־שרייבער האָט דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן נישט אַרויסגעגעבן; שלום אַשס פּיעסן זענען געווען צופעליק אין דעם רעפּערטואַר, און הירש־ביינען האָט מען נאָך דאַן גאָרנישט געשפּילט.

דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָט זיך געמוזט שפּייזן מיט דעם אַמעריקאַנער רעפּערטואַר.

דער יידישער שרייבער האָט נישט געהאַט די אַמביציע צו שרייבן דראַמעס פאַרן יידישן טעאַטער. ערשטנס האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס ביטול צו דעם טאַקע עלנטן יידישן טעאַטער. צווייטנס האָט דער יידישער טעאַטער כמעט נישט געוווסט פון צאָלן האָנאָראַר אַ דראַמאַ־טורג. עפּעס איז יאָ געווען אַ געזעלשאַפט פון דראַמאַטורגן, וואָס פלעגט עס אויפמאָנען פאַר אירע מיטגלידער, אָבער דער פּראָצענט, וואָס דער דראַמאַטורג פלעגט באַקומען, איז געווען אַזוי קליין, אַז צוליב מאַטע־ריעלע חשבונות האָט עס געוויס נישט געלוינט צו שרייבן פּיעסן פאַר דעם יידישן טעאַטער.

די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן פלעגן זיך נאָך אויסקליגן צו באַ־פרייען זיך אַפילו פון די אביונישע האָנאָראַרן. זיי פלעגן איבערמאַכן דראַמעס, אָפּערעטעס און אַוועקשטעלן אויף זיי זייער נאָמען און מען האָט עס ביי זיי גאָרנישט געקענט מאָנען.

דער עיקר איז געווען די „צענזורקע", דאָס הייסט דער עקזעמפּ־

לאַר, אויף וועלכן דער צענזאָר האָט געגעבן זיין דערלויבעניש אויפצו־פירן. די „צענזורקע״ איז געווען אין דייטש און האָט אַנטהאַלטן אין זיך נישט די גאַנצע דראַמע, נאָר דעם סקעלעט. פון דעם דאָזיקן סקעלעט האָט איר קיינמאָל נישט געקענט דערקענען דעם אמתן מחבר און אַזוי אַרום האָט גאָר דער מחבר אָפיציעל אָפט גאָרנישט געקענט מאָנען קיין האָנאָראַר.

דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פוילן האָט געהאַט עטלעכע אייגענע שמירער, מענטשן, וואָס האָבן גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צו ליטעראַטור און צום טעאַטער. עפּעס אין דער פּראָווינץ איז געווען איינער, וואָס האָט געשריבן מעלאָדראַמעס. ער האָט זיך באַפריינ־דעט מיט די טרופּעס, וואָס פלעגן קומען אויף גאַסטראָלן אין זיין שטאָט און ער פלעגט זיי מזכה זיין מיט דער „פרוכט פון זיין פעדער״. אַזאַ איז געווען איינער וואַקסמאַן, נאָך איינער — מיט אַן אַנדערן נאָמען, פון וועלכן קיינער האָט נישט געהערט.

אַחוץ דעם פלעגן די „געבילדעטע״ אַקטיאָרן שרייבן פּיעסן. מיינס־טענס זענען עס געווען „באַאַרבעטונגען״ פון רוסישע, פראַנצויזישע אָדער ענגלישע מעלאָדראַמעס. אַזאַ שרייבער איז געווען דער פּעיקער אַקטיאָר און רעזשיסער מאַירסאָן. אַזאַ איז געווען קאַמינסקי. בלויז איינער, וואָס האָט שוין געשריבן מעשה שרייבער, איז געווען ה. עפּלבערג, דער די־רעקטאָר פון „עליזעאום״. ער האָט געכאַפּט דעם שניט פון די אַמעריק־קאַנער אָפּערעטן־ און מעלאָדראַמען־שרייבער און פלעגט צוגרייטן די דאָזיקע געריכטן דערהויפּט פאַר זיין טעאַטער, האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קעגן דעם, אַז אַנדערע וועלן, וואָס קענען אַריינברענגען מער געלט ווי זיינע, זאָלן געשפּילט ווערן אין זיין טעאַטער. ה. עפּלבערג איז שוין געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּיעסן־שרייבער, אָבער אַלס דירעקטאָר און געשעפטס־מענטש פלעגט ער בעסער לאָזן שפּילן אַן עכט־אַמעריקאַ־נישע פּיעסע, אויב ער האָט געמיינט, אַז זי וועט האָבן מער דערפאָלג.

בכלל האָט געהערשט אין פּרט פון רעפּערטואַר די גרעסטע הפק־רות און דעמאָראַליזאַציע. איך האָב אַליין געזען „צענזורקעס״ פון פּיעסן פון באַקאַנטע דראַמאַטורגן, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דער נאָמען פון דירעקטאָר אַלס מחבר. אין וואַרשע און אין די אַנדערע גרויסע שטעט

פלעגט מען נאָך אויף די אַפישן אַרויפשטעלן דעם נאָמען פון אמתן מחבר. אין די פּראָווינץ־שטעט פלעגט דער דירעקטאָר געוויינלעך זיך אָנגעבן אַלס מחבר פון אַלע פּיעסן. בנוגע אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס איז מען געווען נאָך דרייסטער. דעם אמתן מחבר האָט מען גאָרנישט געוווּסט. כסדר איז דער באַלעבאָס פון טעאַטער געווען דער מחבר.

די אַלע אַמעריקאַנער „שטיק" זענען ביז דער צייט נישט סיסטעמאַטיש אימפּאָרטירט געוואָרן. עפּעס איז געווען אַ שטיקל פאַרבינדונג מיט אַמעריקע. געווען עפּעס קליינע מעקלערלעך, וועלכע האָבן אַלע מאָל געהאַט „עפּעס" פון אַמעריקע. דאָס „עפּעס" איז מײַנסטנס געווען בלויז עפּעס, שטיקלעך, ברעקלעך פון אַ פּיעסע, שלעכט צונויפגעבונדן און שלעכט, גאָר כאַאָטיש, צונויפגעקניפּלט. דאָ פלעגן טאַקע די דירעקטאָרן האָבן אַרבעט; זיי האָבן געמוזט צולייגן אַ האַנט און מאַכן, אַז די אַמעריקאַנער „סחורה" זאָל אויסזען ווי אַ דראַמע אָדער ווי אַן אָפּערעטע.

פון 1910 האָט זיך איינגעשטעלט, ווי עס שיינט, אַ בעסערע פאַרבינדונג מיט אַמעריקע. די מעקלערס פלעגן צושטעלן גוטע עקזעמפּלאַרן פון אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס. דער סימן איז געווען, אַז אין די דאָזיקע שטיק האָבן מיר שוין דערשפּירט דעם אַמעריקאַנישן שטייגער. ער איז געווען קענטיק אין דער גאַנצער פּיעסע, אַפילו די ענגלישע ווערטער זענען דערגאַנגען אָן גרייזן.

פון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז צווישן דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד און דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָרמאַלער קאָנטאַקט.

די ערשטע אָפּערעטע, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז מיט איר גאַנצן „גלאַנץ און פּראַכט" איז געווען שאָרס „אַ מענטש זאָל מען זיין".

איך מוז זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט אונדזערע פריערדיקע „אָפּערעטעס" איז די דאָזיקע אָפּערעטע געווען אַ שעדעווער און עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי איז דער קריטיק, מער אָדער ווייניקער, געפעלן געוואָרן. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ שטיקל טעמע, וואָס אַנטוויקלט זיך ביזן לעצטן אַקט. מיר האָבן געזען, ווי די טעמע פאַרוויקלט זיך און ווי זי ווערט פונאַנדערגעפּלאָנטערט. מיר האָבן געהערט, מער אָדער ווייי־

ניקער, אַ מענטשלעכן דיאַלאָג און עטלעכע נישקשהדיקע קופּלעטן. אַ חוץ דעם האָט די מוזיק דערמאָנט אָן מוזיק.

דער ערשטער ריכטיקער גרוס פון דעם אַמעריקאַנער רעפּערטואַר האָט אונדז נישט שטאַרק פאַרשעמט; ביי אונדזער דלות איז עס געווען אַ גרוס פון עשירות.

„אַ מענטש זאָל מען זיין״ האָט אָנגעהויבן גיין מיט גרויס דערפאָלג אין „עליזעאום״. באַלד האָט זיך מתקנא געווען די „ליטעראַרישע״ טרופּע, די „פאַראייניקטע״. זיי האָבן אויך באַקומען אַן עקזעמפּלאַר, געשיקט אַ שטאַפעט קיין פּעטערבורג, דער שטאַפעט האָט געבראַכט אַ „צענזורקע״ און איינס־צוויי איז די דאָזיקע אָפּערעטע אַוועק מיט דערפאָלג אויך ביי די „פאַראייניקטע״.

42

די ייִדישע טעאַטער־נעזעלשאַפט

I

די שטורמישע אַטאַקעס אונדזערע אויף דער הפקרות אין דעם ייִדישן טעאַטער האָבן אַפּנים געהאַט אַ שטיקל ווירקונג, וואָרום אין אָנהויב פון 1911 איז דער ייִדישער טעאַטער אין וואַרשע געווען אין זייער אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. טרופּעס זענען צעפאַלן געוואָרן, טעאַטערס זענען געווען ליידיק און מען האָט שטאַרק גערעדט, אַז די צוויי טעאַטערס זאָלן זיך צומאַכן.

דער ייִדישער לייענער, דער בעסערער טעאַטער־עולם האָט אַפּנים אָנגעהויבן אויסמייַדן דעם טעאַטער מיטן שלעכטן רעפּערטואַר. דער דאָזיקער „שטילער" באָיקאָט פלעגט אָפּט אָננעמען זייער קוריאָזע און זייער קאָמישע פאָרמען. הייִקע יונגעלייט פלעגן קומען צו אַ שונד־אויפפירונג און שטערן די פאָרשטעלונג. זיי פלעגן שרייַען, אַז מען פאַרסמט דעם עולם. פיל מאָל פלעגן קומען צו אונדז אין רעדאַקציע יונגעלייט, ממש דערשראָקענע; זיי זענען געווען אין ייִדישן טעאַטער און זענען פאַרסמט געוואָרן פון שונד. אַנדערע פלעגן קומען פרעגן שאלות, צי קען מען באַזוכן די אָדער יענע אויפפירונג. אַנדערע פלעגן קומען מאָנען שאַרפערע קריטיק, נאָך אַזעלכע סימפּאָזיומס ווי אין „פילהאַרמאָניע". דאָס זענען געווען נאַיִווע אויסברוכן פון צאָרן, וועלכע באַגלייטן שטענדיק אַלע באַוועגונגען.

אָבער די באַוועגונג האָט געהאַט אויך גאַנץ ערנסטע מאָמענטן. אַזוי, למשל, איז צעריסן געוואָרן די אינטימע פריינטשאַפט צווישן דער אונ־טערוועלט און דעם יידישן טעאַטער. די גרויסע מאַטעריעלע שטיצע, וואָס דער יידישער טעאַטער האָט געהאַט פון די וואַרשעווער יידישע פּסולתן, האָט דער טעאַטער פאַרלוירן. ווי דער פאַקט איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג אין „פילהאַרמאָניע״, האָבן זיך די שטילע, אָבער זייער אינטימע פריינט אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערצוגייין. דעם אָנהויב האָבן געמאַכט די יידישע שוישפּילער. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו דערווייטערן פון זייערע „פּעטע״ פריינט. דער אַנדער צד איז מסתמא ברוגז געוואָרן און אַזוי אַרום איז מען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען.

דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער מאַטעריעלער לאַגע פון־נעם טעאַטער.

עס האָט געמוזט קומען אַן איבערברוך. אָדער דער טעאַטער הייבט זיך אָן בעסערן — און אזוי בעסערן, אַז מען זאָל עס באַלד דערשפּירן און ער זאָל באַקומען די געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיע; אָדער ער זאָל ווערן אַזוי דרייסט־שונדיש, אַז ער זאָל אויפרודערן דעם פינצטערן עולם. דאָס ערשטע צו טון האָט דער טעאַטער קיין כוח און קיין ווילן נישט געהאַט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן צווייטן אויסגאַנג; דער איז אים, משמעות, געווען נעענטער צום האַרצן.

און דאָ האָט דער מזל צוגעשפּילט דעם יידישן טעאַטער אין וואַר־שע. פון אַמעריקע האָט זיך אַ גאָס געטון אַ מבול פון שונד־אָפּערעטע, „דאָס פּינטעלע ייד״, „די נשמה פון מיין פאָלק״, „דאָס יידישע האַרץ״ און אַנדערע אַזעלכע פּערל. „דאָס פּינטעלע ייד״ איז געווען דער שונד, וואָס האָט געקענט אַרויסראַטעווען דעם יידישן טעאַטער פון דער מאַ־טעריעלער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך געררוקט אויף אים. „דאָס פּינ־טעלע ייד״ האָט אַזוי אָנגעריסן, אַז אַ רעגן פון רענדלעך האָט זיך אָנגע־הויבן גיסן אויפן יידישן טעאַטער. די דירעקטאָרן זענען רייך געוואָרן, די אַקטיאָרן זענען געוואָרן זאַט און טעמפּ. איבער גאַנץ רוסלאַנד, וווּ נאָר אַ יידישע טרופּע האָט קוים געזשיפּעט, איז געקומען די דאָזיקע מגושמדיקע אָפּערעטע אַלס דערלייזערין. אַ יאָר נאָכאַנאַנד איז אין די

צענדליקער טעאַטערס אין רוסלאַנד און אין פּוילן קיין צווייטער שטיק נישט אויפגעפירט געוואָרן.

אין „עליזעאום"־טעאַטער איז „דאָס פּינטעלע ייִד" געגאַנגען 200 מאָל. אַ צווייטער טעאַטער האָט אָנגעהויבן שפּילן די זעלבע אָפּע־רעטע און ער איז אויך געווען געפּאַקט קרוב אַ יאָר. קיינמאָל האָט דער ייִדישער טעאַטער נישט געהאַט אַזאַ זאַטע צייט. מען האָט פאַרגעסן פּשוט, אַז עס זענען דאָ אנדערע פּיעסן, מען האָט פאַרגעסן אַרבעטן אויף ראָלן. אַלע האָבן געשפּילט אין „פּינטעלע ייִד", באַקומען גוט און פּינקט־לעך באַצאָלט. איז מען אַרומגעגאַנגען ליידיק, געשפּילט אין קאָרטן, גע־געסן און געטרונקען אין שענקלעך און די דעמאָראַליזאַציע האָט ממש צעווערעמט דאָס גאַנצע טעאַטער־וועלטל.

אונדז אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ ביטערער יאוש — כלו כל הקיצין...

אַ שטיקל האָפענונג איז געווען אויף אַ נייעם טעאַטער, וואָס האָט געהאַלטן ביים עפענען זיך; קאַמינסקי האָט אויפגעבויט אַ נייעם טעאַ־טער און מען האָט גערעכנט, אַז דאָס ווערט געבויט אַ היים פאַר אסתּר־רחלען און איר אַמאָליקער „ליטעראַרישער טרופּע". אָבער די ביטערע אַנטוישונג איז באַלד געקומען. געעפנט האָט זיך דער טעאַטער מיט „מירעלע אפרת", אַ שטיק, וואָס איטלעכס זויג־קינד אין וואַרשע האָט עס שוין געזען. אַ. קאַמינסקי האָט באַלד נעהאַט דעם אויסרייד, אַז „לי־טעראַטור" נעמט נישט דעם עולם, און ער האָט אָנגעהויבן אויפפירן אָפּערעטעס. אַ חוץ אַמעריקאַנער אָפּערעטעס האָט ער זיך אַליין גענומען צו שטשאָבען שוידערלעכע היסטאָרישע אָפּערעטעס. אַזאַ איז געווען די אָפּערעטע (?) „רבי עקיבא מיט זיינע 24 טויזנט תּלמידים". דער טשוואָק פון דער אָפּערעטע איז געווען אַ משונהדיקער העלפאַנד, אויף וועלכן רבי עקיבא פאָרט אַריין אין ירושלים אונטער דער מוזיק פון אַ פריי־לעכן וואַלס. אַלע אָפּערעטעס זענען דורכגעפאַלן אין דעם דאָזיקן טעאַ־טער. פלעגט מען צווישן איין דורכפאַל און דעם אַנדערן אַרויסלאָזן אסתּר־רחל קאַמינסקי מיט ליטעראַרישע שטיק. אַזוי איז אויפגעפירט געוואָרן אויף איין פּוס זודערמאַנס „היימאַט" מיט אסתּר־רחלען אין דער הויפּט־ראָל; אַזוי איז אויפגעפירט געוואָרן „איזראַעל" פון אַנרי בערנ־

שטיין און אַנדערע. דער טעאַטער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, פּאַסט לחלוטין נישט צוליב זיין שלעכטער אַקוסטיק פאַר דראַמעס, און מען האָט זיך געמוזט האַלטן ביי דער אָפּערעטע.

אַ שלעכטער דירעקטאָר, אַ שוואַכער אַקטיאָר, אַ זייער אומבאַהאָל־פענער אָפּערעטן־שרייבער, האָט אַ. קאַמינסקי געמאַכט פון זיין טעאַטער פּשוט אַ נעסט פון שונד. „דאָס פּינטעלע ייד״ איז געווען אַ קונסטווערק אין פאַרגלייך מיט די אָפּערעטעס, וואָס ער האָט אויפגעפירט.

אַזוי אַרום איז דער חושך אין דעם יידישן טעאַטער געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער.

אונדזער קעמפנדיקע גרופּע איז צעפאַלן. י. ל. פּרץ איז געוואָרן אַפּהעטיק: ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן צו פיל אַנטוישונגען. נאָמבערג האָט קיינמאָל נישט גענומען נאָענט צום האַרצן די לאַגע פון דעם יידישן טעאַטער. אָבער האָט ער דאַן אַנטדעקט דעם וועליסאָפּעד, אָדער דעם ביליאַרד, איז ער געווען אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון זיי. נאָמ־בערג פלעגט אָפּט האָבן אַזעלכע ספּאָרטישע אָנפאַלן. געווען אַן עפּאָכע פון וועליסאָפּעד, אַן עפּאָכע פון ביליאַרד און פון טאַנץ. און אין אַזאַ עפּאָכע איז ער געווען פּשוט טויב פאַר געזעלשאַפטלעכע פראַגן. י. די־נעזאָן איז געווען פּרצעס שאָטן. ער האָט קיין אייגענע שטעלונג און קיין אייגענע ענערגיע נישט געהאַט. ער האָט געלעבט מיטן זכות פון פּרצן. אָבער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אידיל־ישע איינשטימיקייט אין דעם „קרייז״ בנוגע וויכטיקע טעאַטער־פּראָבלעמען. י. ל. פּרץ איז סוף כל סוף געווען נישט מער ווי אַ פיינער דילעטאַנט אין דער טעאַטער־קונסט. פאַר אים איז טעאַטער געווען בלויז די דראַמע. ער האָט געוואָלט אַ בעסערן שוישפּילער, וואָס זאָל פאַרשטיין די בעסערע דראַמע. ווייטער זענען זיינע טעאַטראַלע השגות נישט געגאַנגען. אמת, ער איז געווען דער ערשטער קעגנער פון נאַטוראַליזם אויף דער יידישער בינע. מיט יאָרן צוריק איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם האַמעטנעם נאַטוראַליזם. אָבער טענות האָט ער געהאַט צו דער נאַטוראַליסטישער דראַמע און נישט צום נאַטוראַליסטישן שפּילן. אָפּט פלעגט אים דאָס נאַטוראַליס־טישע שפּילן געפעלן, אין דער צייט וואָס אויפן נאַטוראַליסטישן שטיק האָט ער געקריצט מיט די ציין.

סוף כל סוף האָט פּרץ געוואָלט זען זיך, ד״ה זיין ראָמאַנטישן שריפטשטעלערישן „איך״ אויף דער סצענע. זיין „גאָלדענע קייט״ איז געווען פאַר אים נישט סתם אַ דראַמע, נאָר אַ טעאַטער־פּראָגראַם, אַ טעאַטער־ריכטונג.

בכלל איז פּרץ געווען שוין אַביסל צו פיל „פּילזייטיק״. ער האָט זיך נישט געקענט קאָנצענטרירן אויף איין פראַגע און דורכנעמען זי ווי געהעריק, אַוועקזעצן זיך און שטודירן זי. זייער פּעזיק, און בכלל מיט אַ געוואַלדיקער תפיסה, פלעגט ער אויפנעמען אַ פּראָבלעם שנעל און איז געווען פאַרטיק דערמיט. אין די סאַמע לעצטע יאָרן האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, באַמערקט דעם דאָזיקן חסרון זיינעם און ער האָט אים גע־וואָלט גובר זיין. בשעת ער האָט זיך גענומען פאַר די איבערזעצונגען פון תנ״ך, האָט ער ערנסט גענומען לערנען דעם קעגנשטאַנד, אָבער זיין אָנשטרענגונג האָט קיינמאָל נישט לאַנג געדויערט.

אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט, האָט ער נישט געקענט זיין דער רויִקער זוכער און דער טיפער אַריינדרינגער אין די פראַגן און פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַראינטערעסירט.

אין די טעאַטער־פּראָבלעמען זענען כסדר געווען חלוקי־דעות צווישן מיר און אים, אָפּט אַזעלכע חלוקי־דעות, וועלכע פלעגן אָפּקילן אונדזערע פריינטלעכע באַציִונגען אויף אַ קורצער צייט. י. דינעזאָן, וועלכער פלעגט אויפנעמען אַלץ, וואָס פּרץ זאָגט, ווי נביאות, פלעגט מיט זיין אַריינ־מישן זיך אָפּט פאַרשאַרפן די חלוקי־דעות.

אַ. ווייטער האָט געהאַט גאָר נישט דער ערד קלערערע און פעס־טערע באַגריפן וועגן טעאַטער. אַ. ווייטער איז אָבער געווען אַ בעל־תשובה, ער איז געוואָרן אַביסל מיסטיש געשטימט, פּשוט אַביסל רעלי־גיעז. נאָך זיין רעוואָלוציאָנערן אויפברויז און נאָך זיין ראַדיקאַלן אויפ־שטורעם איז ער אריינגעפאַלן אין אַ תשובה־שטימונג. ער איז בכלל גע־ווען בלויז אויסערלעך אַ רויִקער, אַן איינגעהאַלטענער און אַ מענטש מיט גרויס גלייכגעוויכט. אינערלעך אָבער איז ער געווען אַ מענטש פון שאַר־פע עקסטרעמען. פון דעם עקסטרעמסטן בונדיסטישן ראַדיקאַליזם האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צום עקסטרעמסטן קאָנסערוואַטיזם, אַזוי ווייט, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז דאָ איין וועג: צוריק צום בית־המדרש.

ער האָט טיף געגלויבט, אַז נישט בלויז ער האָט זיך אַרומגעזען, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט זיך אַרומגעזען און גייט טאַקע צוריק צום בית־המדרש. ער האָט אויפגעזוכט אַזעלכע בעלי־תשובות ווי ער, און דאָס האָט געשטאַרקט זיין גלויבן.

ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע עטלעכע טעג, פלעגט באַ־זוכן בתי־מדרשים און „צוקוקן זיך״ וואָס יידן טוען; און נאָך אַזעלכע עקסקורסיעס פלעגט ער קומען אַ זיכערער און אַ פעסטערער:

— יידן דאַווענען, יידן לערנען, יידן לאָזן זיך נישט אַרויסשטעלן פון זייערע פעסטע פאָזיציעס. — אָפט פלעגט ער מאַכן זייער טשיקאַווע אַנטדעקונגען.

ער איז אַמאָל געקומען צו מיר און האָט מיר דערציילט אַזאַ מעשה: אַ יידישער בחור, אַ קינד פון אַסימילירטע עלטערן, וואָס האָט גאָרנישט געוווּסט פון יידישקייט, איז איין מאָל געקומען אַהיים, האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער פון אַ גימנאַזיסט און האָט אָנגעטאָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ קליין היטל און האָט דערקלערט, אַז אויב ער איז אַ ייד, מוז ער זיין אין אַלץ אַ ייד.

די עלטערן האָבן לכתחילה געמיינט, אַז זייער קינד איז אַראָפּ פון זינען. זיי האָבן אים אָנגעהויבן פירן צו דאָקטוירים, צו פּראָפעסאָרן, אָבער זיי האָבן אים געפונען געזונט און נאָרמאַל, הכלל, דאָס דאָזיקע יונגע בחורל האָט אָנגעהויבן גיין אין בית־המדרש, זיך אויסגעלערנט דאַווענען און מיט חשק זיך גענומען לערנען גמרא. א. ווייטער האָט דער־טאַפּט דעם דאָזיקן בחורל און אַ וואַרעמע פריינטשאַפט האָט זיך איינ־געשטעלט צווישן זיי. ער האָט זיך אַפילו באַקענט מיט די עלטערן פון דעם בחורל, האָט זיי געטרייסט און געזוכט צו באַווייזן זיי, אַז זייער קינד גייט אויפן גלייכסטן וועג.

אַ ווונדער איז מיר בלויז געווען, ווי אַזוי פּישט עס אויס אַ. ווײַ־טער אַזעלכע זעלטענע פאַלן אין דער פאַר אים פרעמדער וואַרשע. ווו נאָר אַ בעל־תשובה, וויים שוין ווייטער פון אים.

אַ. ווייטער האָט געוואָלט, אַז דער טעאַטער זאָל זיין אַ בעל־תשובה־שער, פאַרשטייט זיך, — נישט אין דעם פשוטן זין פון וואָרט. טעאַ־

טער דאַרף גלאָריפיצירן דאָס אַלטע, שיינע און טיפע ייִדישקייט. טעאַ־טער דאַרף קעמפן פאַר דעם ביסל ייִדישן אייגנס.

מיט אַ. ווייטערן איז נישט געווען שייך צו האָבן שאַרפע חלוקי־דעות. ער האָט געזאָגט קורץ, איינגעהאַלטן, וואָס ער מיינט, און ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין ווייטע וויכוחים.

אַגב פלעגט אַ. ווייטער, ווי זיין שטייגער, אָפט נעלם ווערן פון וואַר־שע. אַ חוץ דעם, וואָס ער אַליין האָט געזוכט התבודדות, האָט ער נישט געקענט איינזעצן זיך אויף איין אָרט. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ שווער פעקל פּאָליטישע חטאים פון דער רעוואָלוציע פון 1905. ער האָט גע־לעבט אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט, ער איז געווען גאָר הורוויץ און האָט נישט געטאָרט וואַרפן זיך דער פּאָליציי אין די אויגן, וועלכע האָט אים געזוכט ווי מיט ליכט.

אַזוי איז פון אונדזער שטעטל געבליבן אַ דערפל, ד״ה איך בין געבליבן איינער אַליין אויפן פעלד. טעאַטער־קריטיק האָב איך געשריבן זעלטן, ווייל קיין נייע אויפפירונגען זענען פשוט נישט געווען.

פאַר דער צייט זענען פאָרגעקומען גאַנצע איבערקערענישן אין דער פרעסע. ספּעקטאָרס „די נייע וועלט״ האָט זיך פאַרמאַכט, „אונזער לעבען״ איז אויך געשטאָרבן. אנשטאָט די דאָזיקע צוויי צייטונגען איז אויפגעקו־מען דער „מאָמענט״ מיט צבי פּרילוצקין אַלס רעדאַקטאָר. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעניש צווישן „היינט״ און „מאָמענט״. די דאָזיקע ריי־סעריי האָט פאַרשלונגעןביידע צייטונגען. אַגב האָט מען אָנגעהויבן קאָנ־קורירן מיט שונד־ראָמאַנען און די פּרעסע איז טיילווייז געוואָרן ענלעך אויפן טעאַטער.

נח פּרילוצקי פלעגט נאָך, פון צייט צו צייט, אַרויס מיט אַ טעאַטער־אַרטיקל אין „מאָמענט״. אין „היינט״ איז טעאַטער־קריטיק אינגאַנצן פאַר־נאַכלעסיקט געוואָרן.

די רייסערייען צווישן די צייטונגען האָבן געהאַט אַ גרויסע פּעולה אויפן טעאַטער: קאָנקורירנדיקע טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן אָנגעהויבן רייסן זיך אין די טעאַטער־אַנאָנסן, ריכטיק ווי די צייטונגען אין זייערע אַרטיקלען.

די שטימונג איז בכלל געווען דערצו זייער אַ געדריקטע. די פּוילישע באָיקאָט־באַוועגונג קעגן ייִדן איז געוואָרן אַלץ בייזער און אָרגאַניזירטער. זי

האָט דערגרייכט איר שטאַרקסטן היץ־פּונקט ביי די וואַלן פון דער דומע, ווען ייִדן האָבן מיט זייערע שטימען געשיקט דעם סאָציאַליסט יאַגעלאָ אין דומע אַריין.

אין דער דאָזיקער גרויער צייט באַווײַזט זיך אָ. ווייטער, פלוצלונג, ווי זיין שטייגער, אין וואַרשע. ער איז שווייגנדיק, פאַרטראַכט און מען זעט, אַז ער איז אָנגעלאָדן עפּעס מיט אַ פּלאַן און מיט ענערגיע דורכצופירן אים. עטלעכע טעג האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט, זיך צוגעהערט, צוגעקוקט און איין מאָל, אין אַ גאַנץ פינצטערן אָוונט, איז ער געקומען צו מיר און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט זיין פּלאַן:

מען מוז אָרגאַניזירן אַ טעאַטער־געזעלשאַפט; מען מוז אויפבויען אַ טעאַטער, וואָס זאָל שטיין אונטער דער קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט; ער זאָל נישט זיין קאָמערציעל, קיינער זאָל פון אים קיין פּראָפיטן נישט נעמען; ער זאָל בלויז צאָלן באַשיידן די שוישפּילער, דעם רעזשיסער, דירה־געלט און אַנדערע הוצאות.

עס איז קלאָר, אַז דער איצטיקער טעאַטער לעבט אָפּ זיינע לעצטע טעג און מען דאַרף זיין גרייט צו בויען אויף זיינע חורבות אַ קהלשן ייִדישן טעאַטער.

אָ. ווייטער האָט געהאַט אַ גענוי־אויסגעאַרבעטן פּלאַן, אַלץ איז געווען אויסגערעכנט, אַלץ איז געווען „פאָראויסגעזען".

II

וועגן דער „טעאַטער־געזעלשאַפט" איז פיל געשריבן געוואָרן און מיינסטנס פאַלש, פאַרגרייזט און נישט מיט דער ריכטיקער באַקאַנטשאַפט פון די פאַקטן. איך האָב נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרריכטן די גרייזן, אָפּצולייקענען די פאַלשקייטן און פעסטצושטעלן די אמתע פאַקטן. איך האָב געהאַט ביי זיך דעם גאַנצן מאַטעריאַל און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו פאַרעפנטלעכן אים.

די גאַנצע טעאַטער־געזעלשאַפט איז געווען אָ. ווייטער און איך; איך בין געווען דער שטילער סעקרעטאַר און אָ. ווייטער דער איינציקער פּראַקטישער טוער. די אַלע אַנדערע נעמען, וועלכע זענען דערמאָנט

געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דער טעאַטער־געזעלשאַפט, זענען געווען בלויז נעמען און נישט מער.

איך וועל דאָ דערציילן די קורצע און זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט, און די גרייזן, טעותן און פאַלשקייטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט ביי די פאַרשיידענע „פאָרשער״, וועלן ממילא אַוועקפאַלן.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן מיר, א. ווייטער און איך, געאַרבעט אויף, אַזוי צו זאָגן, אַ באַריכט פאַר אַ געוויסער צאָל מענטשן. דער באַריכט האָט באַדאַרפט געבן אַ בילד פון דעם צושטאַנד פון יידישן טעאַטער און אין אַלגעמיינע שטריכן אָנווייזן, וואָס עס קען געטון ווערן.

מיר זענען אַרויס פון פאָלגנדיקע צוויי הנחות: דער אַלטער יידישער טעאַטער צעפאַלט; ער איז אַריין אין דעם פעריאָד פון פשוטער גסיסה. דאָ האָבן מיר געגעבן גענויע ידיעות וועגן דעם רעפּערטואַר, וואָס ווערט געשפּילט אין אַלע יידישע טעאַטערס אין פוילן און אין רוסלאַנד; כמעט אומעטום זענען געשפּילט געוואָרן „דאָס פּינטעלע ייד״, „די נשמה פון מיין פאָלק״ און נאָך אַנדערע שוידערלעכע אָפּערעטעס. די אַלטע אַקטיאָרן זענען אַזוי פאַרזונקען געוואָרן אין שונד, אַז זיי זענען שוין געוואָרן עלנטע פּאַיאַצן. אַזוי אַרום איז כמעט קיין טעאַטער נישטאָ.

די צווייטע הנחה איז געווען די פאָלגנדיקע: אין דער זעלבער צייט פילט זיך צווישן די יידישע מאַסן אַ געוואַלדיקער אינטערעס צום טעאַטער. עס איז ממש נישטאָ קיין יידישע שטאָט, אָדער שטעטל, אין וועלכן עס זאָל נישט זיין קיין דראַמאַטישער קרייז, וואָס זאָל זיך נישט אָנשטרענגען אויפצופירן אַ בעסערע דראַמע אָדער קאָמעדיע. כמעט אַלע נייע דראַמעס, וועלכע זענען דאַן דערשינען, זענען אויפגעפירט געוואָרן פון די דאָזיקע דראַמאַטישע קרייזן.

עס באַווייזן זיך נייע אינטעליגענטערע שוישפּילער, זייער צאָל איז שוין געוואָרן צוזאַמענצושטעלן פון זיי אַ גאַנץ גרויסע טרופּע. אָט די מחנה פון יונגע שוישפּילערס זענען אין געפאַר אַריינגעצויגן צו ווערן אין דעם שונד־טעאַטער און אַזוי אַרום וועלן מיר פאַרלירן דעם נייעם דור פון שוישפּילערס.

אין דעם קליינעם „אַרכיוו״ פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט האָב איך

אָפּגעזוכט אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זענען פאַרשריבן מיט אַ. ווייטערס האַנטשריפט די נעמען פון די נייע שוישפּילערס, פון וועלכע עס דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערן די קינפּטיקע טרופּע, און דאָס זענען די נעמען: בן־עמי, ל. פריד, ש. קוטנער, זשעליאַזאָ (איינער פון אַלטן טעאַטער), טייטלבוים, מאַרק שווייד, לאַנדוי (אויך פון אַלטן טעאַטער); פרויען: נעמי, אָרלאָווסקאַיאַ, קראַטקאַ, עדעלמאַן (פון אַלטן טעאַטער) און אונטער אַ פראַגעצייכן מאַדאַם טרילינג, וועלכע האָט געהאַט אַ פיי־נערן טאָן אין שפּילן מיטליעריקע פרויען־ראָלן.

אויף נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר איז פאַרצייכנט דער קינפטיקער רע־פּערטואַר. דאָ גייט אַ לאַנגער צעטל פון פּיעסן, דערהויפּט יידישע און אַ קליינער טייל פרעמדע.

מיר האָבן זיך, הייסט עס, געגרייט טיכטיק, אַלץ פאַראויסגעזען. דערהויפּט מען זאָל אונדז נישט שטעלן די אַלטע פראַגע — וואָס איז דאָ צו שפּילן? און די פינצטערע פראַגע — ווער זענען די אַקטיאָרן פאַרן נייעם טעאַטער?

ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער טעאָרעטישער זייט, זע־נען מיר צוגעגאַנגען צו דער ריין פּראַקטישער: מי ומי ההולכים? ווער זענען די מענטשן, וואָס מען קען זיי צוציִען צו דער אַרבעט פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט? דאָ האָבן מיר זיך דערפילט גאָר עלנט און אומ־באַהאָלפן. פון דער ליטעראַרישער משפחה איז אַפילו קיין איינער נישט געווען, אויף וועלכן מען זאָל קענען בויען.

וועגן י. ל. פרצן איז אַ. ווייטער געווען אינגאַנצן קעגן, אַז מען זאָל אים צו פיל מטריח זיין. אַ. ווייטער האָט געהאַט ממש אַ מיסטישע פאַר־ערונג צו פרצן; ער האָט כסדר געטענהט, אַז יעדע שורה, וואָס פרץ שרייבט אָן, איז מער ווערט פאַר זיין גרעסטן געזעלשאַפטלעכן אויפטו, קען מען זיך באַנוצן בלויז מיט פרצעס נאָמען, כדי צו געבן דעם ענין אויטאָריטעט.

איך בין אויך נישט געווען שטאַרק פאַר דעם, אַז מען זאָל פרצן איינשפּאַנען אין דער פּראַקטישער אַרבעט, אָבער צוליב גאָר אַנדערע מאָטיוון. פרץ איז צו קאַפּריזנע. מיט אַ העלפט פון די מענטשן, אויף וועלכע מיר רעכענען, איז ער ברוגז. פרץ האָט געהאַט אַזעלכע קרבנות

אַ פּאָר טוג. ביי יעדן צוזאַמענקום פלעגט ער די דאָזיקע מענטשן שטעכן, אויסלאַכן און זיי מבטל זיין.

וועגן נאָמבערגן, אַשן, רייזענען האָט אויך קיין רייד נישט געקענט זיין איינצושפּאַנען זיי אין דער אַרבעט.

אָבער סוף כל סוף זענען מיר געקומען צו פּרצן מיט אונדזער פּלאַן; ער איז פּאָרט געווען די איינציקע פּערזענלעכקייט אין אונדזער וועלט און פאַרבייגיין אים איז פּשוט געווען אוממעגלעך. און אַגב טאַקע האָט ער געהאַט דעם ווונדערלעכן כּוח אָנצושטעקן מיט באַגייסטערונג, אויפצומונטערן און, דער עיקרשט, צו געבן אַ ריכטיקע עצה. ער איז צייטנווייז געווען זייער קלוג און זייער וויטזעעוודיק.

י. ל. פּרצן, פאַרשטייט זיך, איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן.

מיט זיין הילף האָט דער פּלאַן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די טעאַטער־געזעלשאַפט באַקומען אַ קלאָרע פאָרעם. מיט דעם האָט זיך געענדיקט פּרצעס טעטיקייט פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז עס ווערט געגרינדעט אַ טעאַטער־געזעלשאַפט אויף אַקציעס. די געזעלשאַפט באַשטייט פון לויטער אַקציאָנערן. יעדער מיטגליד מוז זיין אַן אַקציאָנער. אַן אַקציע קאָסט 10 רובל. די געזעלשאַפט האָט צוויי פאַרוואַלטונגען: איינע, וואָס פירט אָן די געלט־אַקציע און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט, און די צווייטע פאַרוואַלטונג, וואָס פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט אָרגאַניזירן דעם טעאַטער.

צו דער ערשטער פאַרוואַלטונג האָבן מיר באַשטימט צוצוציִען ייִדישע קאַפּיטאַליסטן, זיי זאָלן זיין די גרינדער פון דער געזעלשאַפט, זיי זאָלן האָבן צו זאָגן איבער דער מאַטעריעלער זייט פון דער אונטערנעמונג. מיר האָבן באַשטימט צוצוציִען אַזעלכע ייִדישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זענען אויך פּאָפּולער ווי געזעלשאַפטלעכע טוער.

די צווייטע פאַרוואַלטונג, וועלכע מיר האָבן צווישן זיך גערופן „דער קינסטלערישער ראַט", דאַרף באַשטיין אויסשליסלעך פון ליטעראַטן.

י. ל. פּרץ, מיט זיין האַסטיקייט און אימפּעט, האָט גלייך גענומען זיך צו זען מיט אַן אַדוואָקאַט, וועלכן ער קען און וועלכער וועט אויסאַרבעטן דעם סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט.

אַ. ווייטער איז געוואָרן אַביסל אומרויִק. עס איז געווען קעגן זיין פעסטער באַשטימונג נישט אַריינצוציִען פרצן אין דער פּראַקטישער אַר־בעט. רויִק, פאַרזיכטיק און מיט גרויס יראת־הכבוד האָט ער אָנגעהויבן באַווייזן פּרצן, אַז ער דאַרף זיך נישט אָפּגעבן צופיל מיט דער דאָזי־קער אַרבעט. מיר, ער און איך, וועלן שוין טון די פּראַקטישע אַרבעט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי פּרץ איז געווען געריִרט פון ווייטערס פאַרגעטערונג. זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן. ער האָט גע־נומען ווייטערס האַנט, אַריינגעקוקט אין ווייטערס אויגן און געזאָגט בלויז:

— גוט.

מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט. צו אונדזער אי־בערראַשונג האָט אונדזער פּלאַן געפונען דעם וואַרעמסטן אויפנעם סיי אין די באַלעבאַטישע קרייזן און סיי אין די ליטעראַרישע. „דאָס פינ־טעלע ייִד״, וואָס פאַרכאַפּט דעם גאַנצן ייִדישן טעאַטער, האָט אַפּנים אַלעמען דערשראָקן.

באַלד האָבן איינגעשטימט צו ווערן גרינדער פון דער געזעל־שאַפט: דער ציוניסטישער עסקן און אָנגעזעענער וואַרשעווער באַלעבאָס אַברהם פּאָדלישעווסקי, משה פעלדשטיין (דירעקטאָר פון דער קאָלאָניאַל באַנק), ד״ר נח דאַווידזאָן, איינער פון די פיינסטע ייִדיש־פּוילישע אינ־טעליגענטן, און דערצו נאָך דער זון פון דעם דאָזאָר לייבוש דאַווידזאָן, און ד״ר גרשון לעווין, אַן איבערגעגעבענער טוער אין „הזמיר״, אַ פּאָ־פּולערער אַרצט און אויך אַ פּאָפּולערער שריפטשטעלער.

פון די ליטעראַטן האָבן זיך באַלד אָפּגערופן און איינגעשטימט אַריינצוגיין אין דעם קינסטלערישן ראַט, פאַרשטייט זיך, י. ל. פּרץ, דער־נאָך שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, אַברהם רייזען, י. דינעזאָן, מרדכי ספּעק־טאָר, ש. ראָזענפעלד, אַ. ווייטער און איך.

י. ל. פּרץ האָט זיך אַליין אָנגעשלאָגן צו גיין מיט אונדז צו אַ זי־צונג צו פּאָדלישעווסקין. אויף דער זיצונג האָבן מיר שוין געהאַט פאַר־טיק דעם סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט. אויף דער זיצונג איז באַשטימט געוואָרן, אַז דריי מענטשן — פּאָדלישעווסקי, פעלדשטיין און ד״ר גרשון לעווין — גייען צום נאָטאַריוס און שרייבן זיך אונטער אַלס די גרינדער פון דער געזעלשאַפט.

באַלד נאָך דער דאָזיקער באַראַטונג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג אין הויז פון ד״ר נח דאַווידזאָן, אויף וועלכער עס זענען געקומען די אויבנ־דערמאָנטע ליטעראַטן. אויף דער זיצונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „קינסטלערישער ראַט״. אַ קליינער דאָקומענט איז אונטערגעשריבן גע־וואָרן פון אַלע אָנוועזנדיקע. דער דאָקומענט, געשריבן מיט אַ. ווייטערס האַנט, — באַשטייט בלויז פון די פאָלגנדיקע שורות — און דהיינו:

די אַלע אונטערגעשריבענע בילדן דעם קינסטלערישן ראַט פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אָנפירן מיטן טעאַטער, וואָס די טעאַ־טער־געזעלשאַפט וועט אָרגאַניזירן. דער קינסטלערישער ראַט טיילט אויס פון זיך אַ קאָמיטעט פון דריי מענטשן, וועלכע ער גיט איבער די אָנפי־רונג פונעם טעאַטער. עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז קיין איינער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט פאַרנעמט נישט קיין באַצאָלטן אַמט אין דער טעאַ־טער־פירונג. דער קאָמיטעט באַשטימט דעם רעפערטואַר, אַנגאַזשירט די אַקטיאָרן און שטעלט אָן אַ רעזשיסער, וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן די גאַנצע פּראַקטישע קינסטלערישע לייטונג.

אונטערגעשריבן:

י. ל. פּרץ, שלום אַש, א. רייזען, ה. ד. נאָמבערג, י. דינעזאָן, ש. ראָזענפעלד, אַ. ווייטער, ד״ר אַ. מוקדוני, ד״ר גרשון לעווין, ד״ר נח דאַווידזאָן און מרדכי ספּעקטאָר.

אַ. ווייטער האָט צוזאַמענגעלייגט דעם פּשוטן בויגן פּאַפּיר, דעם דאָ־קומענט, האָט אים איבערגעגעבן מיר, און דאָס האָט געהייסן, אַז איך וועל, אַזוי צו זאָגן, דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פונעם קינסטלערישן ראַט, ווי עס ווייזט אויס, מיט דער פאָראויס־באַשטימטער הסכמה פון אַלע אָנוועזנדיקע.

שטיל, זאַכלעך, אָן לאַנגע דיסקוסיעס, ערנסט און פייערלעך, איז אַדורך די דאָזיקע זיצונג. מיר זענען זיך צעגאַנגען שפּעט. אַ. ווייטער איז געגאַנגען צו מיר נעכטיקן. געקומען אין מיין וווינונג, זאָגט מיר אַ. ווייטער: איצט דאַרפן מיר זיך ערשט דורכרעדן, — און ער הייבט אָן אַזוי, איך געדענק איטלעכס וואָרט:

די גאַנצע אונטערנעמונג דאַרף האָבן צוויי שמשים, צוויי מענטשן, וואָס זאָלן טון די שוואַרצע אַרבעט, די אַרבעט פון פאַרקויפן אַקציעס,

דאָ אין וואַרשע און איבער גאַנץ רוסלאַנד; די אַרבעט צו פירן די קאָ־רעספּאָנדענץ, צו אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען און צו פּראָפּאַגאַנדירן. איך נעם אויף מיר צו זיין דער משולח פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט. איך לאָז זיך אַוועק איבער דער מדינה; איך וועל פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, צונויפרופן קליינע פאַרזאַמלונגען, גרינדן קאָמיטעטן, וועלכע וועלן פאַר־קויפן די אַקציעס, ביז עס וועט ווערן די סומע פון 20 טויזנט רובל (אַזוי איז באַשטימט געוואָרן) און מען וועט קענען צוגיין צו דער קינסטלערי־שער אַרבעט. איר פון אייער זייט מוזט ווערן דער צווייטער שמש דאָ אויפן אָרט. מיר ביידע וועלן פירן די זאַך. דערביי דאַרפן מיר זיך געבן דאָס וואָרט, אַז קיין פּרוטה פאַר אונדזער טרחה נעמען מיר נישט. איך וועל אַפילו אויף רייזע־הוצאות נישט נעמען. איך וועל שוין, ווי עס איז, פאַרדינען אויף מיין ברויט און אויף רייזע־הוצאות. זענט איר מסכים? איר מוזט מסכים זיין, אויב נישט, איז דער גאַנצער ענין אַ זייפנבלעזל.

אָפּגעמאַכט: מיר זענען ביידע די שמשים. ביי ייִדן זענען זיי אַלע מאָל געווען די, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן די פּראַקטישע ייִדישקייט.

נישט דערציילן קיינעם, דערהויפּט פּרצן, אַז איך לאָז זיך אַוועק איבער דער מדינה אויף אייגענע הוצאות; נישט דערציילן פּרצן, אַז איר נעמט אויף זיך די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט דאָ אויפן אָרט און אויך אויף אייערע הוצאות. קיין פּרוטה פון דעם געזאַמלטן געלט טאָר נישט אויסגעגעבן ווערן אויף הוצאות, וועלכע זיינען נישט פאַרבונדן מיטן טעאַטער גופא.

איך האָב זיך געוועדט, איבערהויפּט קעגן זיין באַשטימונג צו לאָזן זיך איבער דער וועלט אויף אייגענע הוצאות, וועלכע ער האָט נישט. אַ. ווייטער האָט געשוויגן און צום סוף האָט ער קורץ געזאָגט: „רעדט נישט, דאָס איז מיין איינציק שטיקל האָפענונג צו בויען עפּעס פאַר די יאָרן, וואָס איך האָב זיך פאַרנומען מיט צעשטערונג״.

43

א. ווייטער איבער דער מדינה

איך בין די נאַכט נישט געשלאָפן און געפילט, אַז א. ווייטער שלאָפט אויך נישט.

אינדערפרי האָט זיך אַ. ווייטער אויפגעהויבן ווי איינער, וואָס גייט צו דער ריכטיקער מינוט צו זיין אַרבעט און האָט רויִק געזאָגט: „איך גיי צו דער אַרבעט. ניין אַזייגער אינדערפרי דאַרף איך זיין ביים נאָטאַריוס; צען אַזייגער דאַרף איך האָבן די דריי יידן ביים נאָטאַריוס אין צימער אונטערצושרייבן דעם סטאַטוט“.

און מיט די דאָזיקע ווערטער איז ער אַוועק.

פיר אַזייגער בייטאָג איז ער געקומען אַ גליקלעכער: אונטערגעשריבן! איינער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער דאַרף זיין ביים נאָטאַריוס; דער צווייטער איז געווען אַזוי פאַרנומען, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט צוקומען צו אים, און דער דריטער בלויז, ד״ר גרשון לעווין, איז געקומען אָן אַ שמש.

איך האָב זיך דערוווסט, אַז אַ. ווייטער איז געווען דריי מאָל ביי פעלדשטיינען און האָט אים נישט געקענט אויפזוכן. ער האָט קוים געקראָגן פּאָדלישעווסקין און פּאָדלישעווסקי האָט גענומען אויף זיך צו רופן פעלדשטיינען.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהויב. די צענדליקער רוסישע פּאָרמאַליטעטן האָבן געדאַרפט כסדר אונטערשריפטן, כסדר נאָטאַרישע באַשטעטיקונגען.

אַ. ווייטער איז געגאַנגען טעג גאַנצע פון נאָטאַריוס צו די גרינדער־און פון די גרינדער צום נאָטאַריוס. עפּעס מיט דער עקשנות פון איינעם וואָס נעמט אויף זיך אַן אָפּקומעניש פאַר זינד, האָט ער זיך דערנידע־ריקט, געגאַנגען צוויי מאָל, דריי מאָל, ווען מען האָט עס געקענט מאַכן מיט איין גאַנג.

איך האָב אים איינמאָל אויסגערעדט, האָט ער געענטפערט גאַנץ קורץ:

— אָפּגעמאַכט, מיר זענען שמשים.

איך געדענק אַ רעגנדיקן אָוונט. פינצטער און נאַס איז געווען. די לעצטע פאָרמאַליטעט האָט באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן. פּאָדלישעווסקי און גרשון לעווין האָבן עס שוין דורכגעמאַכט. עס איז געבליבן בלויז, אַז משה פעלדשטיין זאָל זי דורכמאַכן. ווייטער האָט גענומען דאָס פּעקל פּאַפּירן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו פעלדשטיינס הויז. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער געקומען צו מיר אַ גליקלעכער:

— אַלץ איז פאַרטיק.

ער האָט געבלעטערט פאַרטראַכט די פּאַפּירן און פּלוצלונג, ווי זיין שטייגער איז געווען, זאָגט ער צו מיר: עס האָט געקענט אַרויסקומען אַ שטיקל אומאנגענעמלעכקייט ביי דעם דאָזיקן פעלדשטיין; איך האָב שיער נישט באַקומען אַ האַלב־קערבל אַלס שיק־ייִנגל.

די מעשה איז געווען אַזוי: אַ. ווייטער האָט אָנגעקלונגען צו פעלד־שטיינען, האָט אים געעפנט אַ דינסט און געפרעגט, וועמען ער וויל זען? זאָגט ער: „גיט איבער די דאָזיקע פּאַפּירן דעם באַלעבאָס, זאָל ער זיי אונטערשרייבן. איך וועל וואַרטן דאָ אין קאָרידאָר״. די דינסט האָט אַזוי געטון. ווייטער איז געזעסן אין קאָרידאָר, האָט געהערט ווי אין זיין קאַ־בינעט מישט פעלדשטיין איבער די פּאַפּירן, ער האָט געהערט אַפילו, ווי עס סקריפּעט די פעדער. באַלד איז אַרויס די דינסט און האָט אים געגעבן די פּאַפּירן אונטערגעשריבענע. ער האָט גענומען די פּאַפּירן און געלאָזט זיך צו דער טיר. ביים אַרויסגיין הערט ער ווי פעלדשטיין רופט די דינסט. ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, איז די דינסט אַרויסגעלאָפן און האָט אים גערופן, האַלטנדיק אין האַנט אַ מטבע. ער איז אייליק פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערניש...

דער גוטער פעלדשטיין האָט געמיינט, אַז מיר האָבן אים צוגעשיקט די פּאַפּירן מיט אַ שיק־ייִנגל, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף דעם ייִנגל עפּעס געבן.

אַ. ווייטערן, ווי איך האָב באַמערקט, האָט עס הנאה געטון.

פאַר דער גאַנצער צייט האָט ווייטער סיסטעמאַטיש געהאַלטן פּרצן ווייט פון דער גאַנצער אַרבעט אַרום דער טעאַטער־געזעלשאַפט. פּרץ האָט גאַרנישט געוווּסט וואָס פאַר אַן אַרבעט ווייטער און טיילוויז איך האָבן דורכגעמאַכט, ביז מיר האָבן געהאַט אַ פּאַרטיקן געדרוקטן עק־זעמפּלאַר פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט און די אַקציע־ביכלעך. ווען איך האָב עס אים אַמאָל פאַרבייגייענדיק דערציילט, איז ער געווען געריִרט פון ווייטערס מערקווירדיקער ריטערלעכער באַציִונג.

עס זענען געווען מאָמענטן, ווען מען האָט געהאַט זייער נויטיק פּרצעס הילף. ווייטער אָבער האָט זיך פאַרעקשנט און אויסגעמיטן מטריח צו זיין פּרצן. אַנומלט האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז ער, ווייטער, זאָל אָנ־קלינגען פּרצן און אים בעטן זיך זען מיט איינעם, אויף וועלכן בלויז פּרץ האָט געקענט האָבן אַ ווירקונג. אָפּגערעדט און פאַרגעסן. אין אַ פאַר טעג אַרום, ווען מיר ביידע האָבן געהאַט אַ „זיצונג" און מיר זענען געקומען צו דער אָנגעלעגנהייט, וועלכע פּרץ האָט באַדאַרפט דערליידיקן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז נישט דערליידיקט.

ווייטער האָט געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט עפּעס אומבאַ־האָלפן: „איך קען נישט מטריח זיין פּרצן. עס איז מיר שווער צו שלעפּן פּרצעס אויער צום טרייבל פון טעלעפאָן".

די איבעריקע מיטגלידער פון „קינסטלערישן ראַט" האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן אַן דער אסיפה ביי נח דאַווידזאָנען, אַן דעם אונטערגעשריבענעם פּאַפּירל און בכלל אַן דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

די פאַרמעלע זייט איז געווען פאַרטיק און אַ. ווייטער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. ער האָט געהאַט פולע קעשענעס מיט סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט און אַקציע־ביכלעך, אָבער קיין גראָשן אויף הוצאות הדרך. איך האָב אָנגעהויבן איינטענהן מיט אים, אַז מען מוז שאַפן פאַר אים כאָטש אַביסל געלט, ווייל אַזוי וועט ער זיך נישט

קענען באַוועגן. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, ער האָט נישט געוואָלט הערן וועגן דעם.

ער האָט גענומען אַ קליינעם אַוואַנס אין „פריינד״, האָט זיך פאַר־שפּאַרט אויף אַכט טעג צייט ביי מיר אין צימער און גענומען איבערזעצן עפּעס אַ ראָמאַן פון דייטש פאַר אַ קיעווער רוסישער צייטונג. מיטן אַוואַנס וועט ער זיך דערשלעפּן ביז קיעוו. אין קיעוו וועט ער פאַרקויפן די אי־בערזעצונג און וועט פאָרן ווייטער.

און אַזוי איז ער אַוועקגעפאָרן, שטיל, פאַרטראַכט און ערנסט. אויפן וואָקזאַל, שוין שטייענדיק ביים פענצטער פון וואַגאָן, האָט ער מיר מיט אַ האַלבן שמייכל געזאָגט:

— אָט אַזוי בין איך אַ משולח. גוט אַזוי. אַזוי דאַרף זיין.

און ער איז אַוועקגעפאָרן.

פון קיעוו האָב איך דערהאַלטן פון אים דעם ערשטן בריוו. ער האָט געהאַט אַ קליינע פאַרזאַמלונג מיט יידישע סטודענטן און מיט עטלעכע יידישע אינטעליגענטן. די נייס וועגן דער טעאַטער־געזעלשאַפט איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג*).

עס האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען דאָס ערשטע געלט פון פאַרקויף פון די אַקציעס. ווייטערס בריוו זענען צום אָנהויב געווען אָפּטימיסטישע: אין די מיינסטע שטעט האָבן זיך אָרגאַניזירט קאָמיטעטן און ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם פאַרקויף פון די אַקציעס. ווייטערס בעסטער פריינט, מענדל עלקין, האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אַקציעס און פון אים פלעגן זיך באַקומען גאַנץ סאָלידע סומעס. מיר האָבן דאָס געלט אַריינגעלייגט אין באַנק פון מ. שערעשעווסקי. וואָס עס איז געוואָרן מיטן געלט אין דער צייט פון דער מלחמה, ווייס איך נישט. פון ווייטערס ברייו איז געווען קלאָר, אַז די טעאַטער־געזעלשאַפט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן

*) אַלע ווייטערס בריוו צו מיר פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך נישט ליידער ביי מיר. זיי זענען געבליבן מיט אַלע מיינע פּאַפּירן פאַרפאַקט אין קאַסטנס אין אַ קעלער אין וואַרשע. איך קען זיי נישט באַקומען. מיינע בריוו צו אַ. ווייטערן האָבן אַ בעסערן מזל. אַ. ווייטער האָט זיי אָפּגעהיט און איידער ער האָט זיך איבערגעגעבן דער פּאָליציי, האָט ער זיי איבערגעשיקט דוד איינ־האָרנען. דוד איינהאָרן האָט מיינע בריוו צו אַ. ווייטערן.

אינטערעס. עס איז מיר אָבער געוואָרן קלאָר, אַז ווייטער אַליין וועט ווייניק אויפטון. מען דאַרף „באַאַרבעטן" שטעט דורך אַנדערע מענטשן.

איך האָב אָנגעהויבן צונויפשרייבן זיך מיט שטעט און אָנטאַפּן דעם דופק. ווער פון אונדזערע שרייבער פונעם „קונסט־ראַט" וואָלט געקענט אויפטון ביי זיי עפּעס פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

פון עטלעכע שטעט האָב איך באַקומען ענטפערס מיט אָנווייזונגען, וועמען פון די ייִדישע שרייבער זיי וואָלטן געוואָלט האָבן פאַר דעם צוועק.

פון ריגע, למשל, איז געקומען אַ ידיעה, אַז פריִער שלום אַש און שפּעטער איך וואָלטן געקענט עפּעס אויפטון פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

איך האָב עס געגעבן צו וויסן ווייטערן און ער איז געווען מלא שמחה.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ווען פּרץ פאָרט קיין פּעטערבורג, ברענגט ער די גאַנצע סומע, וואָס איז נויטיק געווען צוצוגיין באַלד צו דער אָרגאַניזירונג פון טעאַטער. איך געדענק שוין איצט נישט גענוי, פון וואַנען איך האָב געשעפּט אַזעלכע זיכערע ידיעות וועגן פּעטערבורג. מיר דוכט זיך, אַז דער גאַנצער ענין פּעטערבורג שטאַמט פון ווייטערן. ער האָט געקענט פּעטערבורג. ער האָט דאָרט געהאַט פאַרבינדונגען און אַפּנים, אַז דאָס איז געווען זיין פאָרשלאַג.

איך האָב אָפּגעזוכט אַשן. ער איז דענסטמאָל נישט געזעסן אויף אַן אָרט. אַוודאי איז ער מסכים צו פאָרן קיין ריגע פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

אויסגעריכט אַשן קיין ריגע, האָב איך אָנגעהויבן קנעלן מיט פּרצן. פּרץ איז מסכים. דאַרף מען זיך צונויפשרייבן מיט ש. אַנ—סקין און פּרצעס רייזע איז אַרויס פון מיין רשות. זי איז אַריבער צו אַ. ווייטערן און ש. אַנ—סקין.

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון שלום אַשס רייזע קיין ריגע. ריגע איז געווען כמעט איינע פון די רייכסטע שטעט און אין אַ געוויסן זין — די קולטורעל־ייִדישסטע. אין „פריינד" קומען אָן קאָרעספּאָנדעציעס וועגן די הכנות צו אַשס אויפנאַמע, שפּע־טער וועגן דער אויפנאַמע גופא, וועגן דעם דערפאָלג פונעם יונגן שריפט־

שטעלער אין דער דאָזיקער שטאָט. איך זוך עפּעס וועגן דער שליחות, מיט וועלכער אַש איז געפאָרן קיין ריגע, וועגן דער טעאַטער־געזעלשאַפט — וועגן דעם קיין וואָרט נישט. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און איך האָב געהאַט דעם געניויען, גאַנץ טרויעריקן באַריכט: דער יונגער אַש איז געווען אַזוי פאַרשיכורט פון זיין דערפאָלג, אַלע זיינען געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער פייערונג פון דעם יונגן שריפטשטעלער, אַז מען האָט פאַרגעסן דעם עיקר.

שלום אַש איז געקומען צוריק אַ שטראַלנדיקער. איך רעד מיט אים וועגן זיין שליחות. ער קוקט מיך אָן; ער האָט זיך אַזוי פאַרטומלט, אַז ער האָט באמת פאַרגעסן, צוליב וואָס ער איז געפאָרן קיין ריגע.

דאָס איז געווען דער ערשטער דורכפאַל מיט איינעם פון אונדזער קונסט־ראַט.

מיט פּרצעס רייזע איז עס געווען פיל קאָמפּליצירטער. פאַר פּרצן אויפהויבן זיך און אַוועקלאָזן קיין זיך קיין פּעטערבורג איז געווען אַ סך שווערער, ווי אויפהויבן אַשן און אַוועקשיקן אים קיין ריגע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענו־מען אַ. ווייטער, ש. אַנ—סקי, דינעזאָן און איך. איך האָב געשריבן צו ווייטערן, ווייטער צו אַנ—סקין, אַנ—סקי צו דינעזאָנען און דינעזאָן פון פּרצעס און זיין נאָמען צו אַנ—סקין.

נעענטער צו דער רייזע איז פּרץ געוואָרן קאַפּריזנער און נערוועזער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט ווינרעכט פאַר פּרצן אין פּעטער־בורג. פּרץ האָט געטענהט, אַז ער וויל נישט גנבענען קיין ווינרעכט. הכלל — כאָטש גיי און שאַף אָפּ די ווינרעכט־גזירות פאַר יידן צוליב פּרצעס רייזע. נאָך לאַנגע שמועסן, בריוו־שרייבענישן און דעפּעשן־פלי־עריי איז מען דורכגעקומען, אַז פּרץ פאָרט נישט קיין פּעטערבורג גופא; ער פאָרט בלויז קיין פינלאַנד, אין אַ שטאָט, וואָס איז אַ שעה אָדער צוויי רייזע פון פּעטערבורג, ווינען וועט ער אין פינלאַנד; אין פּעטער־בורג וועט ער בלויז האַלטן דעם פאָרטראַג און אַרויסטרעטן אויפן באַנ־קעט פון פּעטערבורגער עשירים און כלל־טוער, אויף וועלכן עס דאַרף געשאַפן ווערן די נויטיקע סומע פאַרן טעאַטער.

וואָס נעענטער צו דער רייזע — ווערט פּרץ שוין גאָר נערוועזער,

דאָס שרעקט מיך זייער. פּרץ, ווען ער איז בלויז קאַפּריזנע, קען ער אַלץ איבערקערן מיטן קאָפּ־אַראָפּ, בפרט נאָך ווען ער איז נערוועז.

נערוועז איז פּרץ געווען צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, איז אים טאַקע געווען זייער שווער צו גגבענען וווינרעכט, זיין שטאָלץ האָט שטאַרק געליטן: ער, דער גרעסטער שריפטשטעלער ביי ייִדן, קען נישט אַריינ־קומען קיין פּעטערבורג פריי; און צווייטנס, איז פּעטערבורג געווען פאַר אים אינגאַנצן אַ פרעמדע וועלט. רוסיש האָט ער גערעדט שלעכט, גע־ווען ווייט פון רוסן. ער איז געווען דורכאויס אַ פּוילישער ייִד און פּרץ האָט אַלע מאָל געהאַט שטאַרקן בינע־פיבער אין אַ פרעמדער סביבה.

איך האָב מורא געהאַט לאָזן פּרצן אַליין אין פּעטערבורג. אָבער ווער זאָל פאָרן מיט אים? דינעזאָן? וועגן דעם קען גאָר קיין רייד נישט זיין. ער וועט נאָך זיין מער נערוועז פון פּרצן און ער וועט פּרצן גאָר אַראָפּשלאָגן פון טראָפּ. הכלל, איך שרייב זיך דורך מיט ווייטערן. ער פאָרט קיין פּעטערבורג. ער וועט זיין לעבן פּרצן. און ווייטער האָט אַלע מאָל געווירקט אויף פּרצן באַרויִקנדיק. ווייטער, מיט זיין מיסטישער פאַרגעטערונג צו פּרצן, האָט געקענט איינשטילן שטורעמס אין פּרצן. אויף פּרצן האָט בכלל גוט געווירקט, ווען ער האָט געהאַט ביי דער זייט זיינס אַ פאַרגעטערער.

אַ. ווייטער איז פריִער אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג. איך האָב באַ־קומען פון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער שילדערט מיר מיט די ליכטיקס־טע פאַרבן די האָפענונגען אויף דערפאָלג פון דער דאָזיקער אונטער־נעמונג. אַלע וואַרטן אויף פּרצן. אין דעם אויפנאַם־קאָמיטעט זענען די בעסטע און סאָלידסטע מענטשן. הכלל, פּעטערבורג עפנט די קעשענע און פאַרענטפערט די גאַנצע טעאַטער־פראַגע אונדזערע.

44

י. ל. פּרץ אין פּעטערבורג

ענדלעך איז פּרץ מיט זיין פרוי אַרויסגעפאָרן קיין פּעטערבורג. דאָס איז געווען סוף מערץ 1911.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר י. ל. פּרצעס רייזע קיין פּעטערבורג האָט אַלעמען פאַראינטערעסירט. מען האָט אויף איר געלייגט זייער גרויסע האָפענונגען. כמעט אַלע זענען געווען זיכער, אַז פּרץ קומט צוריק מיט דער נויטיקער סומע פאַר דער דערפענונג פון אַ נייעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ גרויסער יידישער שריפטשטעלער און אַ גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט פון יידישן תחום איז אַרויסגעפאָרן מיט אַ קולטור־שליחות צו יידישע מאַגנאַטן. דער מאָמענט איז געווען אַ גינסטיקער. אַפילו אין די סאַמע אַסימילירטע יידישע קרייזן האָט מען זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט יידישער קולטור, מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור און מיט יידישע שריפטשטעלער.

איך האָב נערוועז און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דעם גרויסן באַנקעט אין פּעטערבורג. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אַ. ווייטער טעלעגראַפירט מיר תיכף ביינאַכט נאָכן באַנקעט וועגן די רעזולטאַטן. לויט מיין חשבון, האָב איך באַדאַרפט אויף מאָרגן אינדערפרי נאָכן באַנקעט האָבן אַ דעפּעשע פון ווייטערן. פרי בין איך געקומען אין רעדאַקציע. אַלע האָבן געוואַרט אויף דער דאָזיקער דעפּעשע, אָבער זי איז נישט געקומען. ביי־טאָג, פאַרנאַכט, אָוונט — נישטאָ קיין דעפּעשע.

שפּעט ביינאַכט, ווען איך בין געקומען צו זיך אַהיים, איז אויף מיין טיש געלעגן אַ דעפּעשע. איך האָב זי נערוועז געעפנט און מיר איז פּשוט פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פון איין וואָרט איז באַשטאַנען די דעפּעשע: „פּראָוואַליל״ (דורכגעוואָרפן).

און אָט וואָס אַ. ווייטער האָט מיר איבערגעגעבן, וואָס עס איז געשען אויף יענעם באַנקעט, אין אַ בריוו און דערנאָך מינדלעך:

אויפן באַנקעט איז געקומען די סאַמע סמעטענע פון דער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ פון פּעטערבורג. געווען אַזעלכע געסט, וואָס האָבן אַליין לייכט געקענט געבן די סומע, וואָס איז נויטיק געווען פאַרן געפּלאַנטן טעאַטער. אַ. ווייטער און אַנ—סקי זענען געווען איבערראַשט: עס האָבן זיך אָפּגערופן אַזוי פיל מענטשן, גאַנץ פּעטערבורג איז געווען פאַרטראָטן — די גרויס־בורזשואַזיע, די אינטעליגענץ דורך איר גרויסע אַדוואָקאַטן און די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ דורך סטודענטן און דורך רוסיש־יידישע שריפטשטעלער.

ווען פּרץ איז אַריין אין זאַל, האָט מען אים געמאַכט אַזאַ אָוואַציע, וועלכע מען האָט נישט געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ צירלעך־מאַנירלעכער און פעשענעבעלער געזעלשאַפט.

פּרץ איז אויך געווען איבערראַשט און אַביסל פאַרלוירן.

דער פאָרזיצער פונעם באַנקעט איז געווען דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו.

ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס.

ש. דובנאָוו האָט געעפנט דעם באַנקעט מיט אַ רעדע אין רוסיש.

„איך האָב באַלד באַמערקט — האָט מיר ווייטער געשריבן און דערנאָך דערציילט — אַז ביי פּרצן ציטערט די אונטערשטע, פליישיקע, מעכטיקע ליפּ. ער האָט אָנגעהויבן זוכן מיך מיט די אויגן. איך האָב עס באַמערקט און האָב באַלד זיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט און געשטעלט זיך הינטער אים. ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַזאַ ביטערקייט, אַז מיר איז געוואָרן קאַלט. איך האָב באַלד דערפילט, אַז עפּעס וועט געשען. איך בין געשטאַנען הינטער אים, פּרובירט שמייכלען, פּרובירט קוקן אויף אים זאָרגלאָז און רויק, ד״ה, איך האָב זיך געמאַכט, אַז אויף מיר מאַכט עס נישט קיין איינדרוק, אַז דאָס איז גאָרנישט; דער

עיקר איז, אַז מען דאַרף ביי די ייִדן אַרויסבאַקומען געלט אויף אַ ייִדישן טעאַטער. איך האָב אַפילו זיך אָנגעבויגן צו אים און איינגערוימט אים אין אויער אַ פּאָר באַגייסטערטע ווערטער וועגן דעם עולם און וועגן דעם, אַז איך בין זיכער, אַז היינט ווערט באַשטימט דער גורל פונעם ייִדישן טעאַטער.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פּרץ האָט זיך באַרויִקט. ער האָט אָנגעהויבן זיך צוהערן צו ש. דובנאָווס רעדע. אָבער איך האָב מיין פּלאַץ הינטער פּרצעס פּלייצע נישט פאַרלאָזט. ש. דובנאָוו שטייט אויף און דערקלערט, אַז פּרץ וועט רעדן. פּרץ הויבט זיך אויף אַ בלאַסער, אַ ציטערנדיקער און הויבט אָן רעדן. צום אָנהויב נערוועז, אָבער וואָס ווייטער אַלץ זיכערער, פּליסיקער און פּאַטעטישער.

דער אינהאַלט פון זיין רעדע איז געווען לערך, לויט ווייטערס און לויט פּרצעס דערציילונג, אַזאַ:

— ייִדן, וואָס נעמען אויף אַ ייִדישן שריפטשטעלער מיט רוסישע רעדעס, וועלן קיין ייִדישע קולטור נישט בויען. זיי וועלן נישט אויפבויען קיין ייִדישן טעאַטער, אַפילו אַ ייִדישן שטאָל וועלן זיי נישט אויפבויען, וואָרום אַ ייִדישן שטאָל דאַרף מען אויך בויען אויף ייִדיש. בויען אַ ייִדישן טעאַטער וועט די ייִדיש־רעדנדיקע און ייִדיש־דענקנדיקע דעמאָקראַטיע מיט אירע אָרעמע און מיט שווייס־פאַרהאַרעוועטע גראָשנס. אָט די גראָשנס וועלן זיין מזל־ברכהדיקע, ווייל אין זיי וועט זיין נשמה און שאַפונגס־ווילן.

אָט אויף דער דאָזיקער טעמע האָט ער זיך צעלאָזן פון אָנהויב אַביסל טאַקטיש און וואָס ווייטער בייזער, אומטאַקטישער און באַליידיקנדיקער.

ווייטער שילדערט אַזוי דעם איינדרוק פון דער פאַרזאַמלונג:

„פּרץ איז געשטאַנען און גערעדט איבער ש. דובנאָווס קאָפּ. דער עולם איז צום אָנהויב געווען אַביסל פאַרוווּנדערט. דערנאָך האָט זיך באַמערקט ווי ער ווערט קאַלט, ברוגז און אומגעדולדיק. איינציקווייז און פאַרלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם זאַל. אַנדערע, די דעמאָקראַטן, האָבן אויף צו־להכעיס, באַגייסטערט אַפּלאָדירט איטלעכס שאַרף וואָרט פון פּרצן. עס האָט זיך אָנגעהויבן פּילן אין דער לופט

פּולווער פון דעמאָנסטראַציע, דאָס, וואָס פּאַסירט אָפּט אויף פּעטערבור־גער פאַרזאַמלונגען. עס האָט פאַרשמעקט מיט „פּאָליטיק". עס האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן רעדנער פון דער דעמאָקראַטיע. עס איז געוואָרן הייס און אומרויִק אין זאַל. די פייערלעכקייט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער עולם האָט זיך באַלד צעטיילט אין צוויי לאַגערן. פּעשענעבלע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן זיך אַרויסצוגנבענען פון זאַל. אין אַ קורצער צייט אַרום איז געבליבן אַ וואַרעמע קאָמפּאַניע בלויז פון דער דעמאָק־ראַטיע. מען האָט פאַרגעסן צוליב וואָס מען איז זיך צוזאַמענגעקומען, און מען האָט אָנגעהויבן האַלטן פייערדיקע רעדעס און מאַכן אָוואַציעס פּרצן. די, וואָס זענען געשטאַנען אויף פּרצעס זייט, האָבן אויך גערעדט רוסיש. איינער אַ גרויסגעוויקסיקער אַדוואָקאַט מיט אַ דונערדיקער שטים (קאַלמאַנאָוויטש) האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן זאַל און מיט סי־בירער רוסיש אָנגעהויבן דונערן און מיט אַ מוראדיקן פּאַטאָס אויסגע־שריגן: „טייערער פּרץ, „מי זאַגאָוואָרים", ד"ה מירן באַלד אַ רעד טון אויף ייִדיש! עס איז געוואָרן וואַרעם. פּרץ האָט געשמייכלט, אַפּלאָדירט און איז געוואָרן גליקלעך.

אַזוי האָט זיך געענדיקט פּרצעס שליחות.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פּרץ געקומען צוריק קיין וואַרשע. איך בין געווען אַזוי נידערגעשלאָגן, אַז איך בין נישט געגאַנגען זען אים באַלד. אויף מאָרגן נאָך זיין קומען האָט ער מיר אָנגעקלונגען טריומ־פירנדיק און מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך קום אים נישט זען. „קומט היינט אינאָוונט, איר וועט הערן פיל אינטערעסאַנטעס".

ממש ווי אַ ייִנגל, וואָס האָט אָפּגעטון עפּעס אַ שמד־שטיק.

אינאָוונט האָט ער מיך באַגעגנט אַ טריומפירנדיקער, אַ גליקלע־כער. איך האָב געקוקט אויף אים און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט מיר גענומען דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען. עס איז אַרויס, אַז ער האָט אונדז געבראַכט אַ גרויסן זיג, איבער וועמען און איבער וואָס — האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין.

אַ גאַנצן אָוונט האָט ער גערעדט. דינעזאָן האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי אַ פאָטער קוקט אויף זיין העלדישן זון, וועלכער איז

געקומען פון אַ מלחמה ווי אַ געקרוינטער העלד. איך בין געזעסן שטיל, צעבראָכן און האָב קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

דערנאָך איז געקומען אַ. ווייטער. עס איז אויף אים אויך נישט געווען קענטיק קיין אַנטוישונג און קיין אָפּהענטיקייט. ווייטער אין באַציִונג צו פּרצן איז געווען אַ בעסערער ווי דינעזאָן; פאַר אים איז געווען „געטלעך״ וואָס פּרץ טוט.

אין זיינע שמועסן מיט מיר וועגן דעם דאָזיקן טרויעריקן אויפטריט פון פּרצן האָט ער מיר געוואָלט באַווייזן, אַז אַזוי דאַרפן זיין שטאָלצע ייִדן. אַזוי זענען געווען די נביאים און אַזוי זענען אַלע גרויסע בויער פון נאַציעס; זיי ווייסן נישט פון קיין פּשרות. זיי, די פּעטערבורגער מאַגנאַטן, האָבן געמיינט, אַז צו זיי איז געקומען אַן אונטערטעניקער שליח מיט אַ פּושקע און זיי האָבן דערזען פאַר זיך אַ גרויסן און שטאָלצן ייִדישן מוכיח. קיין טעאַטער, האָט ווייטער צוגעגעבן, וועט אַזוי גיך נישט זיין, אָבער די גרעסטע דעמאָנסטראַציע פאַר ייִדישער קולטור האָט פּרץ געמאַכט.

שפּעטער, ווען פּרץ האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט, האָט ער משמעות איינגעזען, אַז ער האָט בידים צעשטערט אַ בנין. האָט ער זיך געוואָלט אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פאַר דער „טעאַטער־געזעלשאַפט״ און אָנגעהויבן די קאַמפּאַניע פון „שווייסיקע גראָשנס״, אָבער איך און אַפילו ווייטער האָבן דעם נייעם ענטוזיאַזם פּרצעס אויפגענומען קאַלט.

אַ. ווייטער האָט זיך אויך אויסגעניכטערט און ער האָט דערזען, אַז די גרויסע און אמתע מעגלעכקייטן זענען לייכטזיניק פאַרטאַכלעוועט געוואָרן און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ביטערן יאוש. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אין וועג „איבער דער מדינה״. אָבער שוין אָן דעם פריִערדיקן ברען און אָן דער פריִערדיקער זיכערקייט.

די געשיכטע פון פּרצעס דורכפאַל (אַזוי האָט עס דער פּשוטער עולם פאַרשטאַנען) איז פאַרשפּרייט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער „טעאַטער־געזעלשאַפט״ ווי אויף אַ טויט־געבוירן קינד.

דער איינציקער, וואָס איז געווען טעטיק און פון וועלכן עס פלעגן אָנקומען געוויסע סומעס פון צייט צו צייט, איז געווען מענדל עלקין. שפּעטער איז ווייטער געקומען צוריק אַ מרה־שחורהדיקער, אַ צעב־

ראַכענער. ער קען זיך שוין מער נישט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי; ער קען שוין מער נישט לעבן אונטער אַ פרעמדן נאָמען און אויף אַ פרעמדן פּאַס; אין פיל שטעט איז ער שיער נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

ער איז אַוועק פון וואַרשע, באַזעצט זיך ביי אַ פריינט אין אַ זי־כערן אָרט, כדי צו האָבן מיט זיך אַליין אַ ישוב־הדעת וועגן זיין אומ־לעגאַלער לאַגע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער געקומען קיין וואַרשע מיט דער פעסטער באַשטימונג צו איבערגעבן זיך דער פּאָליציי. עס האָבן נישט געהאָלפן נישט פּרצעס, נישט מיינע און נישט די רייד פון אַלע זיינע פריינט; „דער פריינד" האָט אים אַפילו פאַרגעלייגט, ער זאָל אַוועק קיין אויסלאַנד אַלס אַ מיטאַרבעטער, ער האָט אָבער פון קיין אַנדער אויס־וועג נישט געוואָלט הערן.

און אין 1912 גיט ער זיך איבער דער פּאָליציי. מען פאַרמשפּט אים צום אַרויסשיקן קיין סיביר און באַלד ווערט ער פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט אין סיביר.

אָן א. ווייטערן איז קיין „טעאַטער־געזעלשאַפט" שוין נישט געווען און האָט נישט געקענט זיין.

אין מיין שרייבטיש זענען געלעגן די סטאַטוטן, דער באַרימטער אָפּמאַך פון די יידישע ליטעראַטן און אַ גאַנצער באַרג מיט נומערירטע אַקציע־ביכלעך און אַ קליין פּעקעלע טאַלאָנען פון פאַרקויפטע אַקציעס.

דאָס איז געבליבן פון דער „טעאַטער־געזעלשאַפט".

ביז 1923 האָב איך דאָס פּעקל מיט די אַקציע־ביכלעך געפירט כסדר מיט זיך איבער אַלע עקן וועלט. אין דעם יאָר פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע האָב איך זיי פאַרברענט און בין פריי געוואָרן פון אַן אומנוצלעכן פּעקל.

45

קלאַראַ יאָנג

אַז צוויי טעאַטערס זאָלן קאָנקורירן מיט דער זעלביקער פּיעסע, איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע און גאַנץ אָפטע דערשיינונג. דער פּאַר־פאַסער האָט דאָ קיין דעה נישט געהאַט; נישט עמעצער האָט ביי אים געבעטן זיין פּיעסע, נישט עמעצער האָט געהאַט מיט אים אַן אָפּמאַך און נישט עמעצער האָט געהאַט וועלכע עס איז התחייבותן צו אים. עמע־צער אין אַמעריקע פלעגט בשתיקה איבערשרייבן די פּיעסע און ער, דער אַנאָנימער אַמעריקאַנער, פלעגט באַקומען דערפאַר עטלעכע גראָשנס. נאָך אים פלעגט דער מעקלער אין רוסלאַנד באַקומען עטלעכע גראָשנס. דער פאַרפאַסער האָט, מסתמא, פון דעם דאָזיקן שטילן האַנדל מיט זייַ פּיעסע אפשר גאָרנישט געוווּסט, ער האָט אין דעם דאָזיקן מקח וממכר מיט זיין שאַפונג קיין שום אַנטייל נישט גענומען.

ווי געזאָגט, איז דער דאָזיקער האַנדל מיט אַמעריקאַנער פּיעסן געווען מער אָרגאַניזירט. די איבערשרייבער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן געוויסנהאַפטער. זיי פלעגן שוין צושטעלן גאַנצע עקזעמפּלאַרן און אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט פאַר זיך גאַנצע אַמעריקאַנער פּיעסן.

נאָך אַ בעסערן איינדרוק האָבן אויף אונדז געמאַכט די אַמעריקאַ־נער שוישפּילער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אונדז אַלס גאַסט־שפּילער, איינער נאָכן אַנדערן.

דאָס קומען פון אַמעריקאַנער שוישפּילער קיין רוסלאַנד איז געווען

פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אַ יידישער אויסלענדישער בירגער האָט נישט געטאָרט אַריינקומען קיין רוסלאַנד. ער האָט באַדאַרפט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון מיניסטער פאַר אינעווייניקסטע ענינים. אַזאַ דערלויבעניש איז זעלטן ווען געגעבן געוואָרן. מיר האָבן געוווסט פון איינצלנע, זייער זעלטענע פאַלן, ווען דער מיניסטער האָט געגעבן אַזאַ דערלויבעניש אַ יידישן בירגער פון אויסלאַנד. איז געווען זייער חידושדיק וואָס יידישע שוישפּילער קומען אַריין אַזוי לייכט קיין רוסלאַנד. דער חידוש אונדזערער האָט באַלד באַקומען אַ גאַנץ פּשוטע דערקלערונג: מען האָט זיך דערוווסט, אַז יידישע שוישפּילער קומען צו אונדז „געטויפטע”, ד״ה דער יידישער שוישפּילער, וואָס האָט זיך געקליבן קיין רוסלאַנד אויף גאַסטראָלן, האָט זיך באַזאָרגט אין זיין לאַנד מיט אַ טויפשיין און ער פלעגט קומען קיין רוסלאַנד נישט ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ קריסט.

וועגן איניקע שוישפּילער האָט מען גערעדט געגוי, אַז זיי זענען געקומען מיט טויפשיינען. געוווסט וועגן דעם האָט מען בלויז אין די ענגע טעאַטער־קרייזן. דער ברייטער עולם האָט דערפון נישט געוווסט. מען האָט עס געהאַלטן בסוד, כדי אויסצומיידן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. דער ברייטער עולם וואָלט זיי באַטראַכט פאַר פּשוטע משומדים און וואָלט זיי באַהאַנדלט ווי אַזעלכע.

אין די ענגע טעאַטער־קרייזן אַפילו האָט מען עס אויך נישט אויפגענומען אַזוי גלייכגילטיק. מען פלעגט זיך שושקען מיט פאַרדרוס און מיט פאַראַכטונג.

בכלל איז דער גאַנצער ענין געווען פאַרדעקט מיט אַ שלייער פון געהיימנישפולקייט און מען האָט מורא געהאַט אויפצורייסן דעם שלייער.

איך פּערזענלעך קען נישט אָנגעבן געגוי וועלכע אַמעריקאַנער שוישפּילער עס האָבן זיך באַנוצט מיט אַ טויפשיין, כדי אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד. איך קען בכלל נישט זאָגן עטוואָס געגויערס וועגן דעם דאָזיקן טונקעלן ענין. איך קען בלויז איבערגעבן די קלאַנגען, די „שושקערייען” און די „פּליאָטקעס” וועגן דעם. אָבער די דאָזיקע נישט־אויסגעפאָרשטע איינצלהייטן זענען נישט וויכטיק, וויכטיק איז דאָס, וואָס מען האָט גערעדט וועגן דעם מיט דער גרעסטער באַשטימטקייט ווי וועגן

פאַקטן, און בלויז אין די טעאַטער־קרייזן, ווו די פראַגן פון מאָראַל און עטיק שפּילן אַ קליינע ראָלע, האָט מען עס געקענט דולדן.

עס וואָלט געווען זייער געווונטשן, אַז די אַמעריקאַנער שוישפּילער, וועלכע האָבן באַזוכט רוסלאַנד אין יענער צייט, זאָלן אַראָפּוואַרפן די בושה און דערציילן דעם אמת, אַפילו דעם סאַמע ביטערן, און זאָל דער ענין סוף כל סוף קלאָר ווערן.

די ערשטע אַמעריקאַנערין, וואָס איז געקומען צו אונדז, איז געווען קלאַראַ יאָנג. זי איז געקומען צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1910, אויף גאַסטראָלן צוזאַמען מיט אַ לאָנדאָנער בוף־קאָמיקער און טענצער, איינעם שערמאַן.

דער דאָזיקער שערמאַן, אַ קליינגעוואַקסיקער מענטש מיט האַסטיקע באַוועגונגען, מיט אַביסל אַ רייסנדיקער שטים און גומענע פיסלעך, האָט אויף אונדז קיין איינדרוק נישט געמאַכט. אַזעלכע האַלב־הייזעריקע, גע־שמאַקלאָז־טאַנצנדיקע און חלבנע־וויצן־זאָגנדיקע קאָמיקער האָבן מיר געהאַט אין וואַרשע. אמת, ער איז געווען טעכניש אַביסל בריהשער פון זיי, ער איז געווען אַקטיאָריש אַביסל פלינקער פאַר זיי, אָבער עס האָט נישט געלוינט אַראָפּצוברענגען די דאָזיקע „איבערראַשונג" פאַר אונדז.

דערפאַר האָט קלאַראַ יאָנג פון דעם ערשטן אויפטריט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אַזאַ סוברעטין ווי קלאַראַ יאָנג האָט דער יידישער טעאַ־טער אין רוסלאַנד נישט פאַרמאָגט. אונדזערע סוברעטינס זענען געווען פאַרחושכטע יידישע פאָלקס־ווייבלעך, אויסגעמאַטערטע און אָפּגעבליאַ־קירטע. מערסטנס האָבן די סוברעטינס אונדזערע קיין שטימען נישט געהאַט. זיי זענען געווען גאָר ווייניק מוזיקאַליש און זייער טאַנצן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי פלעגן אָנשטעלן די הענט אויף די „באָקעס" און „דריגען" מיט די פיס. וועגן זייער קליידן זיך איז גאָר קיין רייד נישט: געשמאַקלאָז, כמעט אָפּגעלאָזן איז געווען זייער קליידונג. אַגב זענען זייערע ראָלן געווען מיינסטנס ראָלן פון טעמפּע דינסט־מיידלעך. האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאָסטיום פון אַ דינסט־מיידל כמעט פאַר אַלע פּיעסן, פונקט ווי דער שפּאַנישער פלאַשטש פאַר די פּראָווינציעלע העלדן־ראָלן אין די ראָמאַנטישע מעלאָדראַמעס.

קלאַראַ יאָנג איז געקומען ווי פון עפּעס אַן אַנדער וועלט. אַ יונגע

פרוי, מיט גרויסע בלויע אויגן, מיט אַ זאַפּטיקן, געשמאַקן פרויען־שמייכל און מיט עכטן פרויען־רייץ אין אירע באַוועגונגען. נישט ראַפּינירט און נישט קינסטלעריש־אייגנאַרטיק, אָבער מיט אַ גוטן געשמאַק געקליידט — איז זי געווען בראַוו אין האַלטונג און אין געשפּרעך און איבערהויפּט זענען געווען בולט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אירע אויף דער בינע. די גוטע אַקטיאָרישע טעכניק אירע האָט עס געמאַכט בולטער. זי שפּילט מיט די אויגן, מיטן ברייטן, עכט־ווייבערישן שמייכל, זי שפּילט מיטן קערפּער, — הכלל זי איז גוט פּראָפעסיאָנעל און אַ חוץ דעם איז זי מוזיקאַליש, טאַנצט נישט שלעכט, קען קלאָר, דייטלעך רעדן, קען מיט אַביסל טאַקט מאַכן אַ דרייסטע באַוועגונג, קען אַ שאַרפן וואָרט געבן דעם פּיקאַנטן שפּיל פון צווייִדייטיקייט. זי פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט און ער איז נישט האַמעטנע, נישט חוצפּהדיק. זי האָט חוש פאַר קאָסטיום, פאַרשטייט זיך — נישט לויט די מאָדערנסטע באַגריפן פון טעאַטער־קאָסטיום. זי איז פריי אויף דער בינע, אָבער נישט די הפקרדיקע פרייהייט, וועלכע מיר זענען געווען געוווינט צו זען אויף אונדזער ייִדישער בינע. זי „סטאַרעוועט״, אָבער מיט חסד. זי דערוועגט נישט אירע מיט־שפּילער, זי שאַפט שנעל אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן פּובליקום, ווי אַלע סוברעטינס, אָבער מיט אַביסל רעזערוו, כסדר אין די גרענעצן פון איר ראָלע, הכלל — אַ געניט און קלוג טעאַטער־קינד.

דאָס גאַנצע ליטעראַרישע וועלטל האָט זיך באַלד באַפריינדעט מיט איר, אַפילו דער אייביק־סקעפּטישער און ברוגזער דוד פרישמאַן האָט אַרויסגעזייט אַ צופרידענעם שמייכל, זעענדיק זי אויף דער סצענע, אָדער באַגעגענענדיק זיך מיט איר און פירנדיק מיט איר אַ פּריוואַטן שמועס.

איר ערשטער אויפטריט אין וואַרשע האָט געליטן אַביסל דורך איר פּאַרטנער שערמאַן. אין אים האָבן מיר דערזען דעם באַקאַנטן ייִדישן קאָמעדיאַנט מיט זיין פּינצטערקייט, האַמעטנעקייט און שווישפּילערישער טאַקטלאָזיקייט. אן אַקטיאָר אָן זין, אָן אַ סימן פון אייגנאַרטיקייט, האָט זיין קליינינקער פאַרשימלטער „איך״ אַרויסגעשטאַרצט אויף טריט און שריט.

קלאַראַ יאָנג איז אַרויסגעטראָטן אין אַ גאַנץ באַנאַלער אָפּערעטע „זיין ווייבס מאַן״. אָבער זי האָט דאָרט געהאַט עטלעכע לידלעך, וועל־

כע זי האָט געזונגען מיט אמתן חן. זי האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע קאָמישע סצענעס, וועלכע זי האָט דורכגעפירט רייצנדיק. זי איז נישט קיין „קאָמיקערין", זי האָט נישט דעם טאַלאַנט צו שילדערן אַ מענטשן קאַריקאַטוריסטיש, זי האָט נישט קיין חוש פאַר גראָטעסקע אָדער קינסטלעריש שאַרזשירטע ליניעס, זי איז בלויז חנעוודיק־שטיפעריש, רייצנדיק, פריילעך און מונטער.

נאָך גרעסער און זיכערער איז געווען איר דערפאָלג, ווען זי איז געקומען דאָס צווייטע מאָל קיין וואַרשע און איז אַרויסגעטראָטן אין אַן אָפּערעטע „די אַמעריקאַנערין" (אין אַמעריקע האָט די דאָזיקע אָפּערעטע געהייסן „אַ מיידל פון דער וועסט"). פאַר איר פרישקייט, מונטערקייט און חנעוודיקער שטיפערישקייט איז די ראָלע אין דער דאָזיקער אָפּערעטע געווען זייער צוגעפּאַסט. זי איז געווען אַ מיידל אַ מאָדים, איינע פון די „כוואַטסקע" מיידלעך, וועלכע מען זעט אין די קינאָס פון דער וועסט. אין דער אָפּערעטע איז זי אַרויסגעטראָטן, אין איין אַקט — דוכט זיך, פאַרקליידט אַלס אַ מאַן, איז זי געווען באמת פּיקאַנט. אין מענערקאָסטיום איז איר מונטערקייט געווען נאָך אַנשטעקנדיקער. דער פרויענרייץ האָט באַקומען אַ שטאַרקן פעפער.

קלאַראַ יאַנג, ווי עס ווייזט אויס, האָט ביז דאַן נאָך אַליין נישט געוווּסט, אַז אין דעם מענער־קאָסטיום איז זי נאָך פּיקאַנטער. די אַנטדעקונג האָט זי געמאַכט אין דער דאָזיקער אָפּערעטע און זי האָט שוין אין אַלע אָפּערעטן צוגעשניטן פאַר זיך אַ ראָלע, אין וועלכער זי זאָל זיך קענען באַווייזן אין אַ מענער־קאָסטיום.

אין „דער אַמעריקאַנערין" האָט זי ווידער געהאַט אַ פּאָר לידלעך, וועלכע זי האָט געזונגען פיין. אירע לידלעך „חשק" און „בראָדוויי", דאָס ערשטע אַ טרייפלעכע און דאָס צווייטע אַ ליריש־סענטימענטאַלע, זענען געוואָרן זייער פּאָפּולער אין וואַרשע.

איר גרויסער דערפאָלג אין וואַרשע איז, ווייזט אויס, פאַר איר אַליין געווען אַן איבערראַשונג און זי איז געבליבן אין וואַרשע, אין דער שטאָט ווו מען האָט זי, נאָך מיין מיינונג, ריכטיק אָפּגעשאַצט.

פאַר אונדז איז קיין סוד נישט געווען, אַז קלאַראַ יאַנג האָט נישט פאַרנומען אַזאַ אָנגעזעענעם פּלאַץ אינעם אַמעריקאַניש־יידישן טעאַטער,

אָבער דאָס האָט קיינעם נישט געקימערט. אין דער טעאַטער־וועלט פּאַ־סירט עס אָפט, אַז אַ שוישפּילער ווערט ריכטיקער אָפּגעשאַצט אין דער פרעמד, ווי ביי זיך אין דער היים. אַגב איז זי פּאַרן וואַרשעווער יידישן טעאַטער געווען אַזאַ אָפּפרישונג, אַז מען איז געווען צופרידן, וואָס אַמע־ריקע האָט זי אָפּגעלאָזט.

איך מוז דאָ זאָגן, אַז דער וואַרשעווער בעסערער עולם איז דער־צויגן געוואָרן אויף אַ זייער גוטער פּוילישער אָפּערעטע. די פּוילישע אָפּערעטע האָט כסדר פאַרמאָגט די עלעגאַנטסטע פרויען און ווער פון דעם בעסערן טעאַטער־באַזוכער האָט זיך נישט געפונען אונטער דעם כישוף פון קאַוועצקאַ און מעסאַל? און קלאַראַ יאַנג האָט דערמאָנט אַביסל אָן די פרויען פון דער פּוילישער אָפּערעטע.

קלאַראַ יאַנג איז אַריינגעלעבט געוואָרן אין דעם יידישן טעאַטער פון רוסלאַנד. דער דערפאָלג האָט איר געגעבן מער מוט און מער זיכער־קייט. זי איז געוואָקסן ממש פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ בוימל, וואָס האָט מיטאַמאָל באַקומען זון און ליכט.

איר דערפאָלג איז געווען נאָך גרעסער אין די רוסישע הויפּט־שטעט, אין פעטערבורג און אין מאָסקווע. די רוסישע טעאַטער־קריטי־קער האָבן זי אויפגענומען זייער און זייער וואַרעם און דאָס האָט אונדז געוויזן, אַז מיר האָבן זי אָפּגעשאַצט ריכטיק.

שוין אין דער מלחמה־צייט האָב איך זי באַגעגנט אין מאָסקווע. זי האָט געשפּילט אין דעם טעאַטער, אין וועלכן די באַקאַנטע רוסישע אָפּע־רעטן־שוישפּילערין ראַסטאָפּטשינאַ האָט געשפּילט. איז דער טעאַטער געווען געפּאַקט ביי אירע פאָרשטעלונגען — נישט ווייניקער, אויב נישט מער — ווי אויף די אויפטרעטונגען פון ראַסטאָפּטשינאַ אַליין.

איך בין געגאַנגען זי זען אין מאָסקווע, אין דער גרעסטער טעאַ־טער־שטאָט אין דער וועלט, און איך בין אַליין געווען אַביסל איבער־ראַשט פון דער אויפנאַמע, וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט געשפּילט אַן אָפּערעטע „דזשייקעלע בלאָפער“, אַן אָרעמע אָפּערעטע, אָבער זי האָט געהאַט אַזוי פיל חן, אַז איך האָב סוף כל סוף פאַרשטאַנען דעם ענטו־זיאַזם פון דעם גרויסן פּובליקום.

איך האָב מיטגענומען אין טעאַטער עטלעכע סיבירער יידן, מיט

וועלכע איך בין געווען פאַרבונדן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די פּלי־טים. די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען זייער ווייניק ייִדיש. ווי די מערסטע פּו־נעם מאָסקווער פּובליקום, זענען די ייִדן אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן, אַז איך פּלעג באַקומען פון זיי טעלעגראַמעס מיט אָנפראַגעס, ווו שפּילט קלאַראַ יאַנג; זייערע אַ גאַנצע קאָמפּאַניע וויל זיך לאָזן פון סיביר זען זי.

איך האָב זי באַזוכט אין איר האָטעל, אין רייכסטן האָטעל פון מאָס־קווע, און מיך האָט באמת געפרייט צו זען אַ ייִדישע שוישפּילערין, וואָס פאַרשטייט ווי צו לעבן. זי איז געוואָרן אַ פיינע דאַמע, אַ דאַמע מיט אַ פיינעם טאָן אין רעדן און אין האַלטונג, אַ דאַמע מיט ווערדע און גוטן טאַקט.

זי איז איבערגעשאַפן געוואָרן דורכן דערפאָלג. זי איז שוין מער נישט געווען די נעבעכדיקע סוברעטין, וועלכע איז אַמאָל געקומען קיין וואַרשע מיט אַן עלנטן בוף־קאָמיקער פּרובירן נישט זיכער איר גליק. זי איז שוין געווען אַ באַרימטהייט און האָט זיך געקענט האַלטן. זי האָט זיך נישט פאַרלוירן אין איר פּלוצלונגדיקן אויפשטייג.

זי איז געוואָרן דער ליבלינג פון דעם ייִדיש־רוסישן און אַפילו פון דעם עכט־רוסישן פּובליקום. קיינע פון די ייִדישע שוישפּילערינס איז נישט געווען אַזוי פּאָפּולער אין רוסלאַנד ווי זי.

איך מיין, אַז זי האָט איר דערפאָלג כשר פאַרדינט.

פאַרשטייט זיך, אַז קלאַראַ יאַנג איז נישט די מאָדערנע אָפּערעטן־שוישפּילערין. זי איז סוף כל סוף אַ סוברעטין פון דער אַלטער אַמערי־קאַנער שול. מאלי פּיקאָן איז שוין גאָר נישט דער ערך מאָדערנער פאַר איר. אָבער זי איז אָן ספק אַ זיכערע טאַלאַנטפולע אָפּערעטן־אַקטריסע, און ווען זי וואָלט געהאַט די ריכטיקע טעאַטער־דערציִונג, די ריכטיקע טעאַטער־אַטמאָספערע, וואָלט זי זיכער געווען אַ פיינערע קינסטלערין. דער גרויסער דערפאָלג אירער איז געקומען נישט אין די יונגע יאָרן, ווען מען קען און מען וויל זיך לערנען. אַביסל שפּעטלעך איז געקומען איר דערפאָלג. זי האָט אים באַדאַרפט באַלד אויסנוצן און נישט פאַרלירן קיין צייט אויף פאַרפולקאָמען זיך.

על כל פנים האָט קלאַראַ יאַנג אויפגעלעבט, אַביסל דעם ייִדישן טעאַטער אין פּוילן און אין רוסלאַנד. זי האָט אים, אמת, נישט געשטויסן אויף נייע וועגן, זי האָט אים בלויז געגעבן דאָס ביסל חן וואָס זי פאַרמאָגט.

46

פעני־וואדי עפשטיין

נאָך אַ זייער פאַרביקע און זייער פּיקאַנטע פרוין־געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אויפן הימל פון דעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער. און דאָס איז געווען פעני־וואדי עפשטיין.

זי איז געקומען פון לאָנדאָן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַרשע ווי אַ קאַרנאַוואַל־קעניגין. צענדליקער קופערטן פון טייערע קליידער, צענדליקער שאַכטלעך מיט טייערע און שרייענדיקע שמאָכטעס פון פרוי־ען־טואַלעט, און מיט אַ שטאַרקן ריח פון פּאַרפומען איז געווען אָנגעפילט איר רייכסטער צימער אין דעם בעסטן וואַרשעווער האָטעל.

און נאָך מער קופערטן און שאַכטלעך פון לעגענדעס, וווּנדערלעכע מעשיות און רעטענישן, האָט זי מיט זיך געבראַכט, לעגענדעס, מעשיות און רעטענישן, וואָס ווען אַ טויזנטל פון זיי וואָלט געווען אמת, וואָלט די דאָזיקע פרוי באמת געווען אַן אמתע אַוואַנטוריסטין, וועגן וועלכער מען וואָלט געקענט אָנשרייבן דעם שפּאַנענדיקסטן שונד־ראָמאַן. אָבער ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז גאָר אַ קליין קערנדל פון אַלע מעשיות, וואָס האָבן זיך געוועבט אַרום איר, זענען אמת, איז דאָס אויך גענוג שפּאַ־נענדיק.

דאָס קליינע קערנדל פון אמת אין דעם נעץ פון פאַנטאַסטישע מעשיות איז גענוג אינטערעסאַנט, אַז מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אים, בפרט אַז איר לעבן אין די פּאָר יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין

וואַרשע, איז אַזוי דערשיטערנדיק־מעלאָדראַמאַטיש, אַז עס איז כדאַי צו באַשרייבן.

אין אַ קעלער, ביי מוראדיק קבצנישע עלטערן איז זי געקומען אויף דער וועלט און אין אַ קעלער ביי אַ מוראדיקן אביון, אַ פעטער, איז זי געשטאָרבן. צווישן דעם ערשטן און לעצטן קעלער האָט זי דורכגעמאַרשירט ליכטיקע, רייכע הייזער און אַפילו אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ. פון שרעקלעכער אָרעמקייט האָט איר דער שיקזאַל געוואָרפן אין די אָרעמס פון משוגענער רייכקייט און פון דער דאָזיקער רייכקייט צוריק צו שוידערלעכן עלנט, איינזאַמקייט און אָרעמקייט.

אַ טייל פון איר יוגנט־לעבן לוינט גאָר נישט צו באַרירן; דאָרט קען מען זיך אָנשטויסן אויף מאָמענטן זייער שאָטנדיקע און זייער פאַרפלאָנטערטע.

אַ זייער שיין קינד, אַ טעמפעראַמענטפול קינד איז געקומען אויף דער וועלט ערגעץ אין אַ קעלער; פון אַ קעלער ערגעץ אין פוילן פאַרטראָגט דער שיקזאַל די קעלער־פאַמיליע אין אַ לאָנדאָנער קעלער. די זעלבע פינצטערע נויט, די זעלביקע גרויזאַמע דחקות אין דעם גאָר גרויס־שטאָטישן קעלער ווי אין דעם וויניקער גרויס־שטאָטישן. אָבער לאָנדאָן האָט טויזנטער גיריקע מענער־אויגן וואָס דרינגען אַריין אין די פינצטערע קעלערן און זוכן אויס באַהאַלטענע און פאַרבאָרגענע פרויען־שיינהייטן. פון אַ לאָנדאָנער קעלער ביז אַ לאָנדאָנער שיינעם פּאַלאַץ איז פאַר אַ יונג, שיין און טעמפעראַמענטפול מיידל . אַ זייער קורצער וועג. איין שפּרונג און מען איז פון קעלער שוין אין אַ רייך הויז. יאָ, עס עפענען זיך ברייטע טירן פאַר אַ שיין מיידל.

אין אַ מינוט פון אָפנהאַרציקייט האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מענער זענען די נאַיִווסטע באַשעפענישן. מען קען זיי לייכט באַשווינדלען. דאָס גליק זייערס איז, וואָס פרויען זענען צו ערלעך. ווען פרויען וואָלטן געווען נישט ערלעך, וואָלטן זיי אַלע מענער געפירט אויף אַ שטריקל ווי הינטלעך נאָך זיך.

דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן מיט ביטערקייט. זי האָט בכלל קיין ביטערקייט און קיין שנאה נישט פאַרמאָגט; איר האָט געפעלט אַ פעסטע מאָראַל, וואָס שטעלט פאָדערונגען צו מענטשן. איר האָט געפעלט שטאָלץ,

וואָס באַליידיקט זיך. זי איז געווען אַ פרוי, דורך און דורך אַ פרוי, עפּעס אַ לייכטזיניקע נאַשעריין, וואָס קריגט איבער די הענט, ווען מען כאַפּט זי גנבענען נאַשערייען און באַליידיקט זיך נישט; באַלד טוט זי דאָס זעלביקע און וואַרט מען זאָל איר ווייטער געבן איבער די הענט.

וואַקסט אַן עלנט מיידל, וואַקסט פּרעכטיק; זי איז שיין, פאָלקס־טימלעך קלוג. הייס בלוט פאַרמאָגט עס, עס קאָכט, עס זידט און פאַר־פירט... און אָט איז זי אַ פּרעכטיקע פרוי. עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר אַלט, האָט זי איין פאַרלאַנג — אַ גוט לעבן, שיינע קליידער און אַ סך, אַ סך צימערן געפּאַקט מיט קליידער. זי קען עס באַקומען לייכט, באַ־קומט זי עס. וואַרפט זי זיך אין די אויגן מיט אירע רייכע קליידער, און אַ פיגור האָט זי אַזאַ, אַז איטלעכס קלייד נחתט זיך אויף איר קערפּער. דאַרפן מענער זיין בלינדע נישט פאַרבלענדט צו ווערן פון איר שיינ־קייט און גלאַנץ.

ווערט ערגעץ, צי אין לאָנדאָן, צי אין אַן אַנדער גרויסער שטאָט, פאַרבלענדט פון איר שיינקייט און עלעגאַנץ אַן אינדישער פּרינץ, איינער פון די פּרינצן, וואָס האָבן צוועלף־יעריקע ווייבער; איינער פון די פּרינצן, וואָס האָבן קאַסטנס מיט דימענטן, יעדער דימענט גרויס ווי אַ וועלישער נוס; איינער פון די פּרינצן, וואָס קענען הערשן איבער אַלעמען, נאָר נישט איבער זיך אַליין... דער פּרינץ האָט מיט איר חתונה, באַזעצט זיך מיט איר אין לאָנדאָן און זי ווערט אַן אַזיאַטישע פּרינצעסין.

דאָ רייסט זיך אַריין אַ שטיק טונקלקייט אין איר לעבן. קורץ איז די צייט פון איר אָריענטאַלישן גן־עדן. זי פאַרלאָזט איר פּרינץ. ווערט אויס פּרינצעסין און באַווייזט זיך ערגעץ אין בוענאָס איירעס אין אַ יידישן טעאַטער. פון בוענאָס איירעס צוריק אין לאָנדאָן, שוין ווי אַ יידישע שוישפּילערין. פון לאָנדאָן אין פּאַריז און פון פּאַריז אין וואַרשע.

אַ שטורמיש לעבן פאַר אַ יידיש קעלער־מיידל; צו־האַסטיקע און צו־שניידנדיקע ענדערונגען פאַר אַ יידיש מיידל, וואָס בלייבט אונטער אַלע אומשטענדן ווייל, בראַוו און יידיש־פאָלקסטימלעך. וואָרום זי איז אַ יידיש מיידל אונטער דעם טייערן זיידנס, אונטער די פּאַריזער פּענו־אַרס און אונטער אַלע בלענדנדיקע פּוצן.

איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט אַ פּאָר טעג נאָך איר אָנקומען קיין

וואַרשע. פאַר מיר איז געזעסן אַ קורטיזאַנע. דאָס צימער האָט אויסגעזען ווי אַ פּרעכטיקער בודואַר, פול איז עס געווען מיט קורטיזאַנישן שיק. זיידנס, פאַרשיכורנדיקע ריחות פון פּאַרפומען, געצאַצקעטע טואַלעט־מכשירים. אַ האָטעל־צימער איז אין אַ פּאָר טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנג־יעריקן פּרעכטיקן בודואַר פון אַ גרויסער קורטיזאַנע.

און ווי די דאָזיקע פרויען־געשטאַלט האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם בודואַר, ווי זי האָט אים אָנגעפילט מיט פרויען־רייץ, מיט פּיקאַנט־קייט און מיט מאַיעסטעטישן לייכטזין.

אָבער האָט זי אָנגעהויבן ריידן, איז דער גאַנצער בודואַר פאַר־שווּנדן געוואָרן. איר האָט זיך געפילט אין דאָס אָרעמע צימערל פון אַ גוט און פרום ייִדיש מיידל. וואָס פאַר אַ פּרעכטיקן, פּליסיקן און היימישן ייִדיש זי האָט גערעדט! און ייִדישע מאַמעשע ווייכקייט, ייִדישע שוועס־טערישע גוטסקייט האָט געשטראָמט פון איר ייִדיש. און אָט גיט די קור־טיזאַנע אָפּט אַ ייִדישן קרעכץ. אָט כאַפּט זיך אַריין עפּעס אַ ווייטער אָפּ־קלאַנג פון צאינה־וראינה אין איר רעדן, עפּעס אַ ווייטער טאָן פון תחי־נות גנבעט זיך דורך... און די מאַנירן, די מאַנירן פון אַ פאַריזער דעמי־מאָנד־פרוי, זענען פרעמדע, אויסגעלערנטע. זיי פּאַסן זיך נישט צו איר רעדן.

און באַלד הויבט זי אָן רעדן וועגן איר שפּילן און איר זעט פאַר זיך דעם דורכשניטלעכן טיפּ פון אַ ייִדישער שוישפּילערין. עטלעכע סענ־טימענטאַלע אָפּגעדראָשענע פראַזן — דאָס איז איר גאַנץ פאַרמעגן וואָס זי נוצט אין דעם געשפּרעך וועגן דעם. די באַנאַלע ווערטער: די בינע איז איר לעבן, די קונסט איז איר נשמה. יעדע ראָלע וואָס זי שפּילט, איז אויסגעוויקט אין איר אייגן בלוט, און נאָך אַזעלכע באַנאַליטעטן, אויך פרעמדע, צוגעקלעפּטע, אַזוי ווי עס זענען געווען פרעמדע און צו־געקלעפּטע די מאַנירן, וואָס זי האָט געלייענט אין פרעמדע הייזער, ביי פרעמדע פרינצן אין איר שטורמישן לעבן.

דער שטורעם אין איר לייב איז שוין אַריבער. ער האָט געלאָזט נאָך זיך גרויסע וויסטענישן. אָבער זי איז נאָך וווּנדערלעך שיין און עלעגאַנט. די גרויסע אויגן ווערן נאָך דורכגעבליצט פון פייערלעך, דאָס מידע גע־זיכט איז נאָך פעסט־רונד, דאָס מויל, שוין נישט פריש, אָבער נאָך זאַפ־

טיק און נאָך געניג ליידנשאַפטלעך, די האָר שפּעדיק און עס שטראָמט פון זיי אַרויס אַ פאַרשיכורנדיקער אַראָמאַט, כאָטש ערטערווייז זענען זיי שוין אַביסל אָפּגעבליאַקירט; דער גאַנצער קערפּער שוין צעטרייסלט פון שטורמישע איבערלעבונגען, אָבער נאָך אַזוי בייגיק, אַזוי עלאַסטיש און אַזוי פרויען־האַפטיק.

זי ווערט אָפּט עפּעס פינצטער, גלעט זי מיט אירע עלעגאַנטע, זאַר־געוודיק־מאַניקירטע פינגער די שלייפן, צעשמייכלט זיך באַלד אָבער פאַרטרייבט אייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאָזיקן, ווי עס ווייזט אויס, אָפּטן זשעסט און פאַרטרייבט פון זיך אַליין אַ באַהאַלטענע אומ־רויִקייט.

און פלוצלונג:

— מען זאָגט, איר זענט אַ שטרענגער קריטיקער; מען האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ מורא!

און באַלד:

— איך האָב ליב שטרענגע קריטיק; איך האָב ליב דעם אמת...

ווי אַלע יידישע ווייבלעך־שוישפּילערינס.

אָבער גראַציע איז פאַראַן אין אירע באַנאַלע געשפּרעכן. זי איז אַ פרוי און קען דאָס באַנאַלסטע באַחנען.

קיין קאָמפּליצירטער מענטש איז זי נישט געווען. אין אַ האַלבער שעה האָט מען דעם גאַנצן מענטשן געקענט דורכבלעטערן פון אָנהויב ביזן סוף. אַלץ איז געלעגן אויבנאויף. אַלץ איז אַרויפגעשווומען אויפן אויבערפלאַך; בלויז די וויכטיקסטע עפּיזאָדן פון איר שטורמיש לעבן האָט זי באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל פון איר קליין און אָפּן האַרץ.

זענען דאָס געווען ווונדן, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרבאָרגן, אָדער ליכטיקע דעראינערונגען, וואָס זי האָט געוואָלט באַהאַלטן פאַר זיך אַליין?

— דאָס איז שווער צו זאָגן.

אין די ערשטע טעג פון איר זיין אין וואַרשע האָט זי אָפּגעזוכט אַלע אירע קרובים. דאָס איז געווען אַ גאַנץ גרויסע כאָפּטע פון אביונים און זי איז געווען פאַרנומען מיט אויסטיילן מתנות, קליידער, געלט און מיינסטנס אַזעלכע לוקסוס־אַרטיקלען, וועלכע זענען געווען פאַר זיי לחלוטין נוצלאָז. דאָס איז געווען אפשר נישט משום גוטסקייט אָדער איינ־

געבוירענער ברייטקייט; זי איז געווען אַ האַרעם־פרוי. זי האָט אַלץ באַקומען לייכט, אָן אַרבעט, אָן אָנשטרענגונג און אָן זאָרגן. זי האָט דעריבער אַלץ לייכט געקענט אַוועקגעבן. זי איז געווען זיכער, אַז מאָרגן וועט זי ווייטער האָבן, וואָס איר האַרץ גלוסט.

וועגן טעאַטער האָט זי גערעדט, ווי געזאָגט, מיט גאַנץ באַנאַלער און איבערפלעכלעכער סענטימענטאַליטעט, אָבער זי איז מיט לייב און לעבן צוגעפאַלן צום טעאַטער. זי האָט דעם טעאַטער קינדיש געליבט. אַמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז טעאַטער איז איר לעצט שטרויעלע אין לעבן, אָן וועלכן זי כאַפּט זיך אָן.

איר ערשטער אויפטריט איז געווען אַ פּיעסע, וואָס הייסט „עוואַ״. דאָ האָט זי זיך באַוויזן ווי אַ פרוי, נישט טיף, נישט פאַרביק; בלויז אַ פרוי, ווי זי אַליין איז געווען.

דערנאָך איז זי אַרויסגעטראָטן אין אַ רייע פון יעקב גאָרדינס פּיעסן. זי מאַכט איבערפלעכלעך אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. אָבער אין אמתן איז זי געווען ווייניק שוישפּילערין. זי האָט פאַרמאָגט צו־ווייניק קולטור, אַז זי זאָל קענען אויסבויען און פאַרטיפן אַ ראָלע. איר האָט פשוט אַרויסגעהאָלפן איר אייגנאַרטיקער חן, איר איינגעבוירענע פּלאַסטישקייט און איר זייער גוט רעדן. די מימיק אירע איז געווען אַ זייער אָרעמע. סך הכל עטלעכע געזיכט־באַוועגונגען. אָבער איר פיין געזיכט האָט נישט געדאַרפט אַזוי נויטיק די מימיק. זי איז געווען באַוועגלעך, בייגיק און זייער עלאַסטיש, אָבער זי האָט נישט געקענט באַהערשן, סיסטעמאַטיזירן און קאָנצענטרירן עס אין די נויטיקע מאָמענטן. אירע באַוועגונגען, ווייכע, גראַציעזע און זייער פרויענהאַפטע, זענען געווען פשוט אַן אויסשטעלונג פאַר זיך. אין דער ראָלע האָבן זיי זיך זייער ווייניק אַריינגעפּאַסט.

עס איז געווען אַן אמתער גענוס צו הערן זי רעדן. אַ פיינע נאַזיוויטעט איז געווען אין איר רעדן. איר שטים וואַרעם, גלעטנדיק, האָט געהאַט קליינע ריסן און געבראָכנקייט און גראָד די דאָזיקע ריסן און געבראָכנקייטן זענען געווען דאָס שענסטע.

זי האָט נישט געקענט קיין ייִדיש אין ברייטערן זין פון וואָרט, אָבער דאָ האָט זי פאַרמאָגט באמת פיל אינטויִציע. גאָר ווייניק געבילדעט,

פלעגט זי קיין פעלער נישט מאַכן אין באַטאָנען אַ וואָרט און אין אַרויס־זאָגן גראַציעז אַ זאַץ. פלינק, לעבעדיק און צאַפּלדיק פלעגט אַרויסקומען דאָס ייִדישע וואָרט פון איר מויל.

אסתּר־רחל קאַמינסקי איז געווען גאָר נישט דער ערך אַ גרעסערע שוישפּילערין פאַר איר. אָבער אין „זאָגן" איז זי געווען אַזוי גרויס ווי אסתּר־רחל.

און מיט איר איז געשען דאָס, וואָס עס געשעט מיט די מייניסטע פון אונדזערע שוישפּילערס: זיי לעבן זיך אויס אין אַ האַלב טוץ פּיעסן. דאָ שיסן זיי אַרויס זייער גאַנצן טעמפּעראַמענט און זייער גאַנצע באַ־גאַבונג און בלייבן אויסגעלאָשענע, אומבאַהאָלפענע און אומפּרוכטבאַרע אין אַנדערע נייע פּיעסן.

פּעני־וואדי עפּשטיין האָט אויסגעשאָסן איר גאַנצן רעפּערטואַר אין אַ קורצער צייט און איז געבליבן אַן אויסגעלאָשענע. מען האָט זי אַנגאַ־זשירט אין „עליזעאום"־טעאַטער אַלס אַ שוישפּילערין אין דעם לויפנ־דיקן רעפּערטואַר און דאָ איז זי געווען כּמעט אומבאַהאָלפן. דערנאָך איז אַוועק אין דעם דאָזיקן טעאַטער „דאָס פּינטעלע ייִד". מען האָט איר גע־געבן אין דער דאָזיקער אָפּערעטע אַ גאַנץ קליינע און נישט־באַדייטנ־דיקע ראָלע, און אין יאָר צייט איז איר אַרטיסטישע קאַריערע גע־ווען געענדיקט.

געטומלט האָט זיך אין די טעאַטער־קרייזן מיט איר רייכער קליי־דונג. אין דער אָרעמקייט און געשמאַקלאָזיקייט פון דעם ייִדישן טעאַטער איז איר רייכע קליידונג געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. איך ווייס נישט פון קיין איין ייִדישער שוישפּילערין אין יענער צייט, וואָס האָט זיך געקענט אָנטאָן כּאָטש מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיק. און דאָ איז געקומען אַזאַ דאַמע, וואָס קען אַליין נישט איבערציילן אירע קליידער. האָט מען דערציילט חידושים וועגן איר גאַרדעראָב. אָבער דאָס איז געווען די גאַרדעראָב פון אַ האַרעם־פרוי, נישט פון אַ קינסטלערין. עס איז געווען אַ פּשוטע גרויסע פּרויען־ליידנשאַפט צו קליידער. עס איז לחלוטין נישט געווען אין איר קליידונג קיין אינדיווידועלער געשמאַק, קיין אינדיווידועלע נייגונג צו פאַרבן און צו פאָרעם.

שוין כּמעט אַ פאַרגעסענע, פלעגט זי אירע קליידער פאַר אַ ראָלע

לאָזן קומען פון פּאַריז. עס איז געווען אַ פּאַריזער מאָדעל, אָבער פאַר איר ראָלע האָט עס זיך נישט געפּאַסט.

נאָך אַ קורצער צייט פון אויפבליצן איז זי געוואָרן איינע פון דער אָרעמער שווישפּילער־משפּחה אין וואַרשע. פון דעם גרויסן און רייכן האָטעל, באַדינט פון צוויי קאַמער־מיידלעך, איז זי אַריבערגעפאָרן אין אַן אָרעמען האָטעל. פון דעם אַמאָליקן פּרינץ איז זי אַריבער צו דער גנאָד פון אַ יידישן קליין־סוחרל און אַזוי, מיט אַ פּאַטאַלער שנעלקייט, האָט זי זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ, ביז זי איז קראַנק געוואָרן.

איך האָב זי באַזוכט, ווען זי איז געוואָרן קראַנק. שוין אַ פּאַראַרעמ־טע איז זי געלעגן אין בעט, ווי אַ פּאַנטאַסטישע פּרינצעסין, אין זיידנס, טייערע האַפּטערייען, אַ קראַנקע, אַ בלאַסע, אָבער אין דער דאָזיקער געבראָכנקייט איז געווען אַזוי פיל רייצנדיקע פרויען־צעפּיעשטשעדיקייט, אַזוי פיל קינדישע ליבלעכקייט, האַרציקייט און ווייכקייט.

אַ באַקאַנטער דאָקטער האָט מיר געזאָגט ביים אַרויסגיין, אַז זי וועט פון בעט נישט אַראָפּ לאַנג, לאַנג.

זי האָט מסתמא נישט געוווסט, וואָרום זי האָט גערעדט וועגן נייע ראָלן. זי האָט זיך מיט אמתער ריטערלעכקייט און פיינקייט באַקלאָגט אויף אירע קאָלעגן, דירעקטאָרן און אַנדערע, וועלכע האָבן זי אַרונטער־געבראַכט סצעניש; קיין בייז וואָרט, נאָר אַ קינד האָט זיך געקלאָגט, געפּיעשטשעט.

די דאָזיקע פאָלקס־פרוי האָט דאָך פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם אַריסטאָקראַטיזם.

ווי פיין זי האָט גערעדט וועגן אַלע ביטערקייטן, רכילותן, קליינער שנאה און קנאה אין דעם הינטערקוליסן־קנויל. אָן בייזקייט, אָן גאַל, בלויז מיט אַ שטילן ווייטאָג און איידעלן פאַרדראָס.

איך האָב זי נאָך אייניקע מאָל באַזוכט. זי איז געוואָרן אַלץ קראַנ־קער און שענער; שוין גאָר אַ בלאַסע, אַן אויסגעמאָגערטע, האָבן זיך ערשט באַוויזן בולטער אירע צוויי וווּנדערלעכע אויגן. קראַנק איז די שטים אירע געוואָרן, קלאָרער דערפאַר, און איר רעדן נאָך זאַפטיקער. זי פלעגט רעדן מיט פסוקים פון י. גאָרדינען. אַלע יידישע אַרטיסטן פלעגן רעדן מיט פסוקים פון דעם דאָזיקן דראַמאַטורג. ער איז געווען

פאַר זיי אַ לערער. זיינע פּשוטע אַפאָריזמען, גלייכוווערטלעך, זיין מאָג׳ערע פילאָזאָפיע זענען געווען פאַר זיי גרויסע אַנטפּלעקונגען.

די אָרעמקייט האָט זיך וואָס ווייטער גרויזאַמער געדרוקט אויף דעם צעבאַלעוועטן שטורעם־קינד. מען האָט זי אין גאַנצן פאַרגעסן. קאָלעגן, דירעקטאָרן, אַמאָליקע רייכע און מעכטיקע פריינט האָבן פאַרגעסן זייער שיין שפּילעכל; זי איז שוין געווען אויס שפּילעכל...

און שטיל איז אַמאָל געקומען אַן אָרעמער פעטער, וועלכן זי האָט באַשענקט מיט רייכע מתנות, ווען זי האָט געהאַט די מעגלעכקייט, און ער האָט די קראַנקע, שטאַרבנדיקע שוישפּילערין אַוועקגעפירט אויף אַן אָרעמען וואָגן צו זיך אין קעלער אַריין. דאָרט אין קעלער איז זי אָפּגעלעגן חדשים. קיינער איז נישט געקומען צו איר. אַלע האָבן פאַרגעסן די עלעגאַנטע פּעני־וואַדי עפּשטיין.

ביז עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז זי איז געשטאָרבן.

אַ רעגנדיקער ברודנער טאָג איז עס געווען, ווען אַ קליין הייפל מענטשן האָבן באַגלייט אַ קליין שטורעם־קינד, אַ קינד פון קעלער און פּאַלאַצן, צום אייביקן קעלער...

47

ייִדיש טעאַטער אין לאָדזש

אַ חוץ די אַנטוישונגען אין דער טעאַטער־טעטיקייט איז מיר נאָך אויסגעקומען איבערצולעבן פיל אַנדערע אַנטוישונגען אַלס זשורנאַליסט. „דער פריינד״ האָט נישט געהאַט דעם דערפאָלג, וועלכן ער האָט פאַרדינט. די ייִדישע פרעסע איז געוואָרן געל־סענסאַציאָנעל און האָט מיט ווּיסטער רעקלאַמע, מיט פּלעטן פּלעצער, מיט אייִנטיילן רייזעס קיין ארץ ישראל און מיט נאָך אַנדערע מיטלען געשלעפּט ממש פאַר די פּאָלעס די לעזער צו זיך. „דער פריינד״ האָט אויך פּרובירט, אין די גרענעצן, פאַרשטייט זיך, פון שטרענגער אָנשטענדיקייט, ווערן, ווי עס האָט געהייסן, „לעבעדיקער״, אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. אָנגעזעענע מיטאַרבעטער האָבן אים פאַרלאָזט. ה. ד. נאָמבערג איז אַוועק אין „היינט״, פּרץ האָט סתם קאַפּריזעוועט. עס איז געוואָרן שיטערלעך אין רעדאַקציע.

„דער פריינד״ איז אַריבער צו אַ נייעם באַלעבאָס. עס איז, אמת, געווען אַ נייער בעזעם, ער האָט אָבער נישט געקערט ריינער.

קיין טעאַטער־קריטיק איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו שרייבן, ווייל עס זענען פּשוט נישט געווען קיין אויפפירונגען, וועגן וועלכע מען זאָל קענען שרייבן. די אַזוי גערופענע טעאַטער־באַוועגונג איז אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן נאָך די קאַנאָלנדיקע דורכפאַלן.

עס איז געוואָרן אַביסל שווער אין ווארשע און אין אַ מינוט פון יאושדיקער שטימונג האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג אַריבערצופאָרן קיין לאָדזש און רעדאַקטירן אַ צייטונג, וואָס האָט געהייסן „מאָרגנבלאַט״.

די קורצע צייט, וואָס איך בין געווען אין לאָדזש, איז איינע פון די סאַמע ביטערסטע צייטן אין מיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פלאָנטער פון לאָקאַלע רייסערייען, אין אַ נעץ פון אָרטיקער, פּראָווינציעלער „פּאָליטיק” און אין אַזאַ נעץ פון פּאָליטיק, וואָס איז מיר געווען לחלוטין פרעמד. נאָך איידער מיין קאָנטראַקט איז אויסגעגאַנגען, האָב איך געוואָרפן די לאָדזשער צייטונג, אַריבערגעפאָרן צוריק קיין וואַרשע און אָנגעהויבן ווייטער אַרבעטן אין „פריינד”.

מיטן יידישן טעאַטער אין לאָדזש בין איך געווען באַקאַנט גענוי, זייענדיק אין וואַרשע. עטלעכע מאָל בין איך ספּעציעל געפאָרן אַהין אויף „ליטעראַרישע” אויפפירונגען. איך האָב גוט געקענט דעם דירעקטאָר פון לאָדזשער יידישן טעאַטער, זאַנדבערגן, וועלכער פלעגט זייער אָפט קו־מען קיין וואַרשע.

ערשטנס וועגן דעם טעאַטער־דירעקטאָר זאַנדבערג און זיין טעאַ־טער: זאַנדבערג האָט געשמט פאַרן ברייטסטן און רייכסטן יידישן טעאַ־טער־דירעקטאָר אין רוסלאַנד. וועגן זיין רייכקייט, פאַרשטייט זיך, קען איך גאָרנישט זאָגן, אָבער וועגן זיין ברייטקייט, אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקע „ספּאָרטישקייט”, האָב איך צו דערציילן עטלעכע פאַקטן.

זיין „ספּאָרטישקייט” איז געווען פון אַ נידעריקן סאָרט. עס איז געווען די ברייטקייט פון אַן אויפגעקומענעם, אָדער גיכער פון איינעם, וואָס מאַכט עפּעס זייער לייכט געלט. אַזעלכע „ספּאָרטן” זענען, מיינסטנס, די, וואָס מאַכן שווערע געלטער פון פינצטערע געשעפטן. צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען זיין ברייטקייט ביי אַזאַ פאַל: איינמאָל, דאָס איז געווען אין סוף פון יאָר 1909, זענען מיר, אַ קאָמפּאַניע פון זיבן ליטעראַטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען י. ל. פּרץ, שלום אַש, מרדכי ספּעקטאָר, ה. ד. נאָמבערג, אוך און נאָך צוויי, וועמענס נעמען איך געדענק נישט, אַריין פאַרנאַכט אין איינער פון די מאָדערנע און פעשאָנעבלע פּוילישע קאַבאַרעטן. אַזוי ווי עס איז דאָרט נישט געווען קיין גרויסער טיש, ביי וועלכן מיר זאָלן זיך קענען אַלע אויסזעצן, האָט זיך די קאָמפּאַניע צעטיילט אויף צוויי באַזונדערע טישלעך. באַלד איז אַריין אין קאַבאַרעט זאַנדבערג, וועלכן ספּעקטאָר האָט מיר פאָרגע־שטעלט. דאָס איז געווען אַ באַבייכלטער מענטשל. מיט זייער קליינע זשמו־

רענדיקע אייגעלעך, מיט אַ פּעטלעכן און פויגלשן פּנים און מיט אַ גראָב און קורץ העלדזל. ער האָט זיך באַגריסט פּשוט און ווילעריש מיט אַלע־מען און ער האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטון געביטעריש, אָבער בויאַ־ניש: קעלנער, איין טיש פאַר אַכט מענטשן! און צו אונדז: — וואָס האָט מען אייך צעטיילט אויף צוויי טישלעך?

עס זענען באַלד געקומען צולויפן עטלעכע קעלנער און מיט קעל־נערישער אונטערטעניקייט האָבן זיי אים באַגריסט און מיט גרויס דרך־ארץ זיך גענומען צוזאַמענצושטעלן אונדזערע צוויי טישלעך. איך האָב געזען, אַז מען קען אים דאָ פאַר אַ גוטן ברייטן גאַסט.

ווען מיר האָבן זיך אַלע צעזעצט, האָט ער אָנגעהויבן צו באַשטעלן פאַר דער קאמפּאַניע אונט־ברויט.

— איר רעדט אייך וועגן אייערע זאַכן, שטערט זיך נישט און לאָזט מיך זיין אייער סאַרווער — האָט ער געזאָגט ווילעריש מיט זיין גראָבן רעשיקן לשון.

ער האָט אָנגעהויבן באַשטעלן דעם אָונט־ברויט און אויפן טיש זענען אָנגעבערענגט געוואָרן פּלעשער מיט קאָניאַק, קאַוויאַר, וויינען, לי־קערן, פּרוכטן; און וויפל די קעלנער האָבן דערלאַנגט, האָט ער כסדר געשריגן, אַז עס איז ווייניק.

מיר האָבן זיך געפילט עפּעס נישט אינגאַנצן גוט פון דער דאָזיקער שרייענדיקער גאַסטפריינטלעכקייט. פרץ האָט שוין געהאַלטן ביי ברוגז ווערן.

זאַנדבערג האָט אָבער כסדר געטענהט:

— שטערט אייך נישט, רעדט אייך וועגן אייערע זאַכן. לאָזט מיך אייך מכבד זיין.

ביז צוועלף אַזייגער האָט געדויערט די פּרעסערישע און זויפערישע סעודה. יעדער האָט געוואָלט אַריינצייען אים אין אַ שמועס, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט:

— לאָזט מיך סאַרווערן! — האָט ער כסדר געטענהט.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און געוואָלט צאָלן, האָט ער אַרויס־גענומען אַ זשמעניע אַסיגנאַציעס און האָט געבעטן, מען זאָל אים נישט באַליידיקן, ער וויל צאָלן.

אַרויסגייענדיק פון קאַבאַרעט, איז ער באַשטאַנען דערויף, אַז מיר זאָלן גיין אין אַ נאַכט־קאַבאַרעט. דער עולם איז שוין געווען אַביסל פריי־לעך און מען האָט מסכים געווען. דאָרט, אין נאַכט־קאַבאַרעט, האָט מען אים, ווי עס ווייזט אויס, אויך געקענט פאַר אַ גוטן גאַסט. ער האָט גע־פאָדערט פאַר אונדז אַ באַזונדערן צימער און באַלד איז עס געגעבן גע־וואָרן. און דאָרט האָט ער אויפדאַסניי, נאָך מיט מער ברען, זיך גענומען „סאַרווערן". ביז זיבן אינדערפרי האָט געדויערט די צווייטע סעודה. אַלע זענען געווען גאָר בגילופינדיק, נאָר ער, וואָס האָט געגעסן און גע־טרונקען מער פאַר אַלעמען, האָט געהאַלטן קאָפּ, איז געווען זייער דער־פינדעריש אין באַשטעלן נייע געטראַנקען און נייע עסנס מיט צובייסנס און פירן די חשבונות.

מרדכי ספעקטאָר, וואָס האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אַ חשבון, האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז די דאָזיקע שטיפעריי האָט געקאָסט זאַנד־בערגן 400 רובל.

קען מען דאָך מיינען, אַז ער האָט געהאַט וועלכע עס איז באַציִונג צו שרייבער, שטעלט זיך אַרויס, אַז ער האָט אין זיין לעבן נישט דורכ־געלייענט פּרצעס, ספּעקטאָרס און נאָמבערגס אַ שורה. פון אַשן האָט ער געוווּסט, ער האָט געזען אין זיין טעאַטער אַשס „גאָט פון נקמה". וועגן מיר האָט ער בלויז געוווּסט, אַז איך „קריטיקיר" דעם יידישן טעאַטער.

שפּעטער איז מיר אָפּט אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אויף זיין „ספּאָרטישקייט". איינמאָל האָט שלום אַש פאַרגעלייענט פאַר אונדז זיין קאָמעדיע „יחוס"*). די קאָמעדיע איז אונדז אַלעמען געפעלן געוואָרן. האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ טעאַטער, וואָס זאָל זי אויפפירן. מען האָט דורכגעבלעטערט אַלע טעאַטערס און מען האָט דערזען, אַז קיינער פון זיי וועט זי נישט אויפפירן, ביז אַש אַליין האָט אַ זאָג געטון:

— מען דאַרף עס געבן זאַנדבערגן. ער וועט עס נישט שפּילן, אָבער איינמאָל אויפפירן וועט ער זי.

און כך הווה: זאַנדבערג האָט מסכים געווען. ווען איך האָב אים

*) געדרוקט צום ערשטן מאָל אין זאַמלבוך „די אידישע יוגענט", רעדאַק־טירט פון מיר.

באַגעגנט אין וואַרשע און האָב אים געוואָלט זאָגן אַ קאָמפּלימענט פאַר דעם, וואָס ער פירט אויף אַשס „יחוס״, האָט ער מיט זיין גראָב־ווילע־רישן טאָן געזאָגט:

— זאָל ער האָבן עטלעכע הונדערט רובל, ער דאַרף דאָך האָבן. צי עס וועט זיין פּובליקום צי נישט, זאָל ער זיין קאָפּ נישט ברעכן. עט־לעכע הונדערט רובל וועט ער האָבן.

צו דער פאָרשטעלונג פון „יחוס״ האָט ער איינגעלאַדן אַלע שריפט־שטעלער פון וואַרשע, אָבער געפאָרן זענען בלויז י. ל. פּרץ, מרדכי ספּעקטאָר, ה. ד. נאָמבערג, איך און, פאַרשטייט זיך, אַש.

די פאָרשטעלונג איז אַריבער נישט שלעכט. עס איז אויך געווען אַן עולם, אָבער אים, זאַנדבערגן, איז דער גאַנצער ענין נישט אָנגע־גאַנגען, ער האָט אַפילו די פאָרשטעלונג נישט געזען. ער איז געווען פאַרנומען מיט „סאַרווערן״ אַ באַנקעט אין דעם קאַבאַרעט, וואָס איז גע־ווען אין איין הויף מיט זיין טעאַטער.

ער האָט געגעבן אַ פּרעכטיקן באַנקעט פאַר די געסט און פאַר אַ טייל שוישפּילער. ער האָט אַשן אויפן אָרט געגעבן אַ היפּשע סומע און פאַרטיק. מער האָט מען „יחוס״ אין זיין טעאַטער קיינמאָל נישט גע־שפּילט.

ווייטער האָט מרדכי ספּעקטאָר געפירט שטיל דעם חשבון. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיקער פאַרגעניגן האָט געקאָסט 800 רובל.

נאָך אַ פאַל פון „ספאָרטישקייט״:

ווען פּרץ הירשביין האָט פונאַנדערגעלאָזט זיין טרופּע און איז גע־בליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט און אָן אַ גראָשן אין קעשענע, האָט ער באַ־שטימט צו מאַכן אַ רייזע קיין אַרגענטינע. ער איז געקומען אין וואַרשע און האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער דאַרף האָבן אויף הוצאות, אַגב האָט ער אַ נייע פּיעסע, „די פּוסטע קרעטשמע״. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן פּלע־נער, ווי אַזוי צו שאַפן אַביסל געלט. אָבער געלט איז געווען אין יענע יאָרן אַזאַ אידעלער ענין אין וואַרשע, אַז מען האָט צו דעם גאָרנישט געקענט צוקומען.

האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָר שורות זאַנדבערגן און געבעטן אים, ער זאָל אויפפירן הירשביינס נייע שטיק.

באַלד האָב איך באַקומען פון אים אַ קורצן ענטפער: זאָל הירשביין קומען מיט זיין פּיעסע און מען וועט גלייך אָנהויבן מאַכן פּראָבן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין אַכט טעג אַרום בין איך געפאָרן קיין לאָדזש זען די פּיעסע הירשביינס.

די פאָרשטעלונג איז נישט געווען קיין גרויסער דערפאָלג. אָבער זאַנדבערג האָט געגעבן הירשביינען די סומע, וואָס ער האָט געהאַט נויטיק. און ווייטער אַ רייכער באַנקעט, ווייטער איז די שטיק נישט געגאַנגען נאָכאַמאָל און ווייטער האָט זאַנדבערג נישט געזען די אויפפירונג און האָט זיך מיט איר נישט אינטערעסירט.

איך קען דערציילן נאָך אַזעלכע פאַלן, אָבער שוין די עטלעכע דערמאָנטע כאַראַקטעריזירן גענוי די מגושמדיקע „ספּאָרטישקייט״ פון דעם דאָזיקן רייכן יידישן טעאַטער־דירעקטאָר.

אין לאָדזש האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט אים און מיט זיין טעאַטער. זיין „ספּאָרטישקייט״ — איז מיר נאָך מער קלאָר געוואָרן — איז געווען פון זייער אַ נידעריקן מין. עס איז נישט געווען קיין האַרציקייט, קיין געפיל און אמתע ברייטקייט, נאָר פּשוטע פאַרשווענדעריי פון איינעם, וואָס פאַרדינט לייכטע געלט.

מיר איז קיינמאָל נישט קלאָר געוואָרן, פון וואַנען נעמט ער אַזוי פיל געלט צו פירן זיך אַזוי ברייט און פאַרשווענדעריש. דער טעאַטער זיינער איז, אמת, געגאַנגען גוט, אָבער נישט אויף אַזוי פיל גוט, אַז ער זאָל קענען שליידערן מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס. גערעדט האָט מען, אַז ער האָט אַנדערע געשעפטן, פיל שפעדיקערע ווי דער טעאַטער, און גערעדט האָט מען וועגן די דאָזיקע געשעפטן עפּעס מיט האַלבע ווערטער. אָבער איך נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן עפּעס געניערס וועגן דעם.

ער איז אַמאָל געווען אַן אַקטיאָר, אַ שלעכטער אַקטיאָר. די צייט, וואָס איך האָב אים געקענט, איז ער קיינמאָל נישט אויפגעטראָטן אַלס אַקטיאָר. ער איז געווען דער אומקולטורעלסטער צווישן אַלע יידישע אַקטיאָרן און טעאַטער־דירעקטאָרן, אָבער אַ מענטש מיט אַ שטיקל כאַראַקטער און מיט אַ שטיקל פאַרנעם איז ער געווען. זיין טעאַטער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ טעאַטער: אַ גרויסע געביידע, געבויט, אמת, פּראַ־

ווינציעל, אָבער ווי אַ טעאַטער. אין טעאַטער איז ביי אים געווען אַ שטרענגע דיסציפּלין: יעדער האָט געטון זיין אַרבעט, אָנהויבנדיק פונעם שוישפּילער אין אויסגעלאָזט מיטן בילעטיאָר, ערנסט אונטער דער דריקנ־דיקער מורא פאַר אים, דעם שטרענגן באַלעבאָס. ער האָט באַהאַנדלט אַלעמען, אַפילו די „סטאַרס״ זיינע, שטרענג און גראָב. ער האָט אַלעמען „געדוצט״ און מיט אַלעמען גערעדט בייז, אַראָגאַנטיש און פון אויבן־אַראָפּ. ער האָט אַלעמען באַהאַנדלט ווי זיינע משרתים. אין דער זעלבער צייט איז ער אָבער געווען פּינקטלעך און ברייט אין געלט־ענינים.

ער איז געווען דער איינציקער טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס די קריטיק איז אים נישט אָנגעגאַנגען. איר האָט געמעגט אַראָפּרייסן זיינע אַן אויפפירונג, איז ער געווען כמעט גלייכגילטיק, ער האָט זעלטן ווען גע־לייענט אַ רעצענזיע וועגן די אויפפירונגען אין זיין טעאַטער.

אין טעאַטער פלעגט ער אַריין מיטן שטאַרצנדיקן בייכל, די קליינע אייגעלעך פלעגן זיך נאָך מער זשמורען און דאָס פויגלשע פּנים איז גע־ווען האַרט און בייז. אַלע אַקטיאָרן און אַלע אַנדערע אַרבעטער פלעגן ווערן שטיל, ערנסט און דערשראָקן.

ער האָט אָבער געהאַט „ליבלינגס״ אין זיין פּערסאָנאַל, וועלכע ער פלעגט צולאָזן נעענטער צו זיך. אַזוי האָט ער אַרויסגעפירט אַהרן לעבע־דיעוון, וועלכער איז געקומען פון דרום־רוסלאַנד אַן אַרעמינקער, אָפּ־געריסענער קופּלעטיסט. אַזוי האָט ער פאָטערלעך אַרויסגעפירט זיגע גאָלדשטיין און נאָך אַנדערע אַקטיאָרן. דער דאָזיקער אומקולטורעלער און פאַרגרעבטער מענטש פלעגט דערשפירן אַן אַקטיאָר.

אַ טרופּע האָט ער אַליין אַלעמאָל געהאַט אַ גוטע, אַ פולע. עס פלעגט קיינמאָל נישט זיין אין זיין טעאַטער אַ דוחק אויף אַן אַקטיאָר. שוישפּילער פלעגן גערן דינען ביי אים, כאָטש זיי האָבן אים נישט שטאַרק ליב געהאַט.

דער רעפּערטואַר פון זיין טעאַטער איז געווען דער זעלבער, וואָס אין וואַרשע, אָבער אין דער בעסערער טעאַטער־געביידע מיט, אַמאָל, בעסערע דעקאָראַציעס פלעגן די אויפפירונגען אין זיין טעאַטער זיין עפּעס לייטישער.

טעאַטער־קריטיק אַרום זיין טעאַטער האָט נישט געקענט בליִען,

וואָרום אַ חוץ די „ספּאָרטישע“ ליטעראַרישע יום טובים האָט מען קיין בעסערע פּיעסע אין זיין טעאַטער נישט אויפגעפירט. און גראָד איז באַ־שערט געווען זיין טעאַטער צו האָבן אַ טיכטיקן טעאַטער־קריטיקער י. אוגער, אַ גוטער קענער פון טעאַטער בכלל און פון יידישן טעאַטער בפרט. זיינע טעאַטער־רעצענזיעס אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“, פון וועלכן ער איז געווען רעדאַקטאָר, האָבן געהאַט אַ טעם. אַ שטיקל חסרון איז געווען, וואָס ער איז געווען אַן אייגענער מענטש אין טעאַטער. דאָס מוז אָבער אַ קריטיקער זיין אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט, ווו מען באַגעגנט זיך צען מאָל אַ טאָג מיט די אַקטיאָרן און מיטן דירעקטאָר, בפרט נאָך ווען מען האָט אַ פרוי, וואָס איז אַן אַרטיסטין און שפּילט אין טעאַטער.

דער לאָדזשער טעאַטער, ד״ה זאַנדבערגס טעאַטער, איז געווען קינסטלעריש נישט העכער פאַר אַנדערע טעאַטערס. ער איז געווען בלויז אָרגאַניזירט, זיכערער און פעסטער.

פון צייט צו צייט פלעגן זיך אַראָפּלאָזן טרופּעס און שפּילן אין לאָדזש, און אַזוי אַרום פלעגט לאָדזש האָבן כמעט אָפט נאָך אַ יידישן טעאַטער. פון די, וועלכע פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אין לאָדזש שפּילן, איז געווען אַן אָפטער גאַסט יוליוס אַדלער, אַ גאַנץ פעיִקער אַקטיאָר, אָבער מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו סטאַריזם. ער פלעגט אויפטרעטן אין „אור־ריאַל אַקאָסטאַ“ און אין שרייענדיקע מעלאָדראַמעס. אַן אַקטיאָר מיט אַ טומלדיקן טעמפּעראַמענט, פלעגט ער אין מעלאָדראַמעס זיין אָפט אַקאָס־טאַ און אין דער פּיעסע „אוריאַל אַקאָסטאַ“ איז ער געווען מעלאָדראַמאַ־טיש. בכלל האָט ער געהאַט דערפאָלג ביים פּובליקום. דער דערפאָלג איז געווען לערך אַ פאַרדינטער. ער פלעגט אויפטרעטן מיט זיין פרוי, וואָס האָט דאַן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אויף דער יידישער בינע.

48

ר. זאַסלאַווסקי, ב. טאָמאַשעווסקי, דוד קעסלער און מאָשקאָוויטש

אַ גאַנץ אָפטער גאַסט פלעגט זיין אין לאָדזש רודאָלף זאַסלאַווסקי. דער דאָזיקער שוישפילער איז געווען פון די יונגע. אויף אים האָט מען פון אָנהויב געלייגט גרויסע האָפענונגען. פון אָנהויב האָבן מיר אים אַפילו געהאַלטן פאַר אַן „אונדזעריקן", ד"ה פאַר אַ ליטעראַרישן שוי־שפילער, אָבער אינגיכן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אַ כשר קינד פון אַלטן טעאַטער מיט אַלע מאַנירן פון זיין שפילן, מיט זיין צו־גאַנג צו ראָלן און זיין גאַנצער באַנעמונג. ער האָט געקלעטערט צום סטאַ־ריזם נאָך מער פאַרביסענער פאַר זיינע אַלטע חברים, ער האָט גאַסטראָ־לירט, ער האָט אַליין אָרגאַניזירט טרופּעלעך פון שלעכטע אַקטיאָרן, כדי ער זאָל זיי פאַרדעקן. ער פלעגט זיך נעמען פאַר אַן אויפפירונג מיט דער גרעסטער לייכטזיניקייט און אַמאָל מיט דער גרעסטער געוויסנ־לאָזיקייט. אין לאָדזש, למשל, האָט ער זיך גענומען אויפפירן „האַמלעט" פון שעקספּיר. קומט ער איינמאָל צו מיר און לאַדט מיך איין „אויף דער ערשטער אויפפירונג פון „האַמלעט" אין יידיש". פרעג איך אים: — ווער האָט איבערגעזעצט די דאָזיקע קלאַסישע טראַגעדיע? — ענטפערט ער: — „עפעס אַ יונגערמאַן". פרעג איך אים: — ווי לאַנג רעפּעטירט ער זי? — ענטפערט ער מיט דער זעלבער האַפערדיקייט:

— היינט האָבן מיר די דריטע רעפּעטיציע. מאָרגן פאַר דער פאָר־שטעלונג וועל איך האָבן אַ פערטע רעפּעטיציע.

איך בין געווען אויף דער פאָרשטעלונג און האָב דערזען דאָס, וואָס מען זעט נישט אין קיין טעאַטער אויף דער וועלט; דער איבערזעצער האָט נישט פאַרשטאַנען ממש קיין איין וואָרט פון דער פּיעסע; דער הויפּט־שוישפּילער, זאַסלאַווסקי, וואָס האָט געשפּילט „האַמלעט״, האָט נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. ער האָט געשריגן, געשליידערט קנוילן פון ווערטער, וועלכע האָבן זיך נישט געקלעפּט איינס צו דעם אַנדערן. היינט די איבעריקע אַקטיאָרן, די דעקאָראַציעס, די קליידער — אַלמעכטיקער גאָט! — אַזוינס קענען די גרעסטע וואַנדאַלן נישט טון!

אָבער נאָך אַלעמען איז ער געווען אַ גוטער אַקטיאָר. אייניקע ראָלן זיינע זענען געווען געשפּילט מיט גוטער אַקטיאָרישער טעכניק, מיט טעמפּעראַמענט און מיט פאַרשטענדעניש. זיין לייכטזיניקייט און כמעט געווויסנלאָזע באַציִונג האָבן אים סוף כל סוף באַשטראָפט. ווען איך האָב אים געזען, מיט אַ צייט צוריק, אין אַמעריקע, איז ער שוין געווען אַ צעבראָכענער שוישפּילער. עס איז נישט געבליבן אין אים אַפילו דאָס ביסעלע גוטס פון אַמאָל.

דאָרט, אין לאָדזש, האָט זיך באַוויזן אַ שוישפּילערין, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף אונדזערע הענט, ד״ה אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון „הזמיר״, און דאָס איז געווען פר׳ פּיביך. זי איז געווען יונג און נעט און האָט געגעבן, ווי מען זאָגט, גוטע האָפענונגען. לויט די ידיעות, וואָס איך האָב וועגן איר, איז זי געוואָרן אַ גאַנץ פּאָפּולערע יידישע אַרטיסטין, און פון דעם בעסערן מין. זי איז אין רוסלאַנד.

* * *

די אַמעריקאַנער שוישפּילער, וועלכע האָבן איינס נאָך דעם אַנדערן אָנגעהויבן צו באַזוכן רוסלאַנד, נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון קלאַראַ יאַנג, פלעגן גערן באַזוכן לאָדזש. אין זאַנדבערגס גרויסן און מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיקן טעאַטער איז זיי געווען אָנגענעמער אויפצוטרעטן ווי אין די וואַרשעווער שלעכטע יידישע טעאַטער־געביידעס.

אַזוי האָט זיך פאַר מיין צייט אַראָפּגעלאָזט אין לאָדזש — פריִער פאַר וואַרשע — באָריס טאָמאַשעווסקי און באַלד נאָך אים דוד קעסלער.

איך מוז זאָגן, אַז באָריס טאָמאַשעווסקי האָט אויף מיר געמאַכט

זייער אַ גוטן איינדרוק. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ ווונדערלעכע אַק־טיאָרישע פיגור. אַזאַ פיגור באַגעגנט מען זעלטן אַפילו אויף די גרויסע סצענעס. אויף דער יידישער בינע האָב איך אַזאַ פיגור גאָרנישט באַגעגנט. ער איז נאָך דאַן געווען שיין. אין די מיטעלע יאָרן, שוין מיט אַביסל זילבער אין די פעך־שוואַרצע האָר, איז ער געווען דער אידעאַל פון אַן אַקטיאָרישער געשטאַלט. זיין שפילן האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער איז אויפגעטראָטן אין עטלעכע גאַנץ גוטע פּיעסן, האָט געהאַט גוטע, פאַר אים צוגעפּאַסטע ראָלן. דערהויפּט זענען מיר געפעלן געוואָרן די קאָמישע שטעלן אין זיינע ראָלן. זיין קאָמיזם האָט געהאַט גאָר נישט דער ערך מער ווירדע און פיינקייט ווי זיין דראַמאַ־טיזם. זיין דראַמאַטיזם איז געווען אַביסל פאַרעלטערט, אָבער זיין קאָ־מיזם איז געווען פריש, איינגעהאַלטן און זייער פיין. אַז ער האָט באַ־דאַרפט זיין אַ קאָמישער שוישפּילער, האָב איך איינגעזען, ווען איך האָב אים געזען שוין שפּילן דאָ אין אַמעריקע, אין דעם „גרינעם מיליאָנער״. איך האַלט זיין ראָלע פון דעם „גרינעם מיליאָנער״ פאַר איינער פון די פיינסטע שאַפונגען פון דעם יידישן טעאַטער.

דעם טאָמאַשעווסקי פון אַמעריקע האָבן מיר אין איראָפּע נישט געזען.

דאָס אַמעריקאַנישע האָב איך געזען אין זיין פּריוואַטן לעבן: שריי־ענדיקע „ספּאָרטישקייט״, אמת, איידעלער פון זאַנדבערגס „ספּאָרטיש־קייט״, אָבער קיין זכר פון דעם אַריסטאָקראַטיזם, וועלכן מיר ווילן זען אין „ספּאָרטישקייט״. ער האָט, למשל, געטראָגן שטענדיק מיט זיך צוויי לעדערנע בייטעלעך מיט גאָלד־מטבעות און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אַרויסנעמען איינס פון די שווערע בייטעלעך און צאָלן קליינ־געלדיק נאָר מיט גאָלד־שטיק. ער איז געווען גוטברודעריש מיט אַלע־מען און אין דער זעלבער צייט אַמעריקאַניש־סנאָביש. אָבער בכלל האָט ער געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק. ער האָט זיך געקענט גוט האַלטן מיט מענטשן, שיין דערציילן מעשהלעך פון אַמעריקאַנער לעבן, און אַ ים פון גוטע, מיטעלע און שלעכטע אַנעקדאָטן האָט ער געהאַט און האָט זיי געקענט דערציילן פריש, מיט גוטער מימיק און בכלל מיט אַקטיאָ־רישער פלינקייט.

דאָ אין לאָדזש, מיט מיין הילף און באַטייליקונג, איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן באָריס טאָמאַשעווסקי און אָסיפּ דימאָוו.

אָסיפּ דימאָוו איז נאָך דאַן געווען גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, אָבער שוין זייער פּאָפּולער אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער איז געווען זייער טיכטיק און אַ סך פּראַקטישער פון פיל פון זיינע חברים, די רוסישע שריפטשטעלער. ווען ער האָט זיך נישט געקענט דערשלאָגן, אַז איינער פון די פּעטערבורגער אָדער מאָסקווער טעאַטערס זאָלן אויפפירן זיינס אַ שטיק, פלעגט ער צוזאַמענשטעלן אַליין אַ טרופּע פאַר זיין שטיק און אַוועקלאָזן זיך מיט איר איבער דער פּראָווינץ. געוויינלעך פלעגט ער אויסזוכן צוויי אָדער דריי שוישפּילער מיט נעמען און מיט טאַלאַנט, צו זיי פלעגט ער נעמען אַ צאָל „יונגע קרעפטן", האַלבע אַמאַטאָרן און האַלבע פּראָפעסיאָנאַלן, פלעגט מיט זיי גוט איינשטודירן זיין שטיק, פאָרן איבער די פּראָווינץ־שטעט און האָבן דערפאָלג.

מיט אַ פּאָר יאָר פריִער האָב איך אים געזען אין וואַרשע מיט אַזאַ טרופּע, וואָס האָט געשפּילט זיינס אַ שטיק, און איצט איז ער געווען אין לאָדזש מיט זיין „אייביקן וואַנדערער". דאָס שטיק האָט געהאַט דערפאָלג, אָבער די שוישפּילער זענען געווען פרעמד דעם האַלב־פּוילישן און האַלב־דייטשישן לאָדזשער פּובליקום. די טרופּע און דער דראַמאַטורג־דירעקטאָר האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון יידן. עס איז געווען אַ „רוסישער" טעאַטער. בלויז די „לאָרדן", ווי עס האָבן געהייסן די לאָדזשער וואַיאַזשאָרן, וועלכע האָבן געררייזט איבער רוסלאַנד, זענען געווען נאָענטע מחותנים מיט דער רוסישער טרופּע.

באָריס טאָמאַשעווסקי האָט געזען דאָס שטיק „דער אייביקער וואַנדערער", האָט זיך באַקענט מיט אָסיפּ דימאָוון און ער איז פאַרקאָכט געוואָרן סיי אין דעם שטיק, סיי אין דעם פּאַרפאַסער.

אויף אַ צוזאַמענקום צווישן דעם אַמעריקאַנער דירעקטאָר און דעם „רוסישן" דראַמאַטורג בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אַלס „דאָלמעטשער". דימאָוו האָט גערעדט דאַן זייער שלעכט יידיש, טאָמאַשעווסקי דאָס נעמלעכע — רוסיש. איך האָב עס באַדאַרפט זיין דער שפּראַך־פאַרמיטלער. אויף דעם ערשטן צוזאַמענקום האָב איך פונדעסטוועגן באַמערקט, אַז די צוויי מחותנים האָבן זיך גוט צוזאַמענגערעדט און האָבן אַזוי גוט פאַר־

שטאַנען איינער דעם אַנדערן, אַז אַלע איינצלהייטן פונעם קאָנטראַקט, די סאַמע דינע און די סאַמע פּאַרזיכטיקע, זענען שוין געווען אויסגעאַרבעט.

טאָמאַשעווסקי האָט צוגעזאָגט דימאָוון די גרעסטע גליקן. אַמעריקע קוקט אויס אויף אַזאַ איינעם ווי אָסיפּ דימאָוו. ער וועט זיין דער דראַמאַטורג, אויף וועלכן מען וואַרט אין אַמעריקע, און טאַקע דאָ אויפן אָרט האָט ער באַוויזן די אַמעריקאַנער ברייטקייט: די צוויי לעדערנע ביי־טעלעך מיט די גאָלדענע מטבעות פלעגן אַרויס פון זיינע קעשענעס און באַשטעטיקן, אַז אַמעריקע קען צאָלן, וויל צאָלן און וועט צאָלן.

אָסיפּ דימאָוו איז געווען אויפן זיבעטן הימל. עפּעס ווי פון הימל איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ רייזע קיין אַמעריקע, צוזאָגן אויף אַ גרויסער צוקונפט און דער עיקרשט — אַ גרויסער אַוואַנס.

די שמחה איז געווען גרויס פון בײדע צדדים. איך האָב באַמערקט ביי טאָמאַשעווסקין אַן עכט־שוישפּילערישן שטריך — און דאָס איז די ליבע גוזמא פון אַ שוישפּילער. די גוזמא איז געווען אין אַלץ, סיי אין דער פרייד, וואָס ער האָט אַנטדעקט אַזאַ אוצר ווי דימאָוו, סיי אין זיין אמת ברייטער באַהאַנדלונג און סיי אין זיין צופאַלן צו זיין נייעם אָפּגאָט — צו דימאָוון.

דאָ, ביי אַ רייכן טיש, מיט וויינען און די בעסטע מאכלים, בין איך פון בײדע צדדים אויפגעפאָדערט געוואָרן, אַז איך זאָל איבערזעצן „דעם אייביקן וואַנדערער" אויף יידיש. אָסיפּ דימאָוו איז געווען אַביסל בגי־לופינדיק און ער האָט פייערלעך געפאָדערט פון מיר אַ צוזאָג, אַז איך נעם זיך מאָרגן פאַר דער איבערזעצונג.

איך האָב געמאַכט די איבערזעצונג און אין אַ פּאָר טעג אַרום באַ־קומען באַצאָלט מיט גאָלדענע מטבעות.

מיר איז געווען באַשערט צו באַגלייטן דימאָוון אויף זיין וועג קיין אַמעריקע: סוף זומער 1913 בין איך געפאָרן, אַלס רעדאַקטאָר, אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין. דימאָוו איז געווען אין ווין און האָט גע־וואַרט אויף אַ דעפּעשע פון טאָמאַשעווסקין פון לאָנדאָן.

דאָ אין ווין האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט אַמערי־קאַנער זשורנאַליסטן, דערהויפּט מיט אב. גאָלדבערגן, וועלכער האָט גע־שפּילט די ערשטע פידל צווישן זיי.

דאָ איז מיר אויסגעקומען צו זען די „הבימה“ אין ערשטן גילגול און טאַקע אין „דעם אייביקן וואַנדערער“ אויף העברעיִש, אַ יאָמערלע־כע, אומבאַהאָלפן־אַמאַטאָרישע טרופּעלע איז עס געווען. ווער האָט דאַן געקענט קלערן, אַז פון דעם וועט אַמאָל אויסוואַקסן די איצטיקע „הבימה“.

די דעפּעשע פון טאָמאַשעווסקין איז געקומען. איך האָב זיך געזעגנט מיט דימאָוון און מיט זיין פרוי. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע און איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין לאָדזש.

נאָך טאָמאַשעווסקין איז געקומען דוד קעסלער אויף עטלעכע גאַסט־ראָלן קיין לאָדזש.

אָנהערנדיק און אָנלייענענדיק זיך אַזוי פיל וועגן דוד קעסלערן, מוז איך מודה זיין, אַז אין מיין קורצער באַקאַנטשאַפט מיט אים האָב איך געזען גאָר אַן אַנדער קעסלערן. ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים האָב איך געזען פאַר זיך עפּעס אַ בערישן מענטשן, רעדט ווייניק און קוקט אויף אייך נישט ווען ער רעדט שוין אַרויס אַ פּאָר ווערטער. ברייטבייניק, מיט אַביסל אַ מגושמדיקן געזיכט, האָט ער גאָר קיין איינ־דרוק נישט געמאַכט פון אַן אַקטיאָר. גערעדט האָט ער נישט געבונדן און נישט פליסיק, עפּעס מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי איינער, וועלכן עס פעלן ווערטער און איז נישט געוווינט צונויפצובינדן צוויי זאַצן צוזאַמען. קיין שום לייכטקייט און באַוועגלעכקייט אין פּריוואַטן אומגאַנג.

זיין ערשטער אויפטריט איז געווען אין אַ גאַנץ מאָגערער מעלאָד־ראַמע „די מאָדע“ (מיטן אַמעריקאַנישן נאָמען „סטייל“). ער האָט גע־שפּילט די ראָלע איינפאַך שלעכט.

דער צווייטער אויפטריט זיינער איז געווען אין דער פּיעסע „שלמהקע שאַרלאַטאַן“. דאָ איז ער געווען גלענצנדיק. איך האָב אים צוויי אָוונטן נאָכאַנאַנד געזען אין דער ראָלע. איך האָב אים געוואָלט אָנטאַפּן אַלס שוישפּילער. ער האָט די ראָלע געשפּילט אַקטיאָריש ווונדערלעך, אָבער דאָס וואָס איך האָב געזוכט, האָב איך נישט געקענט געפינען. איך האָב געזוכט ראַפינירטקייט, דאָס וואָס איז אייגנטלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן קינסטלער.

ער האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. איך האָב געוואָלט זיך נעענטער באַקענען מיט אים, אָבער ער איז געווען עפּעס פאַרריגלט און

פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. איינמאָל האָט אים זאַנדבערג געבראַכט צו מיר אַהיים. מיר זענען אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אָוונט. איך האָב זיך באַמיט צו צעטרייסלען אים, איך האָב געוואָלט פון אים הערן וועגן דער לאַגע פון אַמעריקאַנישן טעאַטער, אָבער מיר האָט זיך נישט איינגעגעבן צו אַראָפּטרייסלען פון אים די האַרטע טשערעפּאַכע־הויט, אונטער וועלכער ער האָט זיך באַהאַלטן.

מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער האָט זיך נישט געקענט פילן גוט אין אַ נייער און אומבאַקאַנטער סביבה. ער האָט זיך פשוט פאַרלוירן אין דער פרעמד.

איך בין געווען אין וואַרשע און געזען אים דאָרט אין נאָך עטלעכע אויפטריטן. איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים נאָך עטלעכע מאָל.

מיר האָבן געוווסט פון זיין פּאָפּולאַריטעט אין ניו יאָרק. י. ל. פרץ האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים, האָט זיך באַגעגנט מיט אים און האָט אויך געמוזט זיך אָפּזאָגן פונעם געדאַנק צו באַקענען זיך מיט אים נאָענט.

איך האָב אים געזען אין דוד פּינסקיס „יענקל דער שמיד״ און נאָך אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה״. אין דער ערשטער פּיעסע האָט ער געהאַט וווּנדערלעכע מאָמענטן, די ראָלע איז אָבער געווען צעריסן, צעברעקלט און אין איר איז נישט געווען קיין גאַנצע דורכגעטראַכטע ליניע. אין יענקל שאַבשאָוויטש איז ער געווען שטאַרק.

אגב איז ער געווען, ווי עס ווייזט אויס, אַ שוואַכער רעזשיסער. אין מאָשקאָוויטשן האָבן מיר באַוווּנדערט, אַ חוץ דעם קולטורעלן שוישפּילער, אויך דעם פעיִקן רעזשיסער; ער האָט גענומען אין דער אַרבעט די אָפּגעלאָזענע אַקטיאָרן פון „עליזעאום״ און מיט זיי געמאַכט אַ גאַנץ גוטע אויפפירונג; ער האָט געהאַט אין זינען, אויסער זיין אייגענער ראָלע, אויך די גאַנצע אויפפירונג און זיינע מיטשפּילער. דוד קעסלער האָט די אַלע זאַכן קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט. ער האָט געשפּילט און אַרום אים איז געווען ממש חושך. קיינער האָט נישט געשפּילט און די אויפפירונג איז געווען אַזוי כאַפּ־לאַפּיש, קיין געבונדנקייט, קיין ברעקל צוזאַמענשפּיל און קיין רמז אויף אַן אויפפאַסונג פונעם גאַנצן שטיק.

דוד קעסלער האָט כמעט קיין דערפאָלג ביי אונדז נישט געהאַט.

זוי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז ער אַוועקגעפאָרן אַ ברוגזער און אַן אַנטוישטער.

בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין דער איינגעהאַלטענער אויפנאַמע, וואָס דער פּאָפּולערסטער אַמעריקאַנער שוישפּילער האָט געקראָגן איז שולדיק די נישט־גינסטיקע צייט פאַר פרייד, פאַר פאַרוויילונג און בכלל פאַר טעאַטער. דאָס רוסישע ייִדנטום איז געשטאַנען נאָענט צום בייליס־פּראָצעס. אַן אימה, אַ שווערע און אַ פינצטערע, איז געלעגן אויף די ייִדישע מאַסן. אַ טיפער יאוש האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. מען האָט נישט געהאַט קיין געלעכטער, מען האָט נישט געזען קיין פרייד אין דעם ייִדישן לעבן אין דעם זומער פון 1913.

מאָריס מאָשקאָוויטש

אין 1911 איז געקומען אויף אַ קורצער צייט מאָריס מאָשקאָוויטש. דער דאָזיקער שוישפּילער איז געווען פאַר אונדז אַן איבעררעאַשונג. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ שוישפּילער מיט אַ גאַנץ היפשן פאַרנעם, וואָס טראָגט מיט שטאָלץ זיין באַרוף; אַ שוישפּילער שוין מיט אַ טעאַטער־קולטור; אַ שוישפּילער און מענטש דערצו, איינער וואָס וויל האָבן אַ מיינונג און מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זי. ער איז דאַן, למשל, געווען, ווי אַלע ייִדישע שוישפּילער, אַן אָנהענגער פון יעקב גאָרדינען, האָט ער אָבער געקענט גאָרדינען, ער האָט געקענט אַרויסברענגען זיינע מעלות, מאַכן זיי אַזוי בולט, אַז זיי האָבן פאַרטונקלט זיינע חסרונות. ער האָט בכלל גערעדט וועגן טעאַטער־פראַגן מיושבדיק, מיט, אמת, אַביסל אויפגעשרויפטער אויטאָריטעט, אָבער מיט פאַרשטענדעניש און מיט גוטער, היפשער פאַך־קענטעניש. הכלל, אַ פערזענלעכקייט; אַזוינס, וואָס מען האָט נישט באַגעגנט אין דער גאַנצער מחנה פון אונדזערע היימישע שוישפּילער.

אויף דער סצענע איז זיין פערזענלעכקייט נאָך מער אויסגעוואָקסן. הויך און שלאַנק, האָט זיין פיגור אויסגעפילט די בינע. ער האָט אויסגעזען מאַיעסטעטיש צווישן די קליין־געוויקסיקע, צעטערפּעטע און פאַרדלותטע מיטשפּילער.

זיין ערשטער אויפטריט איז געווען אין גאַרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״. ער האָט געשפּילט אוריאל מזיק. דאָ האָבן מיר געזען אַ שויּ־שפּילער מיט טאַלאַנט און מיט געבענטשע אייגנשאַפטן פאַר דער סצענע: אַ זעלטן קלאָרע דיקציע, ערטערווייז שוין אַביסל צו קלאָר, אַן אַנגענעמע שטים, אַ פּרעכטיקע מימיק און אַ זייער באַרעכנטע באַוועגלעכקייט. הכלל — אַ שוישפּילער פון דער וועלט־בינע.

אַ דערפאַרענער, ווי עס ווייזט אויס, אויך אין רעזשי — לויט די דעמאָלסטדיקע באַגריפן — האָט ער אַוועקגעשטעלט די פּיעסע גוט, האָט גוט אויסגעמושטירט אונדזערע אַקטיאָרן אין זייערע ראָלן און האָט גע־שאַפן אין אַ קורצער צייט אַ גאַנץ גוטן צוזאַמענשפּיל. און צו אונדזער איבערראַשונג האָבן מיר דערזען, אַז אונדזערע אַקטיאָרן קענען אויך שפּילן, ווען עס איז דאָ אַ האַנט, וואָס פירט זיי. אַזוי האָט פישעלעוויטש, דאַן נאָך אַ יונגער און שוין אַ פאַרוואָרלאָזטער אַקטיאָר, זיך אַרויסגע־וויזן ווי גאָר אַ פיינער קאָמיקער אין דער ראָלע פון לייזער בדחן.

מאָשקאָוויטש איז אויפגעטראָטן אין סטרינדבערגס „פאָטער״ אַלס דער ריטמייסטער און איז געווען נישט ווייניקער גוט ווי אין אוריאל מזיק.

מיט מאָשקאָוויטשעס גאַסטראָלירן האָבן מיר געמוזט אינגאַנצן בייטן אונדזער ביטולדיקע באַציִונג צום אַמעריקאַנישן טעאַטער. מאָשקאָוויטש איז געקומען צו אונדז נאָך אַ גאַנצן יאָר „פינטעלע ייִד״, וואָס איז גע־גאַנגען אין צוויי וואַרשעווער טעאַטערס און אין אַ האַלב צענדליק אַנ־דערע טעאַטערס אין רוסלאַנד. ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען אַלע האָבן שוין אַ מאָך געטון מיט דער האַנט אויפן ייִדישן טעאַטער און גע־וואַרט אויף אַ צעפוילעניש, וואָס זאָל אים אומברענגען.

די עפּאָכע פון „פינטעלע ייִד״ איז געווען די סאַמע פינצטערע אין דעם ייִדישן טעאַטער. אַ יאָר צייט האָבן כמעט אַלע ייִדישע טרופּעס אין פּוילן און אין רוסלאַנד, אָונט־איין, אָונט־אויס, געשניטן ווילדע גרימאַסן. אַלע אַקטיאָרן זענען געווען הייזעריק פון שרייען, מיד פון האָפּקען זיך און פאַרגרעבט פון די גראָבע וויצן, וועלכע מען האָט אַריבערגעבראַכט פון אַמעריקע, און פון די אייגענע, וואָס מען האָט צוגעגעבן כסדר יעדן אָונט.

אין מאָשקאָוויטשן האָבן מיר געפונען אַ טרייסט. אין אַמעריקע, הייסט עס, זענען נאָך דאָ ערנסטע שוישפּילער, וואָס „דאָס פּינטעלע ייִד" האָט נאָך נישט פאַרקריפּלט.

⁂

ווי געזאָגט, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן דעם גאַנצן יאָר אין לאָדזש. איך האָב איבערגעלאָזט די צייטונג מיין געהילף־רעדאַקטאָר, ד"ר י. גאָטליב, וואָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פאַר מיר, און איך בין צו־ריק אַריבער אין „פריינד".

דאָ איז קיין ענדערונג צום בעסערן נישט געקומען. פאַרקערט, דער טעאַטער איז נאָך ווייטער דעמאָראַליזירט געוואָרן, „אונדזער קרייז" איז אינגאַנצן צעשאָטן געוואָרן. דעם לעצטן קלאַפּ האָט ער באַקומען, ווען אונדזער י. ל. פּרץ איז אַריבער אין „היינט". אויף מיר האָט עס געמאַכט ממש אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. פון גרויס ביטערקייט האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט אַ פּעליעטאָן, „דער רבי איז נכשל געוואָרן"... איך האָב שטאַרק חרטה געהאַט אויף מאָרגן, ווען איך האָב עס געזען אין דרוק. איך האָב חרטה געהאַט, ווייל בעצם האָבן מיר אַלע געוווּסט, אַז אין דעם איז שולדיק געווען בלויז דער צו געטרייער י. דינעזאָן, וועל־כער האָט געוואָלט פּרצן זען אַ פאַרזאָרגטן מאַטעריעל. אויף פּרצן האָט זיך שנעל געדרוקט די אַלטקייט און מען האָט אייגנטלעך גענאַרפט עפּעס טון צו פאַרזאָרגן די עקזיסטענץ. זיין גוטער דינעזאָן, וואָס איז געווען פּרצעס פינאַנץ־מיניסטער, האָט אויסגערעכנט, אַז די הכנסה פון פּרצעס ביכער און דער געהאַלט אין „היינט" קענען אַזוי באַזאָרגן פּרצן, אַז ער זאָל זיך קענען אָפּזאָגן פון זיין אַמט אין דער גמינע.

דער חשבון, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז געמאַכט געוואָרן אָן דעם באַלעבאָס, אָן יאַצקאַנען, דעם רעדאַקטאָר פון „היינט". ביי יאַצ־קאַנען איז עס געווען בלויז אַ זשעסט, אַ קאַפּריז. ער האָט נישט באַ־דאַרפט האָבן פּרצן אין „היינט", ער האָט נישט געפּאַסט פאַר זיינע לע־זער. ער האָט אָנגעהויבן ענג מאַכן פּרצן.

נישט־לאַנג האָט עס געדויערט און פּרץ איז אַוועק פון „היינט" און איז צוריקגעקומען אין „פריינד", אָבער עס איז שוין נישט געווען דער־

זעלבער פּרץ. מיט טעאַטער־ענינים האָט ער זיך ווייניק אינטערעסירט. ער האָט זיך דאַן אַרויפגעוואָרפן אויף איבערזעצונגען פון דער ביבל.

בלויז איינמאָל, ווען מיר האָבן ביידע שפּאַצירט, האָט ער מיך פּלוצלונג אַ פרעג געטון:

— ווי מיינט איר, קאַפּעל (ער האָט מיך גערופן ביי מיין אמתן פאַמיליען־נאָמען), אַז מיינע דראַמעס וועלן קיינמאָל נישט געשפּילט ווערן? מיינט איר, אַז עס פעלט עפּעס אין זיי טעכניש?

איך האָב נישט געענטפערט גלייך אויף די דאָזיקע פראַגן. אַרומגייענדיק די פראַגן, האָב איך פונדעסטוועגן אַרויסגעבראַכט, אַז זיינע דראַמעס, דערהויפּט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, דאַרפן קלאָרער ווערן סצעניש און אינהאַלטלעך. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם און האָט מיך געבעטן צוזאַמען מיט אים אויסגעפינען, וואָס עס קען געטון ווערן אין דעם זינען.

אָבער סיי ער און סיי איך האָבן זיך מער נישט צוריקגעקערט צו דער נייער באַאַרבעטונג.

באַלד איז געקומען דער זומער 1914, עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, און פאַר מיינע אויגן איז דער אַלטער יידישער טעאַטער איינגעפאַלן ווי אַ קאַרטנשטיבל.

איך בין אַוועק פון וואַרשע. אין מיין וואַנדערניש איבער די ווייטע געגנטן פון גרויסן רוסלאַנד פלעג איך אָפט זיך אָנשטויסן אויף ברעקלעך פונעם אַלטן יידישן טעאַטער, ווי אויף ברוכשטיקער פון אַ שיף, וואָס איז צעשאָטן געוואָרן אינמיטן ים.

מיר איז אָבער באַשערט געווען צו זען מיט מיינע אויגן דעם אויפקום פון נייעם יידישן טעאַטער. איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַגריסט דעם ערשטן פּרווו פון אל. גראַנאָווסקי, דעם קינפטיקן דירעקטאָר פונעם מאָסקווער קאַמער־טעאַטער, און מ. עלקין. עס איז געווען אַ שוואַכער אָנהויב, אָבער אַ נייער. נייע מענטשן זענען צוגעקומען צום יידישן טעאַטער און דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָס, וואָס דער צווייטער באַגריסער איז געווען בעל־מחשבות, וועלכער איז קיינמאָל נישט צוגעשטאַנען צו אונדזער טעאַטער־באַוועגונג אין וואַרשע.

נאָכדעם האָב איך אין מאָסקווע געפונען אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס

זענען געזעסן מיט התמדה אויף דער טעאַטער־תורה. דאָס זענען געווען די שוישפּילער פון דער קינפּטיקער „הבימה“.

מיר איז געווען באַשערט צו זען די ערשטע בליעכצן פון אַ נייעם יידישן טעאַטער. אָבער דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, וועלכער גייט נישט אַריין אין דעם דאָזיקן טייל פון מיינע פאַרצייכענונגען.

***

פון מיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר בויען אונדזער קולטור אין אַלע לענדער אויפן זאַמד.

יעדע צעטרייסלונג אין אַ לאַנד צעטרייסלט ראשית כל אונדזער אָרעם קולטור־געצעלט.

אין סאַמע מיטן פון אונדזער האָוועניש אָרום יידישן טעאַטער אין פּוילן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז דער בייליס־פּראָצעס. מען האָט אונדז געוואָלט דערקלערן פאַר קאַניבאַלן, פּשוט פאַר מענטשן־פרעסער.

און נאָכן בייליס־פּראָצעס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און דעם צאַרס פעטער, אַ קיילעכדיקער אידיאָט, האָט מיט איין שטריך פון זיין פעדער געמאַכט אַ סוף צו דער יידישער קולטור אין פּוילן און אין רוסלאַנד.

די פּרעסע איז פאַרבאָטן געוואָרן, די טעאַטערס זענען פאַרמאַכט געוואָרן, די יידישע בוכהאַנדלונגען און פאַרלאַגן זענען נישט געוואָרן.

אין רוסלאַנד האָט מען „דאָס פּינטעלע ייד“ געמוזט שפּילן אין רוסיש. אין דער רוסישער איבערזעצונג האָט די דאָזיקע אָפּערעטע גע־הייסן „טאַטשקאַ יעווריייאַ“.

ווען עס האָבן אַ בלאָז געטון פרייע ווינטן אין רוסלאַנד, האָט אַ גרופּע יידישע יונגעלייט מיט דער הילף פון די בעסטע רוסישע טעאַ־טער־מענטשן געשאַפן דעם העברעישן טעאַטער „הבימה“.

און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן מסירות אויף דער „הבימה“, האָט לעניןזיך נישט צוגעהערט צו די מוסרים, ער האָט זיך צוגעהערט צו גאָרקין, צו שאַליאַפּינען און צו לונאַטשאַרסקין.

און ווען די מסירות אויף דער „הבימה“ זענען געוואָרן געדיכטער

און בייזער, האָט ער גענומען און דערקלערט די „הבימה" ווי אַן אַקאַ־דעמישן רעגירונגס־טעאַטער, צוגלייך מיט אַלע גוטע רוסישע טעאַטערס.

יאָ, לעניין האָט אַפּנים געוווּסט, אַז עס זענען דאָ זאַכן, אין וועלכע אַנדערע האָבן אַ בעסערע און טיפערע ידיעה, און ער האָט זיך מיט זיי מיישב געווען...

אָבער די „הבימה" האָט פונדעסטוועגן געזען, אַז זי איז אין אַ שטענדיקער געפאַר און זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון רוסלאַנד און גע־ראַטעוועט זיך קיין ארץ ישראל.

און אויף דאָס אייגענע שטיקל ערד לעבט זי און וועט לעבן, קיי־נער שטערט איר און קיינער האָט איר נישט געשטערט.

איצט איז „הבימה" אונטער די פליגלען פון אַן אייגענער יידישער מלוכה.

אין אייראָפּע איז געקומען אַ בלוט־שטורעם און האָט אַלץ, אַלץ — אי די יידישע מענטשן און אי זייער קולטור — אָפּגעווישט פון דעם פּנים פון דער ערד.

מיר האָבן זיך צעבליט אין פוילן, שטאַרק צעבליט.

אין דער גייסטיקער געטאָ האָבן מיר זיך צעבליט.

איצט איז פון קיין זאַך קיין זכר נישט געבליבן, נישט פון די יידן און נישט פון זייער קולטור.

און אין רוסלאַנד איז די יידישע קולטור אָפּגעווישט געוואָרן, און יידן זענען ווי פאַרבערעכער פאַרשיקט געוואָרן ווו ווייסע בערן קריכן אַרום.

און דאָ, אין אַמעריקע, האָט דאָס ביסל עולם־הזה אַזוי פאַרכאַפּט יידן, אַז זיי האָבן ליקווידירט זייער קולטור.

יאָ, מען לאָזט אונדז נישט זיך אויסלעבן מיט אונדזער ביסל גייס־טיק פאַרמעגן אין קיין לאַנד.

דאָ לאָזט מען נישט מיט בייזן.

און דאָ לאָזט מען נישט אונדז מיט ווילטאָג.

און ווילטאָג איז פונקט אַזוי געפערלעך פאַר אונדזער קולטור ווי אַנטיסעמיטישע בייזקייט און רויטע דיקטאַטאָרישקייט.

יאָ, מיר האָבן נישט קיין תקומה אין דער פרעמד.

מיר האָבן און מיר וועלן האָבן אַ תקומה אין אונדזער אייגן ווינקל.

נעמען־רעגיסטער

(די נעמען, וואָס פיגורירן אין ערשטן בוך זענען באַצייכנט מיט — I, אין צווייטן בוך מיט — II).

אבעלמאַן — II: 161, 162.
אַבערסאָן — I: 99
אַדלער יוליוס — II: 279
אוגער י. — II: 75—77, 279
אָזשעשקאָ עליזאַ — II: 14
איבסען — II: 180
אייזענבערג א. — II: 137
איינהאָרן דוד — II: 246
איינשטיין II: 76
אַלמי א. (שעפּס) — I: 237, 290
אַמפּיטעאַטראָוו — I: 299
אַנדזשעלאָ מיקעל I: 254
אַנטואַן — II: 137
אַנ־סקי ש. — I: 178; II: 137, 247, 248, 251
אָסטראָווסקי (קאַפּע־אייגנטימער) — I: 210, 212
אָסטראָווסקי (רוסישער דראַמאַטורג) — II: 168
אָסטראָווסקי (צייטונגס אַרויסגעבער) — II: 71, 101
אָפּאַטאָשו י. — I: 101
אַריסטאָטל — I: 291
אָרלאָווסקאַיאַ — II: 214, 238
אַרנשטיין מאַרק — II: 142, 181
אַרקאַ — II: 147
אַש שלום — I: 13, 14, 21, 48, 57, 72, 78, 159, 182, 185—199, 203, 205, 206, 210, 211, 259; II: 168, 195, 215, 217, 221, 225, 239—241, 247, 248, 273, 275, 276, 286

באמאש — II: 118, 120
באָריישאָ מנחם — I: 158
ביאַליק — I: 166, 167, 180, 249—251
ביילים — I: 171; II: 32, 33, 35, 38, 62, 122, 126—132, 287, 291
בן־אביגדור — I: 92, 124; II: 133
בן־אדיר — II: 78
בן־אליעזר — II: 72, 73
בן־עמי יעקב II: 215, 216, 238
בעל־מחשבות (עליאַשעוו איזידאָר ד״ר) — I: 78, 93, 94, 96—98, 100—103; II: 290

בעק יוזעף — II: 20
בערגסאָן אַנרי — I: 291; II: 52
בערדיטשעווער לוי־יצחק — I: 213
בערמאַן — II: 161
בערנאַרד סאַראַ — II: 137, 151
בערנשטיין אַנרי — II: 231
בערקאָוויטש י. ד. — I: 30, 49—57, 249, 256
בערקאָוויטש טיסאַ — I: 54
בראַגינסקאַיאַ — II: 147
בראַדערזאָן משה — II: 77
ברוין — II: 161
ברון העיווד — I: 204

גאָטליב י. ד״ר — II: 70, 72—74, 101, 102, 104, 289
גאָלדבערג אב. — II: 284
גאָלדפאַדען אברהם — II: 188, 190, 207,
גאָלדשטיין זינע — II: 278,
גאָרדין יעקב — I: 129; II: 141, 144, 150, 152, 166—168, 175, 176, 180, 183, 184, 190, 209, 224, 225, 268, 270, 287, 288.
גאָרעליק שמריהו — I: 106
גאָרקי מאַקסים — II: 9, 37, 291
גוטמאַן ה. (דער לעבעדיקער) — I: 290,
גורעוויטש — II: 191
גינצבורג שאול — I: 42, 72
גערינג הערמאַן — II: 20
גראַנאָווסקי אַלעקסאַנדער — II: 290
גראָסער — I: 160; II: 222
גרינבוים יצחק — II: 27
גרינבלאַט עליזאַ — I: 295

דאָווידזאָן לייבוש — II: 240
דאָווידזאָן נח ד״ר — II: 240, 241, 245
דאַ ווינטשי לעאָנאַרדאָ — I: 254; II: 111
דאַלסקאַיאַ — II: 214
דאָסטאָיעווסקי — II: 14
דזשערזשינסקי — II: 9
דובנאָוו ש. — II: 251, 252
דימאָוו אָסיפּ — I: 288; II: 283—285
דינגאָל ס. — I: 127
דינעזאָן יעקב — I: 138—145, 157, 171, 172, 177, 178; II: 136, 171, 188, 197, 212, 214, 215, 218, 220, 222, 232, 233, 240, 241, 248, 249, 253, 254, 289
דראַנאָוו — II: 161

האָכבערג — I: 15—17; II: 144, 148, 150
הוגאָ וויקטאָר — I: 90, 221
הויפּטמאַן גערהאַרד — II: 190
הורדוס — I: 194
הורוויץ — II: 224, 225
היטלער — I: 85, 292, 294; II: 10, 11, 15, 20, 21, 28, 32, 42, 51, 53
הייערמאַן — II: 217
הירשביין פּרץ — II: 105, 209, 212, 214—217, 222—225, 276, 277.
הירשקאַן צבי — I: 111
הנ״ץ — I: 268
העלמאַן — II: 101, 102, 129
הערמאַן דוד — II: 216

וואַקסמאַן — II: 226
וויטער א. — I: 22, 57, 78, 104, 106, 108—115, 155—157, 163, 223, 260, 261; II: 195, 198, 199, 201, 202, 204, 207, 214, 215, 218, 233—238, 240—252, 254, 255
וויסמאַן — II: 173, 186
וויסמאַן יערמאַלינאַ — 173, 186
ווייסענבערג א. מ. — I: 21, 78, 257—261, 263—270, 282, 284; II: 41
ווייצמאַן חיים — I: 85, 90, 99
וויפּער — I: 129
וולאַדעק ב. — I: 275

זאַגאַראַדסקי — I: 25
זאַמיסלאַווסקי — II: 129
זאַנדבערג — II: 124, 273—277, 279, 281, 282, 286
זאַנענטאַל — I: 238, 239
זאַסלאַווסקי — II: 146, 150, 151, 280, 281
זודערמאַן — II: 180, 231
זילבערבערג — II: 215
זילבערט — II: 224
זשאַבאָטינסקי — II: 122—124
זשיטלאָווסקי חיים ד״ר — I: 223
זשעליאַזאָ — II: 171, 173, 185, 191, 238
זשעליאַזאָ פרוי — II: 173

טאָלסטאָי לעוו, גראַף — I: 200, 202, 203; II: 14, 37
טאָמאַשעווסקי באָריס — II: 182, 224, 280—285
טווים יוליאַן — II: 14
טונקעל יוסף (דער טוקעלער) — I: 233, 287, 290, 292—298, 300—302.
טייטלבוים — II: 238
טרונק י. י. — I: 155, 179, 292
טרילינג מאַדאַם — II: 238
טשערניכאָווסקי שאול — I: 251
טשעסטערטאָן — I: 204

יאַגעלאָ I: 133; II: 21—28, 236
יאָושזאַן ב. — II: 44
יאַנג קלאַראַ — II: 224, 256, 258—262, 281
יאַפּפע י. (דעבאָרין) — I: 75, 76; II: 68, 133
יאַצקאַן ש. י. — I: 32, 38—46, 69, 91, 144, 231; II: 143, 289
יאַקובאָוויטש — I: 33, 39
יושקעוויטש — II: 217

יעזוס — I: 193—196, 198, 199, 201, 203; II: 34
יפה ל. — I: 114

כ״ץ משה — I: 180, 273

לאַבעל II: 224
לאַטיינער — II: 190, 199, 207, 224, 225
לאַנדאַו — II: 161, 238
לונאַטשאַרסקי — II: 291
לוריאַ י. ד״ר — I: 42, 72
ליבין — II: 141, 209, 224, 225
ליבערט — II: 171, 173, 184, 191
ליבערט פרוי — II: 173
לידסקי — I: 63, 64, 70, 92, 124, 209, 210; II: 133
ליודוויפּאָל — I: 45
ליטוואַק אַ. — I: 57, 78; II: 68, 206
לייוויק — I: 101
ליעסין אַ. — I: 275, 285
לעבעדיעוו אהרון — II: 278
לעווין גרשון ד״ר — II: 240—243
לענין — I: 225; II: 9, 291, 292
לערמאַן — II: 161

מאירסאָן — II: 226
מאַסלאָוו — I: 85
מאַראַזאָוו — II: 86
מאַרקס — II: 84, 85
מאַשקאָוויטש מאָריס — II: 224, 286—289
מוקדוני אַ. ד״ר (קאַפּעל ד״ר „קאַליף״) I: 13, 26, 78, 126, 128, 129, 238, 290, 300; II: 154, 199, 241, 290
מייזיל נחמן — I: 131
מייזנער זלמן — I: 123
מייזעל רבי — II: 104
מייערכאָלד — II: 210
מיללער ש. — I: 228
מינקאָווסקי מאָריצי — I: 153—155

מיצקעוויטש — II: 14. 46
מענדעלסאָן שלמה — II: 42, 43
מענדעלע (דער זיידע) — I: 59, 60—70, 72, 92, 165, 180, 207; II: 165
מענדעס קאַמיל — II: 151
מעסאַל — II: 16, 261
מערעזשקאָווסקי ד. — I: 200
מרדכילע ר' (מ. טשעמערינסקי) — I: 78, 82—92
משה רבינו — I: 194

נאַדיר משה — I: 226, 281; II: 120
נאָמבערג ה. ד. — I: 11—15, 17, 18, 20, 22, 24, 37, 38, 40, 42, 43, 48, 57, 72, 78, 79, 128, 129, 159, 166, 210, 211, 221—223, 269; II: 69, 106, 168, 190, 191, 195, 199, 201—206, 221, 233, 239—241, 272, 273, 275, 276
נוסבוים ד"ר — II: 52, 58, 59
ניגער ש. — I: 94, 106, 114
ניקאָלאַי דער צווייטער — I: 89, 91, 125
ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש — I: 125, 170; II: 35, 133
נעמי לאה — II: 214, 238
נעראָסלאַווסקי אסתר — II: 161

סאַלאַנטער ישראל ר' — I: 119
סאַמאַדעני — I: 28, 29
סאַמבערג — II: 161
סאָקאָלאָוו נחום — I: 45, 160, 232, 233, 245
סודאַרסקי מ. ד"ר — I: 295
סטאַלין — I: 225; II: 21
סטאַניסלאַווסקי — II: 152
סטרינדבערג — II: 288
סלאָוואַצקי — II: 46
סלאָווין (פרוי בן־עמי) — II: 214
סלאָנימסקי II: 14

סעגאַלאָוויטש זוסמאַן — II: 77, 91, 93—98
סעגאַלאָוויטש קלאַראַ — II: 93
סעראַצקי — II: 173, 186
ספעקטאָר מרדכי — I: 16, 24—29, 32—36, 48—50, 57, 58, 61, 69; II: 154, 158, 159, 164, 165, 168, 194, 235, 240, 241, 273, 275, 276
סקאַלאַן — II: 29

עדעלמאַן ס. — II: 173, 186, 238
עלקין מענדל — I: 109, 127; II: 105, 107, 246, 254, 299
עפלבוים — II: 161, 223, 224
עפעלבערג ה. — II: 139, 143, 159, 161, 162, 226
עפשטיין־וואַדי פעני — II: 263, 269, 271
עקיבא רבי — II: 231
ערנבורג איליאַ — I: 273

פאַדלישעווסקי אברהם — II: 240, 243, 244
פאָולאַ ר. — I: 235
פאָזנאַנסקי — II: 75, 81, 84
פאַן אַבעל — II: 137
פאַרנייטיס — II: 128
פילסודסקי — II: 10, 15, 110
פינסקי דוד — II: 141, 178, 217, 224, 225, 286
פיקאָן מאַלי — II: 262
פערעטץ אַדאָלף — I: 132—135
פרילוצקי נח — I: 231, 233—237, 240—242, 292; II: 143, 144, 167, 190, 204, 206, 235
פרילוצקי צבי — I: 25, 231—233, 292; II: 235
פרץ יאַנעק — I: 148, 173—175
פרץ י. ל. — I: 21, 22, 30—32, 43, 56, 78, 96, 109—111, 128—133, 135—

57, 61—63, 65, 67, 68, 70, 73—75,
149, 151—167, 169—181, 186, 237,
238, 240, 245, 246, 249, 250, 252,
253, 258, 262, 267, 270; II: 36, 41—
43, 137, 142, 143, 160, 165, 167—
169, 171, 179, 180, 185, 188, 189,
191, 194, 195, 197—201, 203—206,
211—216, 218, 222, 232, 233, 238—
242, 245, 247—255, 272—276, 286,
289, 290

פרץ לוציאַן — I: 145—148, 169, 173—175

פרץ מאַדאַם — I: 136, 140, 144, 145, 157, 169, 172, 176

פיביך פרוי — II: 281

פייוועל באַרטאָלד — I: 99

פינקעלשטיין נח — I: 38, 41, 46, 231

פינקעלשטיין נחמיה — I: 38, 41, 46, 231

פישזאָן אברהם — II: 139, 144 146—153

פישזאָן מישאַ — II: 146, 150

פישמאַן יעקב — I: 44

פישעלעוויטש — II: 288

פעלדשטיין משה — II: 240, 243—245

פעפערמאַן — II: 137

פראַנק־יאָזעף — I: 239

פריד לאַזאַר — II: 215, 238

פרידמאַן — I: 45

פרישמאַן דוד — I: 20, 22, 25, 37, 40, 42, 43, 51, 56, 61, 63, 148, 149, 159, 166, 167, 180, 237, 243, 244, 246—253, 255; II: 75, 144, 205, 206, 259

פרישמאַן לילי — I: 254

צייטלין הלל — I: 233

צעדערבוים אַלעקסאַנדער — I: 45

קאַבריק — II: 224, 225

קאַהאַן אַב. — I: 195, 273—275, 277

קאַוואַ, ש. ל. — I: 237—240

קאַוועצקאַ — II: 16, 261

קאַטלאַר — I: 89

קאַלמאַנאָוויטש — II: 224

קאַמינסקי אברהם — II: 140, 173, 174, 182, 226, 231, 232

קאַמינסקי אסתר־רחל — II: 139, 140, 167, 172—174, 177, 179, 181—183, 189, 193, 231, 269

קאַמינסקי רעגינאַ — II: 173

קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ וויעראַ — I: 185; II: 210

קאַמפּאַניעץ — II: 139, 154, 156, 219

קאַמפּאַניעץ מאַדאַם — II: 156, 157

קאַנט — II: 76

קאַפּלאַן — I: 92, 124

קאַציזנע אַלטער I: 155, 156

קאַצענעלסאָן יצחק — II: 77

קאַקלען — II: 138

קאַרנבליט — II: 224

קוטנער ש. — II: 215, 238

קוכאַזשעווסקי — II: 25, 28

קלויזנער יוסף, פּראָפעסאָר — I: 56, 249

קליין — II: 161

קלעצקין באַריס — I: 108, 113, 114

קנאַפּהייס משה — I: 268, 269

קעסלער דוד — II: 224, 280, 281, 285, 286

קראַטקאַ (סקולפּטאָר) — 152, 155

קראַטקאַ מאַדאַם — I: 151, 152, 154; II: 211, 212, 238

קראַכמאַל נחמן — I: 122

ראַגאָף הלל — I: 277

ראַווניצקי י. ח. — I: 54

ראָזענבוים — I: 99

ראָזענפעלד יונה — I: 72, 78, 261, 270—275, 277, 278, 282—284

ראָזענפעלד שמואל — I: 21, 42, 57, 72,

74, 77—80, 82—84, 86, 87, 90, 91,
111, 116, 117, 120—122, 125, 127,
220—222, 260, 290, 300; II: 67, 68,
70, 117, 118, 133, 192, 195, 240, 241

ראָטשטיין — II: 224
ראָסטאָפּטשינאָ — II: 261
ראָסין פּרוי — I: 214
ראַפּאָפּאָרט שבתי — I: 57, 73, 74, 76;
II: 194
ראַפּעל מאַדאַם — II: 161
ראַפּפּעל — II: 139, 161, 223
רייזען אברהם — I: 48, 57, 72, 78,
215—217, 159, 207—217; II: 195,
239—241
ריינהאַרד מאַקס — I: 185; II: 138
רעזשאַן מאַדאַם — II: 138

שאַגאַל מאַרק — I: 97
שאָו בערנאַרד — I: 146, 147
שאַליאַפּין — II: 86, 291
שאַפּיראָ — II: 133
שאַפּיראָ לאַמעד — I: 78, 209, 219,
221—226, 228
שאַצקי י. ד״ר — II: 14
שאַר — II: 227
שאַשקעס ח. ד״ר — II: 112
שוואַרץ מאָריס — I: 273
שווייד מאַרק — II: 238
שולמאַן — II: 137
שטיבל אברהם יוסף — I: 256
שטיינמאַן א. — I: 248
שטיף נחום — II: 78
שייבלער — II: 81, 84
שיק אַרטור — II: 77, 108—115
שלאָסבערג מאַדאַם — II: 161
שלום עליכם — I: 30, 49, 51—56, 164,
165, 180, 208, 290; II: 137, 215, 216,
שערמאַן — II: 258, 259
שניאור ז. — I: 251
שעקספּיר — I: 213, 254; II: 280
שערעשאָווסקי מ. — I: 140; II: 246
תאומים ד״ר — II: 118—120, 131

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־ווייערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגעניש׳ן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מײַן לעבן

76) **יהושע פערלע** — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פּרעמיע פון ייִדישן פּען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכּור־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך

82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מײַן אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (**זכרונות**)

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (**אויספאַרקויפט**)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געררויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)

94) **גרשם באַדער** — מײַנע זכרונות (**קראָקע**)

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (**זכרונות**)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — ייִדישע נאָפט־מאַגנאַטן

102) **משה זאַנשיין** — ייִדיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)

105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108־109) **מרדכי שטריגלער** — געעגרעמט מיטן ווינט (**ראָמאַן**)

110־111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש.

עס דרוקט זיך און דערשײַנט בקרוב:

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (**זכרונות**)

עס גרייט זיך צום דרוק:

מאַקס וויינרייך — פון בײַדע זײַטן פּלויט (**וועגן אורי קאָוונער**)

פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען

ש. בערלינסקי — ירושה

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 111

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
Dr. A. MUKDONI, New York

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 25 DE MARZO DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

Dr. A. MUKDONI

EN VARSOVIA Y EN LODZ

TOMO II

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES — 1955